STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07920

GEKLIBENE SHRIFTEN

Anton Pavlovich Chekhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אַנטאָן טשעכאָוו.

געקליבענע

שריפטען

— פון —

אנטאן טשעכאוו

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין.

ערשטער באַנד

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
85־83 קאנאל סטריט, ניו יאָרק.
1910.

COLLECTION OF WRITINGS

by

A N T O N   C H E K H O V

Translated into Yiddish by LEON KOBRIN.

Copyright 1911

Hebrew Publishing Company.

New York.

אינהאלטס־פערצייכניס

די נקמה 3
וואָס אַן אָנגעקלאָגטער האָט דערציילט 9
אַ בעקאַנטער מאַנספּערשוין 18
אַ גליקליכער מענש 24
אַ רפואה געגען שיכרות 32
אַ טהעאַטער־דירעקטאָר אונטער אַ זאָפּע 41
די ענגלענדערין 46
דער אויסרופונגס־צייכען 52
דער רעדנער 59
אַ קונסט־ווערק 65
דער נצחון פון אַ זייגער 71
דער ממזר 76
אַן עלענדע בעשעפעניש 84
אַ טהייערער קינד 92
אויס די שריפטען פון אַ אויפגערעגטען מענשען 96
זומער געסט 110
אַ רעטהזעלהאַפטע נאַטור 113
דער טויט פון אַ בעאַמטען 117
די מכשפה 122
נערוועו 141
דאָס איז געווען זי 147
איבערגעזאָלצען 154
איבריגע מענשען 160
דער שלעכטער אינגעל 169
אַ מעשה מיט אַ שוהל־אינגעל 173

II.

א שריפטשטעלער 178
אַן אונגעוועהנליכער מענש 183
דער קרומער שפּיגעל 190
אַ פאַמיליען־פּאַטער 194
אַ גוטער סוף 200
אין באַד 1 207
אין באַד 2 213
דאָס לעזען 220
דער ערשטער ליעבהאָבער 226
די פּאַסירונג 234
דער פּאַסאַזשיר פון דעם ערשטען קלאַס 242
אונפאַרזיכטיגקייט 252
דער קלוגער וועכטער 258
די שטיוועל 262

אנטאָן טשעכאָוו

1.

ווען די העררן פון דער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַניע“ האָבען מיין פאָרשלאַג אָנגענומען, צו איבערזעצען עטליכע באַנד פון טשעכאָוו'ן אין אידיש, איז ביי מיר געווען אַ גרויסער יום טוב. טשעכאָוו'ן איבערזעצען, דעם זשעניאַלען מייסטער פון דער קורצער ערצעהלונג, וואָס פאַר אַ טהייערען אוצר פון אמת'ע ברילִיאַנטען וועט דורך דעם די אידישע ליטעראַטור אריינקריגען! די אידישע לעזער האָבען ביז איצט געקאָנט טשעכאָוו'ן מעהר פון הערען וועגען איהם, ווי פון לעזען איהם. זעלטען־זעלטען פלעגט ערשיינען זיינע אַ סקיצע אין די היגע אידישע צייטונגען, איצט, מיט דער ארויסגאַבע פון די דאָזיגע פיער באַנד פון זיינע ערצעהלונגען, וועט דער אידישער לעזער האָבען די געלעגענהייט צו בעקאָנען זיך מיט איהם נאָהענט, און איך בין זיכער, אַז ער, דער אידישער לעזער, וועט זיין דאַנקבאַר די העררן פון דער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַניע“, וועלכע האָבען די לעצטע צייט זיך גענומען אויף אַ נייעם וועג, צו בערייכערען די אידישע ליטעראַטור מיט די גרויסע שעפּפער פון די פרעמדע ליטעראַטורען אין עהרליכע, ניט פערפעלשטע איבערזעצונגען.

מיט דעם גרעסטען אבשיי בין איך*) צו דער אַרבייט צוגעטראָטען; מיט דער גרעסטער ליעבע האָב איך איהם איבערזעצט און אַלע כוחות מיינע

---

*) אַ גאַנץ גרויסע טהייל פון די פאָרליגענדע ערצעהלונגען זיינען איבערזעצט געוואָרען פון מיין פרוי, בעקאַנט אונטער'ן פּסעוודאָנים: פּ ו י ל י נ ע ס ע ג א ל. אַלעס, וואָס איך זאָג וועגען מיין פערהאַלטען זיך צו דער אַרבייט, קאָן נאָך מיט מעהר רעכט געזאָגט ווערען וועגען מיין פרוי'ס.

ל. ק.

II.

האָב איך אָנגעווענדעט, בעת דער איבערזעצונג, איבערצוגעבען אין אונזער אידישער שפּראַך טשעכאָוו'ס שטימונג, זיינע גאַנץ בעזונדערע, אייגענאַרטיגע, ר י י ן ־ ט ש ע כ אָ ו ו ס ק ע פאַרבען, ווייכע און טרויעריגע צאַרטע און בענקענדיגע, ווי די פאַרבען פונ'ם שטילען, פערטראַכטען יעסינדיגען בין השמשות, אַמאָל אַ במארען, א פערוואָלקענטען, און אַמאָל אַ פרעהליכען, אַ שמייכלענדיגען... דען טשעכאָוו'ס הויפּט־פאַרבען, מיט וועלכע ער האָט זיינע בילדער געמאָהלען, זיינען געווען די פאַרבען פון שטילער, פערטראַכ־טער יעסינדיגער דעמערונג, אפילו אין זיינע קאָמישע בילדער פיהלען זיך אויך די פאַרבען פון שטילען יעסינדיגען בין השמשות...

בשעת איך האָב איהם איבערזעצט, האָב איך זיך אָפט דערמאָנט אָן דעם, וואָס איינער אַ קריטיקער (אויב איך האָב ניט קיין טעות, געאָרג בראַנדעס), האָט געזאָגט וועגען דעם גרויסען שריפטשטעלער טורגענעוו:

— טורגענעוו — האָט יענער קריטיקער אונגעפעהר געזאָגט — טונקט זיין פּינזעל אין דעם אָזור פון דעם פריהלינגס־הימעל...

געברויכענדיג די דאָזיגע מעטאפאָהר אויף טשעכאָוו'ן, האָט מען נאָך מיין מיינונג געקאָנט זאָגען, אַז ער האָט זיין פּינזעל געטונקט אין דער פאַרב פון דער פערטראַכטער יעסינדיגער דעמערונג...

— קיינמאָל איז ער ניט געווען פרעהלאַך אָהן אַ שאָטען פון טרויע־ריגקייט — שרייבט וועגען איהם זיינע אַ נאָהענטע פריינדין, די רוסישע שריפטשטעלערין ל. אַווילאָוואַ.

דער דאָזיגער „שאָטען פון טרויעריגקייט“, וועלכער פיהלט זיך אויך אין די מעהרסטע פון זיינע פרעהליכע, הומאָריסטישע ערצעהלונגען, זיינען די פאַרבען פון דער זאַנפטער יעסינדיגער דעמערונג...

און ניט אומזיסט האָט ער איין זאַמלונג פון זיינע ערצעהלונגען אָנ־גערופען „אין דעמערונג“.

2

אַנטאָן טשעכאָוו איז געבאָרען געוואָרען אין'ם יאָהר 1860 אין דער שטאָדט טאַגאַנראָג. זיין פאָטער, פון'ם געבורט א פויער, האט אין דעם זעל־ביגען יאָהר זיך געהאָט בעזעצט אין דער שטאָדט, וואו ער האט געעפענט אַ

III.

קליין געשעפֿט. אין יאָהר 1878 האָט ער געענדיגט די גימנאַזיאום אין טאַגאַנראָג. דערנאָך איז ער אריינגעטראָטען אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, וואו ער האט געשטודירט מעדיצין. אין'ם יאהר 1884 האט ער געענדיגט דעם אוניווערסיטעט. אַלס דאָקטאָר האט ער פּראַקטיצירט נישט לאַנג און האט זיך אין גאַנצען אָפּגעגעבען צו ליטעראַטור. געשטאָרבען איז ער פֿון שווינדזוכט דעם צווייטען יולי, 1904, אין'ם אַלטער פֿון 44 יאָהר, אין דער סאַמע בליהונג פֿון זיין מעכטיגען טאַלענט. ער איז געשטאָרבען ווייט פֿון זיין היימאַטה, אין דער דייטשער שטעדטעל באַדענווייל_ער, וואוהין ער איז געפֿאָהרען זיך קורירען. די דאָזיגע שטעדטעל האט מיט צוויי יאָהר צוריק, דעם 25טען יולי, 1908, פֿעראייביגט דעם אַנדענקען וועגען זיין טויט דורך אויפֿשטעלען איהם אַ מאָנומענט, דער ערשטער, וואס מען האט טשעכאָוו'ן געשטעלט.

.3

אַנטאָן טשעכאָוו איז היינט אנערקענט אלס איינער פֿון די גרעסטע צווישען די גרעסטע מייסטער אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער איז איבער־זעצט אין אַלע אייראָפּייאישע שפּראַכען.

מיט דער אויסנאַהם פֿון טאָלסטאָיען, און אפשר נאָך פֿון טורגענעוו'ן און דאָסטאָיעווסקי'ן, האט קיינער פֿון די רוסישע שריפֿטשטעלער ניט איבערגעלאָזט אַזאַ טיעפֿען שפּור אין דער רוסישער ליטעראַטור, האט ניט געהאַלטען אזוי געשפּאַנט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם רוסישען לעזער, איז אזוי פֿיעל ניט בעשפּראָכען געוואָרען אין דער ליטעראַטור, ווי אַנטאָן טשעכאָוו. קיין איין בעדייטענדער ליטעראַטור־קריטיקער איז היינט ניטאָ, קיין איין בעדייטענדער שריפֿטשטעלער, וואס זאָל ניט שטעלען טשעכאָוו'ן אין דער ערשטער רייהע צווישען די גרעסטע קינסטלער אין דער וועלט־ליטעראַטור. ג ע אָ ר ג ב ר אַ נ ד ע ס בעצייכענט איהם אַלס „דער בעסטער דיכטער פֿון רוסלאַנד.“ דער אַלטער ריעז ל. ט אָ ל ס ט אָ י, וועלכער איז בעגייסטערט פֿאר גיו דע מאָפּאַסאַן'ס ווערק — שרייבט דער רוסישער שריפֿט־שטעלער פּ. סערגעיענקאָ — געפֿינט נור איין שרייבער, וואס קען זיך פֿער־גלייכען מיט זיין טאַלענט צו מאָפּאַסאַן'ען — טשעכאָוו'ן. טאָלסטאָי שטעלט

IV.

טשעכאָוו'ן אפילו העכער פון זיך און לעזט פאָר אָפט זיינע ערצעהלונגען פאָר זיינע געסט.

— עס האט געטראָפען — שרייבט דער זעלבער סערגעיענקאָ אין זיינע עראינערונגען וועגען טשעכאָוו'ן, וואס זיינען נישט לאַנג ערשיענען אין אַ זאַמעל־בוך צוזאַמען מיט די זכרונות פון אַנדערע שריפטשטעלער, וואס איז ארויסגעגעבען געוואָרען לכבוד פון טשעכאָוו'ס יאָהרצייט: — עס האט אָפט געטראָפען, אז טשעכאָוו'ס אַן ערצעהלונג איז עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעלעזען געוואָרען אין דער הויף ביי טאָלסטאָי'ען... איך געדענק — שרייבט ווייטער דער זעלבער סערגעיענקאָ — איינמאָל בין איך געקומען צו טאָלסטאָי'ען מיט טשעכאָוו'ס ערצעהלונג „נשמה'ניו," וואס איז נור וואס ערשיענען אין דעם זשורנאַל „די פאַמיליע." שפּעטער, זיצענדיג ביים טהעע און שמועסענדיג וועגען ליטעראַטור, האב איך אויך דערמאָנט טשעכאָוו'ס נייע ערצעהלונג. טאָלסטאָי האט זיך אַ כאַפּ געטהאָן מיט לעבעדיגער נייגעריגקייט און ביי מיר א פרעג געטהאָן, אויב איך האב די ערצעהלונג געלעזען און ווי זי געפעלט מיר. איך האב געענטפערט, אז די ערצעהלונג איז אַ נישקשה'דיגע און אויב ער אינטערעסירט זיך מיט איהר, האב איך די ערצעהלונג מיט זיך.

— אַ נייע ערצעהלונג פון טשעכאָוו'ן! ווילט איהר הערען? — האט טאָלסטאָי ווי אַנאָנסירט פאר די אַנוועזענדע.

אלע זיינען צופריעדען געוועזן צו הערען.

שוין ביי די ערשטע שורות האָט טאָלסטאָי אויסגעדריקט זיין צופריעדענהייט מיט דער ערצעהלונג דורך פערשיעדענע אויסגעשרייען. דערנאָך האט ער זיך געווענדעט צו מיר אין מיטען לעזען מיט אַ פאָרוואורף:

— וואס האט איהר געזאָגט: „אַ נישקשה'דיגע ערצעהלונג?" דאס איז דאָך אַ פערל, אַן אמת'ע פערל פון קונסט, און ניט נור אַ „נישקשה'דיגע ערצעהלונג."

און אז ער האט די ערצעהלונג איבערגעלעזען, האט ער גענומען ריידען וועגען איהר מיט התפעלות, מיט בעגייסטערונג, און האט גאַנצע שטעלען פון איהר ציטירט אויף אויסווענדיג.

— ווי גוט און ווי טרעפענד — האט ער גערעדט — האט טשעכאָוו איבערגעגעבען די שפּראַך פון דעם וועטערינאַר! און די דאָזיגע „לויה!" און דאס אמת'ע פרויען־געפיהל, וואס איז אזוי קורץ און אזוי קינסטלעריש אויסגעדריקט געוואָרען אין „נשמה'ניו." אן אויסגעצייכענטע ערצעהלונג!

V.

און ווי אַן אמת קינסטלעריש ווערק, קאָן עס מאַכען אויף פערשיעדענע מענשען א פערשיעדענעם איינדרוק.

שפּעטער א ווײַלע זיינען צו טאָלסטאָי'ען אָנגעקומען נייע געסט. בעגריסט זיי, האט ער זיך אָנגערופען: — האט איהר שוין געלעזען טשעכאָוו'ס נייע ערצעהלונג: „נשמה'ניו"? ניין? ווילט איהר הערען?

און טאָלסטאָי האט ווידער גענומען לעזען פאר זיי די ערצעהלונג „נשמה'ניו."

— איינמאָל — שרייבט דער זעלבער סערגעיענקאָ — בעת טאָלסטאָי האט געשפּאַצירט מיט איניגע פון זיינע געסט איבער'ן פּאַרק פון זיין גוט, איז געקומען צו רייד וועגען א נייעם ווערק פון אַ שרייבער, וועלכען מען האט פערגליכען צו טשעכאָוו'ן. טאָלסטאָי האט זיך אָפּגעשטעלט און, פערלייגט די האַנד אַהינטער'ן גאַרטעל פון זיין בלוזע, האט ער ארויסגערעדט פערטראַכט:

— איך פערשטעה ניט, וואָרום מען גלייכט איהם צו צו טשעכאָוו'ן. נאָך מיין מיינונג איז צו טשעכאָוו'ן אלס קינסטלער ק י י ן ג ל י י כ ע ן נ י ט אָ. דער איינציגער, וועלכען מען קאָן יאָ צו איהם פערגלייכען, איז מאָפּאַסאַן. נישט לאַנג האב איך נאָך אַמאָל איבערגעלעזען טשעכאָוו'ן כמעט אין גאַנצען. אַלעס איז ביי איהם אַזוי רייצענד, וואונדערבאַר. עס זיינען פאַרהאַן מאַנכע ניט טיעפע שטעלען, יאָ, ניט טיעפע שטעלען, אבער אלעס איז רייצענד. און טשעכאָוו'ן אלס מאהלער קען מען אפילו ניט צוגלייכען צו די אַלטע רוסישע שריפטשטעלער — צו טורגענעוו'ן, דאָסטאָיעווסקי'ן אדער צו מיר. טשעכאָוו האט זיך זיין בעזונדערע, אייגענע פאָרמע, ווי ביי די אימפּרעססיאָניסטען. זעהסט, אַ מענש שמירט, דאַכט זיך, מיט פאַרבען אָהן א פּלאַן און סדר, מיט פאַרבען אָהן אַן אויסוואַהל, מיט וואס'רע עס מאַכט זיך איהם נור אונטער דער האַנד; און עס ווייזט זיך אויס, אז די דאָזיגע שמירעכצען האבען, דאַכט זיך, קיין צוזאַמענהאַנג איינס מיט'ן אַנדערן. טרעטסט אבער אָפּ אביסעלע ווייטער און טהוסט א קוק — ערשט פאר דיר לעבט אויף א העל, מעכטיג בילד, וואס מאַכט אויף דיר א מערקווירדיגען איינדרוק. און נאָך אַן אמת'ער סימן, אַז טשעכאָוו איז אַ וואָהרער קינסטלער, איז דער פאַקט, וואס מען קען איהם איבערלעזען עטליכע מאָל, אויסער, נאַטירליך, זיינע פּיעסען, וועלכע זיינען ניט זיין זאַך....

אָט אזוי הויך שטעלט דער גרויסער טאָלסטאָי אַנטאָן טשעכאָוו'ן.

VI.

.4

טשעכאָוו'ן האט מען נישט גלייך אנערקענט. א סך יאָהרען האט גענו־מען, ביז די רוסישע קריטיקער האבען איהם פערשטאַנען און אָבגעשעצט. ביז דעמאָלט האָבען די מעהרסטע פון די רוסישע קריטיקער, די בכבוד'סטע צווישען זיי, איהם בעפאַלען און גאַנץ אָפט איהם זעהר גראָב אַטאַקירט.

אויפ'ן ליטעראַרישען פעלד איז טשעכאָוו צוערשט ארויסגעטראָטען מיט קלייניגקייטען, מיט שטיפעריייען. אין'ם יאָהר 1879, בעת ער איז געווען אַ שטודענט פון מעדיצינישען פאַקולטעט אין מאָסקווע, האט ער ארייגגע־שיקט זיין ערשטע זאַך: „אַ בריעף צו אַ שכן אַ וויסענשאַפטסמאַן" אין דער הומאָריסטישער ציישונג „סטרעקאָזאַ." זייט דעמאָלט הייבט זיך אָן זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט. אונטערגעשריעבען האט ער זיך דאַן אונטער זיינע זאַכען מיט'ן נאָמען אַנטאָשאַ טשעכאָנטע.

אזוי ווי ער האט געמוזט זוכען צו פערדיענען אויף חיונה פאר זיך און זיינע עלטערען, האט ער אויך גענומען שרייבען ראָמאַנען אין די מאָסקווער ציישונגען, האָט אָפּגעדרוקט איין ראָמאַן: „אַן אומזיסטער זיעג" אין דער ציישונג „דער וועקער," א צווייטען: „פערשפעטיגטע בלומען" אין דער ציישונג „ליכט און שאטען" און אַ דריטען: „דער גאָלדענער צאָפּ" אין דער ציישונג „מאָסקווא."

די דאָזיגע אַלע ראָמאַנען זיינען קיינמאָל נישט אריין אין די זאַמ־לונגען פון זיינע ווערק.

אין זיינע עראינערונגען וועגען אַנטאָן טשעכאָוו'ן דערצעהלט זיין איג־גערער ברודער מ. ט ש ע כ אָ ו ו, אַז ווען טשעכאָוו איז נאָך געגאַנגען אין 7טען קלאַס גימנאַזיום, האט ער געהאַט אָנגעשריעבען א גרויסע דראַמע „הייםאַטסלאָזע" און זעהר אַ קאָמישען וואָדעוויל אונטער'ן נאָמען „ניט אומזיסט האט די הוהן געזונגען."

די דאָזיגע דראַמע האט ער שפּעטער, בעת ער איז ארייגגעטראָטען אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, צוריסען און וואו דער וואָדעוויל איז אַהינגע־קומען, ווייס מען עד היום ניט.

זייענדיג אויפ'ן צווייטען קורס אין אוניווערסיטעט — דערצעהלט זיין ברודער — האט אַנטאָן טשעכאָוו אָנגעשריעבען אַ צווייטע גרויסע דראַמע מיט אַ שרעקליכער האַנדלונג, וואו עס זיינען פאָרגעקומען פערד־גנבים, שי־

VII.

פעריזען, א פרוי, וואס האט זיך געוואָרפען אונטער אַ צוג. די דאָזיגע דראַמע האט טשעכאָוו געבראַכט צו דער בעריהמטער רוסישער אַקטריסע יערמאָלאָווא און האט איהר פאָרגעשלאָגען, אויפצושטעלען זי צו איהר בענעפיס. דער סוף איז געווען, אַז די דאָזיגע דראַמע האט אויך געהאַט דעם אייגענעם מזל, וואס די ערשטע — טשעכאָוו האט זי אויך צוריסען, ווען יערמאָלאָווא האט זי ניט אָנגענומען.

אויסער די דאָזיגע צוויי האט טשעכאָוו אין יענער צייט אָנגעשריעבען נאָך אַ דריטע דראַמע „דער פריק,“ וואס די רוסישע צענזור האט פערבאָטען.

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט, ווען טשעכאָוו האט נאָך געזוכט זיין אייגענעם וועג, ווען ער האט נאָך ניט גע־פיהלט זיין אמת'ע קראַפט, דאַן האט ער זיך געוואָרפען אויף אַלעס: אי אויף שונד־דראַמען, אי אויף שונד־ראָמאַנען... און אפשר האט ער עס געטהאָן, אום, ווי מען זאָגט ביי אונז, „אַ לעבען צו מאַכען“...

דען עס גלויבט זיך קוים, אַז דער טשעכאָוו, וואס איז אַזוי גרויס אין זיין איינפאַכקייט און נאַטירליכקייט, אין זיין דורכזיכטיגער קלאָרקייט און זיין טיעפער קינסטלערישער וואַהרהייט, וועלכער איז אַזוי ווייט פון פאַלשע טענער און פאַלשע עפעקטען — זאָל אַמאָל האָבען געפיהלט צו שרייבען פיף־פאַף דראַמעס מיט שיסערייען און שונד־ראָמאַנען.

ווי זיין ברודער מ. טשעכאָוו דערצעהלט, האט ער זיך אין אָנפאַנג פון זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט געפונען אין אַזאַ קלעגליכער לאַגע, אַז שוין זייענדיג דאָקטאָר, האט ער געדרוקט זיינעם אַ ראָמאַן „אַ דראַמע אויף געיעג“ אין דער מאָסקווער ציימונג „די טעגליכע נייעס“ פאר אַ געהאַלט פון ד ר י י ר ו ב י ל א ו ו אָ ך!...

וואס פאר אַן אונטערשיעד צווישען דעם טשעכאָוו'ן און דעם שפּעטער־דיגען אין ליטעראַרישע מעלות, און וואס פאר אַן אונטערשיעד אין דעם געהאַלט, וואס דער טשעכאָוו האט געקראָגען און דער שפּעטערדיגער, וואס האט בעקומען פון דעם פערלעגער מאַרקס בלויז פאר דער ערלויבניש איבערצו־דרוקען זיינע ווערק אין בוך־פאָרם 75 ט ו י ז ע נ ד ר ו ב י ל, אויסער געוויסע פראָצענטען! דער אונטערשיעד צווישען דעם טשעכאָוו'ן, וואס האט געשריעבען זיינע שונד־שטיקער און שונד־ראָמאַנען און דעם שפּעטערדיגען איז, להבדיל, ווי צווישען די דריי רוביל און די פינף און זיעבציג טויזענד!....

אפילו די דריי רוביל אַ וואָך האט ער אויך ניט אַלע מאָל געקראָגען.

VIII.

אָט וואס עס דערצעהלט װעגען דעם טשעכאָװ׳ס ברודער מ. טשעכאָװ, װעלכען דער שרײבער פלעגט שיקען אין רעדאַקציאָן נאָך זײן װעכענטליכען געהאַלט:

— אַ סך מאָל האָט געטראָפען, אַז דו קומסט אין דער רעדאַקציאָן פון „די װעכענטליכע נײעס" און װאַרטסט אַ שעה׳ן גאַנצע, ביז דער ארױסגעבער פון דער צײטונג בעמערקט דיך.

— װאס װאַרט איהר? — װענדעט ער זיך צו מיר.

— אָט... געקומען נאָך די דרײ רוביל...

— איך האב ניט... װאו זאָל איך נעהמען? אפשר װילט איהר אַ בילעט אין טהעאַטער? אדער פּוליכט נײע הויזען? קענט איהר אריבער־געהן צו דעם אין דעם שנײדער און נעהמען אויף מײן חשבון!

און די דרײ רוביל האט ער טאַקי ניט געהאַט אויך — בעמערקט מ. טשעכאָװ.

5.

אין יענער צײט האט טשעכאָװ מיטגעארבײט אויך אין אַנדערע מאָס־קװער צײטונגען. אין אײנער פון יענע צײטונגען האט ער זיך בעקאַנט און בעפרײנדעט מיט דעם פּאָעט פּאַלמין, װעלכער איז געװען א גרױסער שכור.

דער דאָזיגער פּאַלמין האט געדרוקט זײנע לידער אין אַ פּעטערסבורגער װיצען־בלאַט „אָסקאָלקי" (סקאָפּקעס), װאס איז ארױסגעגעבען געװאָרען פון דעם הומאָריסט ג. ל י י ק י ן.

אײנמאָל איז לײקין געקומען צופאָהרען אין מאָסקװע, האט בעזוכט דעם פּאָעט פּאַלמין׳ען און איהם ארױסגענומען דורכצופאָהרען זיך איבער די מאָסקװער גאַסען. פאָהרענדיג איבער דער טװערסקער גאַס, איז זײ אַנט־קעגען אַנגעגאַנגען אַ יונגערמאַן מיט לאַנגע האָאָר.

— איהר װײסט, װער דאס איז? — האט פּאַלמין זיך געװענדעט צו לײקין׳ען.

— נײן — האט לײקין געענטפערט.

— דאס איז טשעכאָװ! אָט איהם האט איהר געדארפט אײנלאַדען פאַר אײער צײטונג.

IX.

ליוקין האט דאן איינגעלאדען טשעכאָוו'ן אלס מיטארבייטער פון זיין ציימונג, און דער דאָזיגער צופאל האט ארויסגעבראַכט דעם שפּעטערדיגען גרויסען טשעכאָוו'ן.

מיט אומזיסט האט ליוקין איינמאל זיך אויסגעדריקט, ווי מ. טשעכאָוו דערצעהלט:

— איך האב בעשאַפען טשעכאָוו'ן!

טשעכאָוו האט גענומען דרוקען זיינע הומאָריסטישע ערצעהלונגען אין ליוקין'ס „אָסקאָלקי" און פון יענער צייט הויבט זיך אָן זיין מיטאר־בייטערשאַפט אין די פּעטערסבורגער צייט־שריפטען. באלד לאַדעט איהם איין אָלס מיטארבייטער דער רעדאַקטאָר פון דער „פּעטערסבורגער גאַזעטע." דאָרט דרוקט ער די בעסטע פון זיינע קורצע ערצעהלונגען. די דאָזיגע ערצעהלונגען ציהען צו אויף איהם די אויפמערקזאַמקייט פון דעם בעקאַנטען, אַמאָל בע־ריהמטען רוסישען שריפטשטעלער ד. גריגאָראָוויטש, וועלכער איז געווען אַן אייגענער מענש אין סואוואָרין'ס ציימונג „נאָוואָיע ווּרעמיא", און באלד הייבט אָן טשעכאָוו צו דרוקען זיינע ערצעהלונגען אין „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" אויך. זיינע ערצעהלונגען מאַכען פוראָר און ווען זיי ערשיינען שפּעטער אין בוך־פאָרם, ווערען זיי און זייער פערפאַסער פון איין צד שטאַרק געלויבט און פון אַנאַנדער צד — שטאַרק, און ווי איך האב שוין פריהער דערמאָנט, אַפּט גראָב געטאַדעלט. דער צד, וואס טאַדעלט איהם, געהערט צו דער בעסטער און פּראָגרעסיווסטער טהייל פון די רוסישע קריטיקער.

6.

די פּראָגרעסיווסטע טהייל פון דער רוסישער ליטעראַטור האט אַלע מאָל געפאָדערט פון אַ שרייבער אַ בעשטימטען פּנים, אַ בעשטימטען בליק, האט אַלע מאָל געפרעגט ביים שרייבער: ווער ביזטו? וואס זיינען דיינע אידעאַ־לען, דיינע סימפּאַטיען? אין וואס גלויבסטו? אונטער וועלכער פאָהן שטעהסטו?...

אין קיין אַנדער ליטעראַטור זיינען די פערשיעדענע ליטעראַרישע לאַ־גערען, די פערשיעדענע ליטעראַרישע שטרעמונגען אזוי שאַרף ניט אָפּגע־

X.

זונדערט, אָפּגעטהיילט, ווי אין דער רוסישער ליטעראַטור. דער איינציגער טריבונאַל, וואס האט אויסגעדריקט די אידעען־שטרעמונגען פון דער רוסישער געזעלשאַפט, איז ביז דער סאַמער לעצטער צייט געווען אויסשליסליך די רוסישע ליטעראַטור.

דערפאַר זיינען די בעסטע רוסישע ליטעראַטור־קריטיקער געוועזען מעהר פּובליציסטען, ווי ליטעראַטור־קריטיקער און דערפאר האבען זיי זיך מעהר אינטערעסירט מיט די סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען פון דעם שרייבער, ווי מיט דער קונסט פון זיינע ווערק. ניט דאָבראָליובאָוו און ניט פּיסאַרעוו, ניט מיכאַילאָווסקי און ניט סקאַביטשעווסקי און ניט אפילו דער גרעסטער פון זיי אַלס ליטעראַטור־קריטיקער ביעלינסקי, האבען אנערקענט א ווערק פאר זיין קונסט אליין.

אַפריהער וואס זאָגט דער שרייבער, און דערנאָך ערשט ווי אזוי...

אין טשעכאָוו׳ס ערצעהלונגען האבען זיי אבער ניט געזעהן קיין בעשטימטען פּנים; וואס זיינע סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען זיינען, האבען זיי פון זיינע ערצעהלונגען נישט געקענט ארויסקריגען. ער איז געווען צו פיעל קינסטלער, אום זיינע סימפּאַטיען אונטערצושטרייכען. ווי אין אַ קלאָרען, שטילען טייכעל האט זיך די דעמערונג פון׳ם רוסישען לעבען אָפּגעשפּיגעלט אין זיינע ווערק אזוי שטיל און רוהיג, מורא׳דיג גלייכגילטיג, אויפ׳ן ערשטען בליק... און דערצו האט ער נאָך דאַן געדרוקט זיינע ערצעהלונגען אין „נאָוואָיע ורעמיא,‟ אין דעם לאַגער ביי דעם פערביסענסטען שונא פון דעם פּראָגרעסיווען געדאַנק...

און מען איז טשעכאָוו׳ן בעפאַלען.

איין קריטיקער, סקאַביטשעווסקי, האט איהם געסטראַשעט שיעור ניט מיט „קבורת חמור.‟

— טשעכאָוו וועט אַמאָל שטאַרבען הינטער אַ פּאַרקאַן — האט סקאַביטשעווסקי געשריעבען.

מיכאַילאָווסקי האט אין איהם אפילו אנערקענט טאַלענט, ער האט איהם אבער פאָרגעוואָרפען געמאַכט, ווארום ער איז אינהאַלטסלאָז, גלייכגילטיג צו זיינע העלדען, פארוואס מאַחלט ער זיי מיט „קאַלט בלוט,‟ פארוואס נעהמט ער צופעליגע טהעמאַס און ווארום זייהט ער צווישען זיינע לעזער אזא יאוש און אזא פּעסימיזמוס. דערפאר שטעלט ער איהם זאָגאָר ניעדריגער פון דעם

XI.

חומאָריסט לייקין, אַ שרייבער, וואס איז אין פערגלייך צו טשעכאָוו'ן, ווי אַ פליעג צו אַן עלעפאַנט...

— פאר די קנאַפּע פינף און צוואַנציג יאָהר, וואס טשעכאָוו האט גע־ארבייט — שרייבט דער בעקאַנטער רוסישער שריפטשטעלער א. בונין — איז ער געגוג אויסגעשטאַנען גראָבקייטען און זידלערייען פון די קריטיקער. איינער פון די גרעסטע און עדעלסטע רוסישע דיכטער, האט ער קיינמאָל ניט גערעדט מיט דער שפּראַך פון א מגיד, פון אַ פּראָפּאַגאַנדיסט. האט אַזאַ דען געקענט ערוואַרטען פערשטענדניס און פריינדליכקייט פון דער קריטיק אין רוסלאַנד? ... און, פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע קריטיקער האבען געגוג גאַל ארויסגעגאָסען אין זיין זעעלע, וואס איז אָהן דעם שוין אויך געגוג פער'סם'ט געווען פון דער רוסישער ווירקליכקייט.

און ביז זיין טויט איז ער, טשעכאָוו, פערביטערט געווען געגען זיינע קריטיקער.

— אַנטאָן פּאַוולאָוויטש—מאַכט צו איהם איינמאָל דער זעלבער שריפט־שטעלער בונין — אין גיכען וועט מען פייערען אייער פינף און צוואַנציג יאָהריגען יובילייאום!

און טשעכאָוו האט געענטפערט:

— איך קאָן די דאָזיגע יובילייאומס. מען זידעלט אָפּ אַ מענשען גאַנצע פינף און צוואַנציג יאָהר, מען מאַכט פון איהם אַש און בלאָטע, און דערנאָך שענקט מען איהם אַ געגזענע פעדער פון אילומיניאום און אַ טאָג א גאַנצען זינגט מען צו איהם בעגייסטערטע שבחים און מען קושט איהם און מען פערגיסט טרערען....

נאָך שאַרפער האט ער אויסגעדריקט זיין ביטערניש געגען די קריטיקער פאַר מאַקסים גאָרקי'ן.

אין זיינע עראינערונגען וועגען טשעכאָוו'ן דערצעהלט גאָרקי, אַז טשע־כאָוו האָט זיך אַמאָל אַזוי אויסגעשפּראָכען פאַר איהם איבער די קריטיקער:

— די קריטיקער זיינען עהנליך צו די פיה־פליעגען, וואס שטערען דעם פערד צו אַקערען די ערד. דער פערד ארבייט, אלע זיינע מוסקולען זיינען אָנ־געצויגען, ווי די סטרונעס אויף אַ באַנדורע... און דאָ זעצט זיך ביי איהם אויפ'ן רוקען אוועק א פיה־פליעג און קיצעלט, און זשוזשעט... ער מוז טרייסלען מיט'ן קערפּער און מאַכען מיט'ן עק... וועגען וואס זשוזשעט די פיה־פליעג? אסור, אויב עמיצער ווייסט עס... פּשוט, זי האט אַן אונרוהי־גען כאַראַקטער און וויל זיך לאָזען פיהלען: זאָל מען, הייסט עס, וויסען, אַז

XII.

זי עקזיסטירט אויך אויף דער וועלט!... אַט איהר זעהט דאָך — איך קאָן אפילו זשוזשען... וועגען אַלעס קען איך זשוזשען!... איך לעז שוין פינף און צוואַנציג יאָהר קריטיק איבער מיינע ערצעהלונגען און קיין איין וויכטיגע בעמערקונג געדענק איך ניט, קיין איין גוטען ראַטה האב איך ניט געהערט... בלויז איין מאָל נור האט סקאביטשעווסקי געמאַכט אויף מיר אן איינדרוק... ער האט אָנגעשריעבען, אז איך וויל שטאַרבען אַ שכור'ער אונטער אַ פּאַרקאָן...

7.

די קריטיקער האבען איהם ניט פערשטאַנען. די חסרונות, וואס זיי האבען איהם ארויסגעשטעלט, ווי זיין אונבעשטימטע ריכטונג, זיין „קאַלט בלוט,“ זיינע צופעליגע טהעמאַס און זיין פעסימיזמוס, — דאס זיינען, נאָך מיין מיינונג, טשעכאָוו'ס גרעסטע מעלות.

טשעכאָוו'ס גרויסקייט ליעגט טאַקי אין זיין „קאַלט בלוט,“ אין די אַרט און וויזע, ווי אזוי ער האט געמאַהלען די ווירקליכקייט, אין וועלכער ער האט געלעבט.

דאס, וואס טשעכאָוו האט גענומען „צופעליגע טהעמאַס,“ וועיזען נור, ווי גרויס איז זיין בעאָבאַכטונגס־קראַפט געווען און ווי טיעף האט זיין קינסטלער־אויג ארייננעדרונגען. דאס, וואס איז פאר דער פשוט'ער אויג געווען ניט מעהר ווי אַ צופאַל, דאס איז פאר דער אויג פון דעם קינסטלער געווען א רינג פון דער גרויסער קיוט, וואס הייסט „ווירקליכקייט“....

לעזענדיג טשעכאָוו'ן, ווערט איהר ערשטוינט, ווי טיעף און ווי ברייט זיין קינסטלער־אויג האט ארייננעכאַפּט יעדען ווינקעלע פון רוסלאַנד. וועמען־וועמען האט ער ניט געמאַהלען אין זיינע ערצעהלונגען: אי ארבייטער, אי פּויערים, אי שטאָדט־לייט, אי טשינאָווניקעס, אי פרויען, אי אזעלכע, אי אזוינע, אי קינדער, — אַלע־אַלע קליינע וועלטעלאַך, וואס שטעלען פאָר די גרויסע, ברייטע, פינסטערע רוסלאַנד.

טשעכאָוו איז אויך ניט געווען קיין פעסימיסט, ווייל איהם האט זיך געוואָלט זיין אַ האַמלעט, נור זיין פעסימיזמוס איז געווען אַ פאָלגע פון זיין שטרענג־קינסטלערישען וואהרהייטס־געפיהל, פון זיין שטרענג־רעאַליס־

XIII.

טישען מאָלען דאס לעבען, פון זיין ניט וועלען, אדער, ריכטיגער, ניט קאָנען פערפעלשען די ווירקליכקייט.

און די ווירקליכקייט און דאס לעבען, וואס איהם איז אויסגעקומען צו מאָהלען, איז געווען אזוי פינסטער, אַזוי חושך, אַזוי טרויעריג, פערפלוכט טרויעריג, און זעלטען א שרייבער האט אזוי געקאָנט און געפיהלט די רוסישע טרויעריגע ווירקליכקייט, ווי דער גרויסער טשעכאָוו.

ער האט געקאָנט רוסלאַנד און רוסלאַנד׳ס קינדער און האט אין זיינע ווערק זיי געמאָהלען, ווי ער האט זיי געקאָנט, ווי ער האט זיי געזעהן.

— אונזער קולטור־לעבען — זאָגט איינער פון די פערזאָנען אין זיין ערצעהלונג „דאס לעבען“ — האט זיך נאָך ניט אָנגעהויבען... די זעלבע ווילדקייט, די זעלבע כאַמעריי, די זעלבע אונטערטהעניגקייט הערשט ביי אונז היינט, ווי צוריק מיט פינף הונדערט יאָהר...

און פאר מאַקסים גאָרקי האט זיך טשעכאָוו אליין נאָך אויסגעדריקט שארפער וועגען זיינע ברידער די רוססען.

— ביי זיי איז אַ הינטישע פּסיכאָלאָגיע — האט טשעכאָוו אַמאָל איהם געזאָגט — דערצעהלט גאָרקי אין זיינע ערָאינערונגען וועגען טשעכאָוו׳ן — שלאָגט מען זיי, קוויטשען זיי אין דער שטיל און פערשטעקען זיך אין זייערע לעכער, טהוט מען זיי א גלעט, לייגען זיי זיך אוועק אויף די רוקענס, פערדרייסען די לאַפּקעס און דרעהען מיט די ווידלען...

8.

די קריטיקער האבען איהם ניט פערשטאַנען. קיינער האט אזוי ניט געשניטען די רוסישע כאַמעריי, ווי אָט טאַקי דער זעלבער טשעכאָוו. קיינער האט אזוי קלאָר ניט בעלויכטעט די פינסטערניש אין רוסלאַנד, ווי ער, און קיינער האט אזוי ניט ארויסגעשטעלט אין איהר גאַנצער נאַקעטער העסליכקייט די ווירקליכקייט אין רוסלאַנד, ווי אַנטאָן טשעכאָוו. קיינע פּראָפּאַגאַנדיסטישע ווערק וואָלטען ניט אומשטאַנד געווען אויפצוטהאָן דאס פאר דער רוסישער געזעלשאַפט, וואס די ריין־קינסטלערישע ווערק פון אַ טשעכאָוו׳ן האבען אויפגעטהאָן פאר איהר. זיינע ווערק זיינען געווען א צויבער־שפּיגעל, אין וועל־

VIX.

כען די רוסישע געזעלשאַפט האט קלאָר געקאָנט זעהן איהר קראַנקע נשמה, איהר שוואַכען ווילען, איהר כאַראַקטערלאָזיגקייט; זיי האבען געוועקט אין איהר איהר מענשענווירדע, ארויסגערופען די פאַרב פון שאַנד אויף איהר פנים און געמאַכט זי וויינען מיט בלוטיגע טרערען און לאַכען מיט יאַשצערקעס...

— זיין פיינד איז געווען — שרייבט מאַקסים גאָרקי וועגען טשעכאָוו'ן — די קליינליכקייט, די אונווירדיגקייט, און זיין גאַנץ לעבען לאַנג האט ער געגען דעם געקעמפפט, אויסגעלאַכט עס און געשילדערט עס מיט זיין שאַרפער, רוהיגער פעדער, בעמערקענדיג דעם שימעל פון ניכטסווירדיגקייט אפילו דאָרט, וואו אויפ'ן ערשטען בליק איז אַלעס געווען, דאַכט זיך, אזוי שעהן, אַנגענעהם, אפילו גלענצענד...

זאָגאַר פון זיינע ערשטע הומאָריסטישע ערצעהלונגען קלינגט אַ ביטערער פאָרוואורף דער רוסישער געזעלשאַפט.

— איהר שקלאַפען! איהר מענשען מיט הינטישע געפיהלען! — קלינגט, דאַכט זיך, פון יעדער פון זיינע ערצעהלונגען.

— האַסענדיג אלעס, וואס איז העסליך און נישטיג — שרייבט גאָרקי — האט ער (טשעכאָוו) בעשריעבען די מעשים תעתועים פון'ם לעבען מיט אַ הערליכער און עדעלער שפּראַך פון אַ דיכטער, מיט אַ זאַנפטען שמייכעל פון הומאָר און מחמת דער הערליכער פאָרמע פון זיינע ערצעהלונגען האט מען קוים בעמערקט זייער אינערליכען זין, פול ביטערען פאָרוואורף...

לעזט, צום ביישפּיעל, זיין הומאָריסטישע ערצעהלונג „דער נצחון פון א זיעגער,“ וואו אַ בעיאָהרענטער טאַטע מיט אַן ערוואַקסענעם זוהן קריכען, ווי הענער, אום צו געפעלען דעם הויכען בעאַמטען, פון וועמען זיי ערוואַרטען אַ קלעגליכע שטעלע... לעזט די מערקווירדיגע ערצעהלונג „דער אויסרופונגס־צייכען,“ וואו אַ בעאַמטער, נאָכדעם ווי ער האט אָפּגעאַרבייט גאַנצע פערציג יאָהר אין זיין קאַנצעלאַריע, כאַפּט זיך, אַז ער ווייסט ניט, ווען מען שטעלט אַן אויסרופונגס־צייכען, די האַלוציאַציעס, וואס פערפאָלגען דעם דאָזיגען בעאַמטען מחמת דעם... לעזט „די ענגלענדערין,“ וואו עס ווערט געשילדערט דאס שווייגעשע איזנעקעווען זיך פון אַ זאַטען פריץ איבער אַן עלענדען, פרעמדען מענשען. לעזט זיין „א רפואה געגען שכרות,“ וואו אַ בעריהמטער אַקטיאָר ווערט קורירט פון שכרות דורך אומברחמנות'דיגע קלעפּ און אי דער שלעגער און אי דער געשלאָגענער האַלטען די דאָזיגע קלעפּ פאַר די בעסטע רפואה געגען שכרות.

XV.

און אזוי שפּיעגעלט זיך אָפּ אפילו אין יעדער פון זיינע הומאָריסטישע ערצעהלונגען די מענשען מיט די הינטישע געפיהלען, וועלכע פיהלען גאָר נישט, אויסער מורא פאר דעם שטאַרקערען, פאר דעם פרעכערען, ווי גאָרקי דריקט זיך אויס.

— קיינער האט ניט פערשטאַנען אזוי קלאָר און טיעף — שרייבט גאָרקי — דעם טראַגיזם פון דעם אַלטעגליכען לעבען, ווי אַנטאָן טשעכאָוו; קיינער איז ביז איהם ניט אומשטאַנד געווען אויפצומאָהלען פאר מענשען אַזאַ אונברחמנות־אמת׳דיג בילד פון זייער שענדליכען און טרויעריגען לע־בען אין דעם פינסטערען תהו ובהו פון קליינבירגערליכער אַלטעגליכקייט.

— צוערשט איז ער געווען אַ דאָקטאָר — שרייבט וועגען טשעכאָוו׳ן דער בעריהמטער דענישער ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג בראַנדעס — און אין זיין אויספאָרשען פון דער מענשליכער נשמה פיהלט זיך דער דיאַגנאָז פון דעם דאָקטאָר. ער האט געקאָנט זיין פאטערלאַנד אזוי, ווי וועניג קאָנען איהם, און פאר איהם איז זיין פאטערלאנד געווען א גרויסער האָספּיטאַל מיט פּאַ־ציענטען פון פערשיעדענע קלאַססען; ער האט געזוכט ווי ווייט מעגליך ריכטיג און עהרליך צו בעשטימען זייער קראַנקהייט און די אורזאַכען, וואס האבען זי ארויסגערופען. פערשיעדענע אַנדערע רוסישע שריפטשטעלער האַ־בען געוואָלט גלייך אַנהייבען פון קורירען די קראַנקהייט; דער גרעסטער צווישען זיי (טאָלסטאָי) האט רעקאָמענדירט א פערדישע רפואה — ארויס־וואַרפען הינטער׳ן פּאַרקאַן די אייראָפּייאישע קולטור און צוריקקעהרען זיך צו דער נאַטור; טשעכאָוו אבער האט קדם כל געזוכט צו געבען אַ קלאָרע שילדערונג פון דער קראַנקהייט...

9.

טשעכאָוו איז פיעל פריהער אַנערקענט געוואָרען פון די לעזער, ווי פון די קריטיקער. אין דער צייט, בעת די ליטעראַטור־קריטיקער, ווי מיכאַילאָוו־סקי און סקאַביטשעווסקי, זיינען איהם בעפאלען, איז ער שוין לאַנג בע־ליעבט געווען ביי דעם אינטעליגענטען רוסישען לעזער. ערשט מיט יאָהרען שפּעטער, בעת ער הויבט אָן מיטצוארבייטען אין די פּראָגרעסיווע זשורנאַ־

לען, דורך די בעמיהונג פון דעם בעריהמטען רוסישען שריפטשטעלער וולאַ־דימיר קאָראָלענקאָ, צוזאַמען מיט מיכאַילאָווסקי און די אַנדערע ראַדיקאַלע שריפטשטעלער, הייבט ער אָן אַלץ מעהר און מעהר אנערקענט צו ווערען פון די פּראָגרעסיווע קריטיקער אויך.

דעמאָלט דרוקט ער שוין זיינע ערצעהלונגען בלויז אין די מאַנאַטליכע זשורנאַלען און אויסשליסליך אין די פּראָגרעסיווע זשורנאַלען. ער בלייבט אבער דער זעלבער פריהערדיגער טשעכאָוו, דער זעלבער שטרענג־וואַהרהייט־ליכער מאַהלער פון דער פינסטערער רוסישער ווירקליכקייט. ער ווערט נאָך ערנסטער, טיעפער, און די בעזונדערע טשעכאָווסקע פאַרבען, די פאַרבען פון שטילער, בענקענדיגער יעסין־דעמערונג ווארפט זיך נאָך שטארקער אין די אויגען פון זיין יעדער נייער ערצעהלונג, וואס עס ערשיינט אין די זשורנאַלען.

זיינע נייע ערצעהלונגען אָטהעמען נאָך מיט מעהר יאוש אַלס די פריהערדיגע, די רוסישע ווירקליכקייט טרעט אין זיי ארויס שארפער, בולט'ער.

לעזט איהר די דאָזיגע ערצעהלונגען, פערשטעהט איהר, ווי אזוי האט אין רוסלאַנד נאָך אַזוי פיעל קרבנות געקאָנט דורכפאַלען די רעוואָלוציאָן און ווי אזוי עס האבען דאָרט געקענט פאַרקומען אזוינע ווילדע, באַרבאַרישע פּאָגראָמען אויף אידען...

— פאר אייערע אויגען טראָגט זיך פערביי — כאַראַקטעריזירט גאָרקי טשעכאָוו'ס ערצעהלונגען — מחנות גאַנצע פון שקלאַפען און שקלאַפינען פון זייער ליעבע, דומהייט און פוילענצען, פון זייער דורשט צו חומר'דיגע, אירדישע פערגעניגענס; און זיי געהען, די שקלאַפען פון דעם פינסטערען פּחד פאר דאס לעבען, געהען מיט דונקעלער אונרוה אין זייערע נשמות און פילען אָן דאס לעבען מיט אונפערשטענדליכע רייד וועגען דער צוקונפט, פיהלענדיג, אז אין דער געגענוואָרט איז פאר זיי קיין אָרט ניטאָ...

— אַ סך פון זיי — שרייבט ווייטער גאָרקי — טרוימען שעהן וועגען דעם, ווי הערליך דאס לעבען וועט זיין אין צוויי הונדערט יאָהר שפּעטער און קיינעם פון זיי קומט ניט ארויף אויפ'ן זינען צו פרעגען די איינפאַכע פראַגע: ווער וועט עס מאַכען הערליך דאס צוקונפטיגע לעבען, ווען מיר וועלען בלויז טרוימען?...

און אפילו טרוימען טרוימט אויך בלויז אַ קליינע צאָהל אינטעליגענ־טען, דאס רוסישע פאָלק אבער אין גאַנצען און אין גרויסען טרוימט אפילו אויך ניט, האט קיין קאָפּ און קיין בעדירפניש פאר דעם. נור צייטענווייז

XVII.

ווערט עס בעהערשט פון אַ בלינדער קראַפט, וואס טרייבט איהם ארויסצו־ ווייזען זיינע ווילדע אינסטינקטען . . .

דאס דאַזיגע רוסישע פאָלק שפּיעגעלט זיך אָפּ אין טשעכאָוו׳ס ערצעה־ לונגען אין זייער גאַנצער ניט־בעפּוצטער נאַקעטקייט.

טשעכאָוו איז געווען א פיינד פון בעפּוצונגען. ער האט געזעהן די פאַלשקייט, די כאַמעריי, די שקלאַפעריי, די נישטיגקייט און די ניכטסווירדיגקייט און האט זיי אזוי געמאָהלען אָהן שום בעפּוצונגען. קיינער האט אזוי אונברחמנות׳דיג ניט געמאָהלען די שוואַכקייטען און די פאַלשקייטען פון פרויען, ווי ער. די פרוי אין זיינע ערצעהלונגען איז פאַלש, בעטריעגט איהר מאַן, איז גייציג און לעבט אויסשליסליך מיט די אינסטינקטען פון אַ נקבה. לעזט, צום ביישפּיעל, זיינע ערצעהלונגען: „דאס ווייב,“ „גנבים,“ „די ארומשפּרינגערקע,“ „אַ רעטזעלהאַפטע נאַטור,“ „אַן אונגליק,“ „וואָלאָדיאַ דער גרויסער און וואָלאָדיאַ דער קליינער,“ „די מכשפה,“ „ווייבער,“ „אַר־ יאַדנאַ,“ „אַניוטאַ,“ „די דאַמע מיט׳ן הינטעל,“ „שונאים,“ „שכנים,“ „נשמה׳־ ניו“ — אין אלע די דאָזיגע ערצעהלונגען איז די פרוי פאַלש, בעטריגעריש, גייציג און איז אין גאַנצען בעהערשט פון איהרע נקבה־אינסטינקטען. אפילו אזוינע ווי „נשמה׳ניו“ און „אַניוטאַ,“ וואס זיינען אזוי צוגעבונדען, די ערשטע צו איהר מאַן (אדער, ריכטיגער, מענער), און די צווייטע — צו איהר געליעבטען, זיינען אויך ניט מעהר ווי נקבות־שקלאַפינען. . . .

איבערזעצענדיג די ערצעהלונגען, וואו ער שילדערט די פרויען, האָב איך זיך אָפט דערמאָנט אָן אָטטאָ וויינינגער׳ס טהעאָריע, אַז פרויען זיינען א ניעדריגע ראַסע און איך האָב מיר געטראַכט, וויפיעל בעווייזען צו גונסטען זיין טהעאָריע וואָלט וויינינגער געקאָנט ברענגען פון טשעכאָוו׳ס ערצעה־ לונגען . . .

עס איז מיר אַ חידוש, וואָס קיינער פון טשעכאָוו׳ס קריטיקער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט, ווי ווייט מיר איז בעקאַנט, ספּעציעל אויף טשע־ כאָוו׳ס פרויען.

צי דאָס איז אייך אנגענעהם, צי ניט, צו זעהן די פרוי אַזאַ, זי איז אָבער געמאָהלען מיט אַזאַ קינסטלערשער וואַהרהייט פון טשעכאָוו׳ן, אַז איהר זעהט זי, אַז איהר מוזט זי זעהן אַזאַ, ווי ער זעהט זי.

און דאָס איז דער סוד פון יעדען אמת׳ן קינסטלער, וואָס ער מאַכט אייך זעהן אַ זאַך מיט זיינע אויגען, וואָס ער צווינגט אייך צו גלויבען אין זיין קינסטלערישער וואַרהייט.

XVIII.

אין וואָס שטעקט טשעכאָוו'ס גרויסע קראַפט אַלס ערצעהלער? אין זיין איינפאַכקייט און קלאָהרקייט, אין זיין נאַטירליכקייט און אין זיין אייגענ־ארטיגער פאָרמע, וואָס לאָזט זיך ניט ערקלעהרען מיט ווערטער, אין זיין שטרענג־רעאַליסטישען מאָהלען.

— שרייבט איינפאַך און קלאָהר און שילדערט דאָס אַלטעגליך לעבען — האָט ער אָפט געראַטהען די יונגע רוסישע שרייבער...

10.

אין די דאָזיגע פיער באַנד זיינען נור אריין אַ טהייל פון טשעכאָוו'ס ערצעהלונגען. זאָלען זיי נור האָבען דעם ערפאָלג, וואָס זיי פערדיענען, דאַן וועלען איבערזעצט ווערען נאָך אַנדערע פון זיינע ערצעהלונגען און — ווער ווייס? — אפשר קענען מיר נאָך אַמאָל האָבען אַ ל ע זיינע ווערק אין אידיש.

לעאָן קאָברין.

אויגוסט — 1910, ברוקלין, נ. י.

די נקמה.

ליעוו סאוויטש טורמאנאוו, א מאן א בעל הבית, וואס האט געהאט זיין אייגענס א שעהן פארמעגען, א יונג ווייבעל און א היבשען פליק אויפ'ן קאפ, איז אמאל געזעסען ביי זיינעם א פריינד אויף א געבורטס־טאג און געשפיעלט אין קארטען. נאך א גוטען קאן, ווען א שוויים האט אזש ארויסגעזעצט ביי איהם אויפ'ן שטערן, האט ער זיך פלוצים דער־מאנט, אז ער האט שוין לאנג קיין בראנפען ניט געטרונקען.

ער האט זיך אויפגעהויבען און שאקלענדיג זיך מיט ווירדע, האט ער גענומען געהן אויף די שפיץ־פינגער צווישען די טישען, איז דורכגעגאנגען דעם גאסט־צימער, וואו די יוגענד האט געטאנצט (דארט האט ער ליטזעליג געשמייכעלט און גוטמוטיג־פאטערליך א קלאפ געטהאן איבער'ן פלייצע א יונגען, מאגערען אפטהעקאר) דערנאך האט ער זיך אריינגעכאפט אין א טהירעל, וואס האט געפיהרט צום בופעט.

דא זיינען אויף א רונדען טישעל געשטאנען פלעשער, גראפינקעס מיט בראנפען... נעבען זיי איז צווישען אנדערע צובייסענס געשטא־נען א טעלער מיט א האלבען הערינג. בעפוצט מיט גרינע ציבעלקעס, און פעטרושקע.

ליעוו סאוויטש האט זיך אנגעגאסען א גלעזעלע, האט א מאך גע־טהאן אין לופטען מיט די פינגער, אזוי ווי ער וואלט זיך געקלי־בען צו האלטען א רעדע, האט אריינגעגאסען און פארקרימט דעם פנים, דערנאך האט ער אריינגעשטעקט א גאפעל אינ'ם הערינג און... אבער דא האבען זיך הינטער דער וואנט דערהערט שטימען.

— זעהר מעגליך, זעהר מעגליך... — האט זיך געהערט א דרייסטער פרויען־קול — אבער ווען וועט עס שוין זיין?

— דאס איז דאך מיין ווייב — האט דערקענט ליעוו סאוויטש — מיט ווען רעדט זי דארט?

— ווען נור דו ווילסט, מיין טהייערע... — האָט געענטפערט הינטער דער וואַנט אַ גראָבע באַס־שטימע— היינט איז עס נישט גאָר בעקוועם, מאָרגען בין איך פאַרנומען דעם גאַנצען העלען טאָג...

— דאָס איז דעגטיאַרעוו! — האָט אַ טראַכט געטהאָן טורמאַנאָוו, דערקענענדיג אין דער באַס־שטימע איינעם פון זיינע חברים: — און דו, ברוט, האָסט אויך מיט איהר צו טהאָן! שווין־זשע האָט זי איהם שוין אויך אריינגעכאַפּט אין פאַסטקע? אז פאַר איהר איז עפּעס גאָר נישטאָ קיין געגוג, געזעהן אַביסעל אַזאַ אונרוה פון אַ פרוי! איין טאָג קען זי ניט אויסקומען אָהן אַ ראָמאַן!

— יאָ, מאָרגען בין איך פאַרנומען — האָט ווייטער גערעדט די באַס־שטימע — אויב דו ווילסט, שרייב מיר מאָרגען עפּעס אָן... איך וועל זיין זעהר צופריעדען און גליקליך... אָבער אונזער קאָרעספּאָנדענציע האָבען מיר געדאַרפט פיהרען מיט עפּעס מעהר טאַלק. מען האָט געדאַרפט אויסטראַכטען עפּעס אַ שפּיצעל. מיט דער פּאָסט שיקען בריעף איז ניט גאָר זיכער. ווען איך שרייב צו דיר, קען נאָך דיין אָנגעבלאָזענער ענדיק איבערכאַפּען דעם בריעף ביי'ם בריעף־טרעגער; און ווען דו שרייבסט צו מיר, קען אמאָל טרעפען, אז מיין יפיפיה זאָל עס קריעגען אָהן מיר, און דאַן וועט זי עס אודאי עפענען.

— טאָ וואָס־זשע טהוט מען?

— מען מוז אויסטראַכטען עפּעס אַ שפּיצעל. מיט אַ בעדיענטען שיקען קען מען אויך ניט, ווייל דיינער, די הינטישע נשמה, מוז דאָרט גוט אַכטונג געבען אויף דער דיענסט און דעם לאַקעי, וואָס, ער שפּיעלט נאָך אַלץ אין קאָרטען?

— יאָ. און שטענדיג פאַרשפּיעלט ער, דער פּרא אדם!

— איהם געהט הפּנים אין ליעבע! — האָט זיך צולאַכט דעגטיאַרעוו — הער אויס, מאַמעלע מיינע, וואָס פאַר אַ מיטעל איך האָב אויסגעפונען... מאָרגען פונקט זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט, געהענדיג פון קאַנטאָר, וועל איך פאַרבייגעהן דעם שטאָדטישען גאָרטען, וואו איך דאַרף זיך זעהן מיט'ן אויפזעהער פערלאַנג איך, אַז דו, נשמה מיינע, זאָלסט צו דער דאָזיגער צייט, למען השם ניט שפּעטער פון זעקס אריינלייגען אַ צעטעלע אין דער מאַרמאָרנער וואַזע, וועלכע געפינט זיך לינקס פון דער וויין־טרויבען־ליעטאַנקע...

— אהאַ, איך ווייס, איך ווייס...

— עס וועט דאַן אויסקומען אי פּאָעטיש, אי געהיימניספּול, אי נײַ... און דערפון וועט ניט וויסען ניט דיינער, די פוזע, און ניט מיינע, די פּאַצעצע. פאַרשטעהסט?

ליעוו סאַוויטש האָט אויסגעטרונקען נאָך איין גלעזעל און איז צוריק אוועק צום שפּיעל־טיש. די ענטדעקונג, וואָס ער האָט נור וואָס געמאַכט, האָט איהם ניט איבערראַשט, ניט פערוואונדערט און אפילו ניט אויפגעבראַכט. די צייט, ווען ער האָט זיך געקאָכט, געמאַכט סקאַנ־דאַלען, זיך געזידעלט און אַ מאָל אויך געשלאָגען, איז שוין לאַנג אוועק; ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און גענומען קוקען אויף די ראַמאַנען פון זיין לייכטזיניגער פרוי דורך די פינגער. נור פון דעסט־וועגען איז עס איהם געוועזען אונאַנגענעהם. אַזעלכע אויסדריקע, ווי אַנגעבלאָזענער ענדיק. הינטישע נשמה, פוזע און אַזוי ווייטער, האָבען שטאַרק בעליידיגט זיין אייגענליעבע.

— וואָס פאַר אַ לומפּ דער דעגטיאַרעוו איז דאָס! — האָט ער גע־טראַכט, פאַרשרייבענדיג זיינע קאַרטען — ווען ער טרעפט מיך אין גאַס, מאַכט ער אַן אַנשטעל פון אַ גוטען פריינד, שצירעט די צייהן און גלעט מיך איבער'ן בויך און אצינד רעדט ער אויף מיר אוים וואָס נור אין קאָרט!... אין די אויגען רופט ער מיך פריינד און אונטער די אויגען בין איך בײַ איהם אַ ענדיק און אַ גראָבע פוזע...

און וואָס מעהר ער האָט זיך ארייַנגעטהאָן אין זיינע שלעכטע קאָרטען, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסען דער געפיהל פון בעליידי־גונג...

— די מילך האָט בײַ איהם נאָך ניט אָבגעטריקענט פון די ליפּען...
— האָט ער געטראַכט און פאַר כעס צוריבען דאָס שטיקעל קרייד אין זיינע הענד: — אַזאַ אינגעל... עס ווילט זיך מיר נור ניט פּאַטשקען אַז ניט וואָלט איך דיר שוין געוויזען, וואָס אַ הינטישע נשמה קען!

ביים אָבענד־עסען האָט ער נישט געקענט גלייכגילטיג אַנקוקען דעגטיאַרעוו'ס פּנים, און יענער איז עפּעס אַזוי ווי אומיסטנע צו איהם צוגעשטאַנען מיט פראַגען: צו האָט ער געוואונען? פאַרוואָס איז ער אומעדיג? און אַזוי ווייטער. ער האָט נאָך אפילו געהאַט די חוצפּה אָנצוזידלען זיין ווייב, פאַרוואָס זי גיט נישט גענוג אַכטונג אויף איהר מאַנ'ס געזונד... און זיין פרוי, ווי עס וואָלט גאָרנישט גע־

שעהן, האָט געקוקט אויף איהר מאַן מיט פוטערדיגע אויגען, האָט פרעהליך געלאַכט, האָט אונשולדיג געפלוידערט, אַזוי אַז דער טייפעל אליין וואָלט איהר ניט געקענט חושד זיין אין אונטרייהייט.

און ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ליעוו סאַוויטש זיך גע־פיהלט אין כעס און ניט בעפריעדיגט, אַזוי ווי ער וואָלט ביים אבענד־מאָלצייט אנשטאָט קאַלב־פלייש אויפגעגעסען אַן אַלטען קאַלאָש. עס קען זיין, ער וואָלט זיך אָנגעטהאָן אַ כוח, און געסטאַרעט צו פערגעסען אויף אַלעמען, אָבער דער ווייבס פּלוידעריי, איהרע שמייכעלאך האָ־בען איהם יעדע מינוט דערמאָנט אָן דעם ענדיק, די הינטישע נשמה, די פוזע...

— מען האָט איהם געדאַרפט אַזוי גוט אריינפאָהרען אין פּיסקאַטש אריין, דעם שופט... — האָט ער געטראַכט — אָט אַזוי, אָט פּאַר אַלעמען אין די אויגען...

און ער האָט געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט זיין צו כאַפּען אַצינד דעגנטיאַרעוו'ן און איהם אָנברעכען די ביינער. אָדער גיין מיט איהם אויף אַ דועל און איהם אונטערשיסען, ווי אַ פויגעל... ארויסשטופּען איהם פון זיין שטעלע וואָלט אויך זיין ניט שלעכט... אָדער גאָר אריינלייגען אין דער מאַרמאָרנער וואַזע עטוואָס העסליכעס, עטוואָס מיט אַ גערוך... אַ גע'פּגר'טע מויז, למשל... עס וואָלט ניט שאַדען ארויס־צו'גנב'ענען דער ווייב'ס בריעף פון וואַזע און אַנשטאָט דעם אַהין אריינלייגען עפּעס אַ נאַרישען געדיכט מיט דעם אונטערשריפט „דיין אַקולאַ" אָדער עפּעס אַנדערעס פון דעם סאָרט.

אַ לאַנגע צייט איז טורמאַנאָוו ארומגעגאַנגען איבער'ן שלאָף־צימער און געקיהלט זיין האַרץ מיט די דאָזיגע חלומות. פּלוצים האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אַ פּאַטש געטהאָן זיך אין שטערן.

— בראַוואָ! איך האָב געפונען! — האָט ער אויסגעשריען און גענומען שיינען פון פרייד: — דאָס איז אַן אויסגעצייכענטער איינ־פאַל! עס וועט זיין פיין!

ווען זיין ווייב איז אַנשלאָפען געוואָרען, האָט ער זיך געזעצט ביי'ם טיש און נאָך אַ לאַנגען טראַכטען, פאַרדרעהענדיג זיין האַנד־שריפט און מאַכענדיג אומיסטנע אַ סך גרייזען, האָט ער אָנגעשריבען דאָס פאָלגענדע:

„צום סוחר דולינאָוו. ווערטהער הערר! אויב איהר וועט היינט,

דעם 12טען סעפטעמבער, ארום זעקס אזייגער פאר נאכט, ניט אריינ־ליגען קיין צוויי הונדערט רובעל אין דער מארמאָרנער וואזע, וואָס גע־פינט זיך אין שטאָדטישען גאָרטען, אויף דער לינקער זייט פון דער וויין־טרויבען־ ליעטאַנקע, ווערט איהר זיין א גע'הרג'עטער און אייער שניט־קראָם ווערט אויפגעריסען אין לופטען".

און אָנגעשריעבען דעם דאָזיגען בריעף, איז ליעוו סאַוויטש אזש אונטערגעשפרונגען פאַר שמחה.

— גוט צוגעטראכט, הא? — האָט ער געבורטשעט און זיך גע־ריבען די הענד — גרויסארטיג. קיין בעסערע נקמה וואָלט דער אשמדי אליין ניט געקענט אויסטראכטען! עס פערשטעהט זיך אליין, אז דער קרעמער וועט זיך דערשרעקען און גלייך לאָזען וויסען דער פּאָליציי. און פון דאָרט וועט מען ארויסשיקען חברה־לייט, וועלכע וועלען זיך בעהאַלטען הינטער די בושעס און וועלען שוין היטען... א זייגער זעקס, ווען ער וועט קומען נאָך דעם בריעף, וועלען זיי איהם, דעם אָרימען נעבעכעל, א כאַפּ טהאָן ביי די הענד און געבען פעפער שמעקען... ער וועט זיך דאָס אביסעל דערשרעקען!... און דער־ווייליע וואָס־ווען, ביז וואנען אַלעס וועט קלאָר ווערען, וועט דער לומפּ זיך נאָך געהנוג אָנזיצען אין טורמע און קיין צרות וועלען איהם שוין אודאי ניט פעהלען... בראַוואָ!...

ליעוו סאַוויטש האָט צוגעקלעפּט א מארקע צום בריעף און איז אליין אראָבגעגאַנגען און איהם אריינגעוואָרפען אין בריעף קאַסטען.

איינגעשלאָפען איז ער מיט א גליק־זעליגען שמייכעל אויף די לי־פּען און געשלאָפען אזוי זיס, אזוי געשמאַק, ווי ער האָט שוין לאַנג, לאַנג ניט געשלאָפען.

אויפגעכאַפּט זיך אין דער פריה און דערמאָהנט זיך אָן דעם נעכ־טיגען איינפאַל, האָט ער פרעהלאָך געגומען מיאוקען און אפילו א משעפּע געטהאָן זיין אונטריע ווייב פאַר איהר מאָרדעטשקע...

געהענדיג צו דער ארבייט און דערנאָך זיצענדיג אין קאנצעליאַ־ריע, האָט ער די גאַנצע צייט געשמייכעלט און זיך אַליין פאַרגעשטעלט דעגטיאַרעוו'ס שרעק, ווען יענער וועט גאַנץ אונערוואַרטעט אריינפאַ־לען אין פּאַסטקע...

ארום זעקס אזייגער האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און איז אַנטלאָפען אין שטאָדטישען גאָרטען, אום מיט זיי־

נע אייגענע אויגען צו זעהן דעם שונא'ס מפּלה...

— אהאַ! — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, אָנטרעפענדיג אַ פּאָ־ליסמאַן.

צוקומענדיג צו דער בעוואוסטער ליעטאַנקע, האָט ער זיך געזעצט הינטער אַ בוים, האָט זיך איינגעגעסען מיט זיינע שאַרפע, בייזע אויגען אין דער וואַזע און גענומען וואַרטען. ער איז געזעסען, ווי אויף שפּיעל־קעס פּאַר אונגעדולד.

פּונקט זעקס אַ זייגער האָט זיך בעוויזען דעגטיאַרעוו. דער יונגער מאַן, ווי עס האָט אויסגעזעהן, איז געווען מערקווירדיג גלאַט אויפ־געלייגט. דער צילינדער־הוט איז איהם קאָקעטיש געזעסען אויף דער פּאַטילניצע און פון דעם פונאַנדערגעשפּיעליעטען ראָק האָט צוזאַמען מיט דער וועסט, דאַכט זיך, ארויסגעקוקט זיין נשמה אליין. ער האָט פרעהליך אונטערגעפּייפט און געראויכערט אַסיגאַר...

אָט באַלד וועסטו דיר האָבען אַ ענדיק מיט אַ הינטישער נשמה! — האָט געטראַכט טורמאַנאָוו מיט נצחון — וואַרט, וואַרט!

דעגטיאַרעוו איז צוגעגאַנגען צו דער וואַזע און פויל אַהין אריינ־געשטעקט די האַנד... ליעוו סאַוויטש האָט זיך עטוואָס אויפגעהוי־בען און איינגעגעסען זיך אין איהם מיט די אויגען... דער יונגער מאַן האָט ארויסגעשלעפּט פון וואַזע אַ קליינעם פּעקלע, האָט איהם ארומגע־קוקט פון אַלע זייטען און געדריקט מיט אַקסלען. דערנאָך האָט ער דאָס פּעקעלע געעפענט, האָט ווידער געדריקט מיט די אַקסלען און אויף זיין פּנים האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט די העכסטע פערוואונדערונג; אין פּעקעלע זיינען געלעגען צוויי קנאַקעדיגע הונדערטער...

דעגטיאַרעוו האָט לאַנג ארומגעקוקט די דאָזיגע פּאַפּירלאַך. אויפ'ן סוף, נאָך אַלץ דריקענדיג מיט די אַקסלען, האָט ער זיי אריינגע־לייגט אין קעשענע און ארויסגערעדט: „מערסי!"

דער אונגליקליכער ליעוו סאַוויטש האָט געהערט דעם דאָזיגען „מערסי" אַ גאַנצען אבענד דערנאָך איז ער געשטאַנען אנטקעגען דולי־נאָוו'ס קראָם, האָט געסטראַשעט דעם שילד מיט'ן פויסט און געבור־טשעט מיט ווילדער רציחה:

— פייגלינג! האַלב־גראָשענער קרעמערל! פּאַסקודניאַק! עזעל! פערהאַסטער קיט קיטיטש! פייגלינג! האָז דו פּוזאַטער!...

וואס אן אנגעקלאגטער האט דערצעהלט.

— פּריץ, עס וועט עפּעס געשעהן אן אונגליק! — האָט זיך אָפּגערופען דער פוהרמאַן א קעהרטהאָנדיג זיך צו מיר און אָנווייזענדיג מיט דעם בייטש אויף א האָז, וועלכער איז אונז איבערגעלאָפען דעם וועג.

אָהן דעם האָז האָב איך אויך געוואוסט, אז מיין צוקונפט איז א צרה'דיגע. איך בין געפאָהרען אין ס'ער קרייז־געריכט, וואו מען האָט מיך גערדארפט משפּט'ן פאר האָבען צוויי ווייבער.

דאָס וועטער איז געווען שרעקליך. פאַרנאַכט, בעת איך בין פערפאָהרען אויף א פּאָסט־סטאַנציאָן, האָב איך אויסגעזעהן ווי א מענש, וואָס מען האָט פערוואָרפען מיט שנעע, מיט וואסער אָפּגעגאָסען און שטאַרק אָפּגעשמיסען, — אזוי דערפראָרען, דורכגענעצט און פערגולם'ט האָב איך אויסגעזעהן פון דעם איינטאָניגען פאָהרען און טרייסלעניש.

אויף דער סטאַציאָן האָט מיך בעגעגענט דער סטאַנציאָן־בעאַמטער, א הויכער מאַן, מיט א פּליכעוואטען קאָפּ, א פערשלאָפענער און מיט וואָנצעס, וועלכע האָבען, דאכט זיך, ביי איהם ארויסגעוואקסען פון די נאָז־לעכער און געשטערט איהם צו שמעקען.

און שמעקען, דעם אמת געזאָגט, איז געווען וואָס. ווען דער סטאַציאָנס־בעאַמטער האָט, בורטשענדיג, סאָפּענדיג און קראַצענדיג זיך אונטער'ן קאָלנער, מיך אריינגעפיהרט אין דעם „סטאַציאָן־פּלאַץ" און אָנגעוויזען מיט זיין עלענבויגען אויף מיין רוה־פּלאַץ, האָט מיר א קלאַפּ געטהאָן אין נאָז אריין א שווערער גערוך פון זויערס, טריוואקס און פון א צוקוועטשטען וואנץ, און איך בין שיעור ניט דערשטיקט געוואָרען.

דאָס בלעכענער לעמפּעל, וואָס איז אויפ'ן טיש געשטאַנען און

בעלייכטעט די הילצערנע ניט־געפארבטע ווענד, האָט זיך געריוכערט, ווי א קינעלע.

— עס שמעקט דאָ ביי אייך גאָר נישקשה'דיג, סעניאָר! — האָב איך זיך אָפּגערופען און ארויפגעלעגט מיין סאַקאַוויאַזש אויפ'ן טיש.

דער סטאַציאָנ־בעאַמטער האָט א שמעק געטהאָן די לופט ארום זיך און מיט מיסטרויען א שאָקעל געטהאָן דעם קאָפּ.

— עס שמעקט ווי געוועהנליך — האָט ער געזאָגט און זיך א קראַץ געטהאָן — דאָס דאכט זיך אייך גור אזוי פון פראָסט. פון וואַנען זאָל דאָ זיין א שלעכטער גערוך? די פוהרמאַנס פּאָפּען דאָרט נעבען די פערד און פון די הערן שמעקט ניט...

איך האָב איהם אוועקגעשיקט און האָב גענומען בעטראַכטען מיין ציימווייליגע וואוינונג.

די זאָפע, אויף וועלכער איך האָב געזאָלט שלאָפען, איז געווען אזוי ברייט, ווי א בעט פאר צוויי, בעשלאָגען מיט סאראַטע און איז געווען קאַלט, ווי אייז. חוץ דער זאָפע זיינען אין צימער געווען: א גרויסע טשוגונענע אייווען, דער טיש מיט'ן רויכערדיגען לעמפּעל, עמיצענ'ס א פּאָאָר וואַליקעס, עמיצענ'ס א סאַקוואַיאַזש מיט א הענטעל און א פּאַרהאַנג, וואָס האָט פארשטעלט א ווינקעל.

הינטער'ן פּאַרהאַנג האָט עמיצער רוהיג געשלאָפען.

דאָס אַלעס בעטראַכט, האָב איך זיך אויסגעבעט אויף דער זאָפע און גענומען זיך אויסטהאָן. מיין נאָז האָט זיך באַלד צוגעוועהנט צו דעם שווערען גערוך.

אויסגעטהאָן דעם ראָק, הויזען און שטיוועל, האָב איך זיך גענומען ציהען און קאָרטשען, און שמייכלען, און אוועק גאָר שפּרינגען ארום דער טשוגונענער אויווען, הויך וואַרפענדיג מיט די באָרפיסע פיס...

דער דאָזיגער טאַנצען האָט מיך גוט צו־וואַרעמט. איצט האָב איך זיך געקענט אויסציהען אויף דער זאָפע און שלאָפען, האָט אָבער, מעשה שטן, געדאַרפט פּאַסירען... הערט א מעשה! איך האָב בעמערקט אז פון הינטער'ן פּאָרהאַנג קוקט ארוים אויף מיר א פרויענ־קעפּעלע מיט צושאָטענע האָאָר, שווארצע אויגען און אויסגעשטעלטע צייהנדלאך. איהרע שוואַרצע ברעמען האָבען זיך בעוועגט, אויף איהרע באַקען האָ־

בען זיך געשפּיעלט חן־גריבלאַך — ווייזט אויס, זי האָט געלאַכט.

איך בין צומישט געוואָרען. דאָס קעפּעלע האָט בעמערקט, אַז איך האָב עס געזעהן, איז אויך צומישט געוואָרען און האָט זיך בע־האַלטען.

אַזוי ווי אַ פּערזינדיגטער, מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגען, בין איך שטיל צוגעגאַנגען צו דער זאָפע, אַוועקגעלייגט זיך און זיך אײַ־בערגעדעקט מיט מיין פּעלץ.

— וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש! — האָב איך אַ טראַכט געטהאָן — זי האָט געזעהן, ווי איך האָב אַרומגעשפּרונגען! ניט שעהן!..

און דערמאָנענדיג זיך אָן איהר שעהן פּנים'ל, האָב איך נישט ווילענדיג גענומען טרוימען. בילדער, איינס שעהנער און רייצענדער פון ס'אַנדערען, האָבען זיך גענומען מאָהלען אין מיין פאַנטאַזיע און... און, אַזוי ווי אַ שטראָף פאַר מיינע זינדיגע געדאַנקען, האָב איך פּלוצים דערפיהלט אויף מיין רעכטער באַק אַ שטאַרקען, ברענענדיגען וועהטאָג. איך האָב זיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר דער באַק, האָב גאָר נישט געכאַפּט, אָבער פערשטאַנען האָב איך באַלד פון וואַנען איז דאָס וועה־טאָג: עס האָט גענומען שמעקען מיט אַ דערשטיקטען וואַנץ.

— דער טייפעל ווייס, וואָס דאָס איז! — האָב איך אין דיעזער צייט דערהערט אַ פרויען־שטימע — פערפלוכטע וואַנצען, זיי ווילען מיך היינט אויפפרעסען!

הם!... איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין גוטער געוועהנהייט צו נעהמען שטענדיג מיט זיך אין וועג אַ פּערסישען פּראָשעק. דאָס מאָל האָב איך איהם אויך געהאַט מיט זיך. אין אַ רגע אַרום האָב איך שוין געהאַט אַרויסגעשלעפּט דעם פּראָשעק פון מיין סאַקוואָיאַזש. איצט האָב איך איהם נאָר געדאַרפט פּאַרלייגען דעם שעהן קעפּעלע, און דאַן האָבען מיר אונזער בעקאַנטשאַפט געמאַכט. אָבער ווי אַזוי הויבט מען עס אָן איהר פּאַרצולייגען?

— דאָס איז שרעקליך! — האָט זיך ווידער דערהערט די פרויען־שטימע.

— מאַדאַם! — האָב איך זיך אָפּגערופען, סטאַרענדיג זיך צו ריידען ווי ווייט מעגליך זיעס: — לויט ווי איך פערשטעה פון אייער לעצטען אויסגעשריי, בייסען אייך וואַנצען. איך האָב ביי זיך אַ פּערסי־שען פּראָשעק. אויב איהר ווילט, קען....

— אַך, האָט רחמנות!...

— אָט גלייך... איך וועל נאָר אָנטאָן מיין פּעלץ — האָב איך זיך דערפרעהט — און ברענג איהם אייך...

— ניין, ניין... געהט נישט אהער!... דערלאנגט איהם דורכ'ן פאָרהאנג.

— איך ווייס אליין אויך, אז דורכ'ן פאָרהאנג. האָט נאָר נישט מורא, איך בין נישט קיין באַשי־בוזוק...

— ווער קען אייך וויסען! ווער קען וויסען, ווער עס פאָהרט דורך...

— און אפילו, ווען איך זאָל צו אייך אריינגעהן הינטער'ן פאָר־האנג, וואָס איז דאָרט? איבערהויפּט נאָך, ווען איך בין אַ דאָקטאָר — האָב איך געזאָגט אַ ליגען — דאָקטוירים און פּאָליציי־בעאַמטע, און דאמסקע פאַריקמאַכערס האָבען אַ רעכט אריינצובליקען אין דעם פּריוואַט־לעבען אויך.

— איז דאָס אמת, אז איהר זייט אַ דאָקטאָר? איהר מיינט עס ערענסט?

— עהרענוואָרט. וועט איהר איצט ערלויבען מיר אריינצוטראָגען אייך דעם פּראָשעק?

— נו, אויב איהר זייט אַ דאָקטאָר, איז שוין אַנאַנדערע געשיכ־טע... אָבער וואָרום זאָלט איהר זיך מטריח זיין? איך קען צו אייך ארויסשיקען מיין מאַן... פעדיא! — האָט זי געזאָגט מיט אַ שטילע־רען קול — פעדיא! נו, כאַפּ זיך אויף, דו! שטעה אויף און געה ארויס פון הינטער'ן פאָרהאנג! דער דאָקטאָר איז אַזוי פריינדליך און שלאָגט אונז פאָר אַ פערסישען פּראָשעק.

די נייעס, אז „פעדיא" געפינט זיך הינטער'ן פאָרהאנג, איז פאַר מיר געוועזען ווי אַ דונער פונ'ם הימעל. אַזוי ווי איך וואָלט מיט אַן אייזען איבער'ן קאָפּ געקראָגען... עס האָט מיך אָנגענומען אַזאַ געפיהל, וועלכען, וואהרשיינליך, עס שפּירט די שיעס־ספּרוזשינע פון אַ ביקס, בשעת זי פערהאַקט זיך אין מיט'ן שאָס: אי פערשעהמט, אי פערדראָסיג אי אַ שאַד... אויפ'ן הארצען איז מיר געוואָרען אַזוי זויער און אַזאַ טויגעניכטס האָט זיך מיר אויסגעוויזען יענער פעדיא, בעת ער איז ארויס צו מיר, אז איך האָב שיעור ניט גענומען שרייען גוואַלד.

פעדיא איז געווען א הויכער מאַן, אַ יאָהר פופציג אַלט, מיט גרויע באַקענ־באָרדען, מיט צונויפגעדריקטע ליפּען און בלויע אָדערען, וואָס זיינען אין אונאָרדנונג אַרומגעפלויגען איבער זיין נאָז און שלייפען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שלאָף־ראָק און שטעק־שיך. עס איז קענטיג געווען, אַז ער איז עפּעס אַ בעאַמטער.

— איהר זייט זעהר פריינדליך, דאָקטאָר... — האָט ער געזאָגט נעהמענדיג ביי מיר דעם פּראָשעק, און האָט זיך צוריקגעקעהרט אהינטער'ן פאָרהאַנג: — מערסי... און אייך האָט אויך פערכאַפּט דער שנעע־שטורם ?...

— יאָ! — האָב איך אַ בורטשע געטהאָן, אַוועקגעלייגט זיך אויף דער זאָפע און מיט כעס אַ ציה געטהאָן אויף זיך דעם פּעלץ: — יאָ־אָ!

— אַזוי... זינאַטשקאַ, איבער דיין נעזעלע לויפט אַרום אַ וואַנצעלע! ערלויב מיר אַרונטערצושאַרען!

— דו מעגסט — האָט זינאַטשקאַ זיך צולאַכט — נישט געכאַפּט! שטאַאַטס־ראַטה דו, אַלע האָבען פאַר דיר מורא און אַ וואַנץ קענסט דו נישט בייקומען!

— זינאַטשקאַ, אַ פרעמדער מענש איז דאָ... (ער האָט אַ זיפץ געטהאָן) דו ביזט אַלע מאָל... ביי גאָט...

— חזירים, לאָזען ניט שלאָפען! — האָב איך אַ בורטשע געטהאָן שטאַרק אין כעס, ניט וויסענדיג אליין וואָרום.

אָבער באַלד זיינען מאַן און ווייב אנשווייגען געוואָרען. איך האָב פערמאַכט די אויגען און זיך געסטאַרעט נישט צו טראַכטען פון גאָר נישט און שלאָפען. אָבער עס איז אַוועק איין שעה, אַ צווייטע, און איך האָב נישט געשלאָפען...

צום סוף האָבען זיך מיינע שכנים גענומען אַרומוואַרפען אין בעט און זיך זידלען אין דער־שטיל.

— מערקווירדיג, אפילו דער פערסישער פּראָשעק העלפט אויך נישט — האָט געבורטשעט פעדיא — אַזוי פיעל זיינען זיי דאָ, די וואַנצען! דאָקטאָר! זינאַטשקאַ בעט מיך, איך זאָל אייך פרעגען: וואָרום האָבען די וואַנצען אַזאַ מיאוס'ן גערוך?

מיר האָבען זיך צורעדט. האָבען גערעדט וועגען וואַנצען, וועגען דאָס וועטער, דעם רוסישען ווינטער, וועגען מעדיצין, פון וואָס איך האָב

אגב אזא בעגריף ווי פון אסטראָנאָמיע, למשל; דערנאָך האָבען מיר גענומען ריידען וועגען עדיסאָן׳ען....

— זינאטשקא, דו דארפסט זיך ניט שעהמען... ער איז דאָך א דאָקטאָר! — האָב איך דערהערט זיין סוד׳ען זיך באלד נאָכ׳ן גע־שפרעך וועגען עדיסאָן׳ען — צערעמאָניע זיך ניט און טהו א פרעג... דארפסט ניט מורא האָבען. שווערצאָוו האָט ניט געהאָלפען, אפשר וועט ער העלפען.

— טהו איהם א פרעג אליין! — האָט זינאטשקא ארויסגע־שעפּצעט.

— דאָקטאָר — האָט זיך פעדיא צו מיר געווענדעט — וואָרום דריקט מיין פרוי אזוי די ברוסט? ווייסט איהר, טהוט זי א הוסט, דריקט איהר, אזוי ווי עס וואָלט דאָרט עפּעס געווען אזוינס... עפּעס א קניידעל...

— דאָס איז א צו לאנגע געשיכטע צו ערקלעהרען — האָב איך זיך געפּרובט ארויסדרעהען.

— נו, איז וואָס אז עס איז א צו לאנגע? מיר האָבען גענוג צייט... סיי־ווי־סיי שלאָפען מיר ניט... איהר וואָלט זי, טהייערינ־קער, אונטערזוכט! איך דארף אייך בעמערקען, אז דאָקטאָר שערווע־צאָוו קורירט זי... א מענש איז ער אפילו א גאנץ וואוילער, אָבער... גאָר קיין צוטרויען! איך זעה, אז אייך ווילט זיך ניט, אָבער זייט אזוי פריינדליך! איהר זוכט זי אונטער און איך וועל דערווייל אריבער־געהן צום סטאַציאָנ־בעאמטען און וועל איהם הייסען שטעלען דעם סאמאָוואר.

פעדיא האָט גענומען שליאָפּען מיט זיינע שטעק־שיך און איז ארויסגעגאנגען.

איך בין אריין הינטער׳ן פאָרהאנג. זינאטשקא איז געזעסען אויף א ברייטער זאָפע, ארומגעלייגט מיט פיעל קישענס, און אונטערגעהאל־טען איהר שפיצענעם קראגען.

— ווייזט אָקאָרש אייער צונג — האָב איך אָנגעהויבען, זעצענדיג זיך נעבען איהר און מאכענדיג אן ערנסטע מינע.

זי האָט ארויסגעשטעלט די צונג און זיך צולאכט. די צונג איז געווען, ווי עס בעדארף צו זיין, רויט. איך האָב זי אָנגענומען ביים דופק.

— הם!... — האָב איך ארויסגעשטאמעלט, ניט געפינענדיג דעם דופק.

איך געדענק ניט, וועלכע אַנדערע פראגען איך האָב איהר גע־שטעלט, נור דאָס געדענק איך גוט, אז אַם ענדע פון מיין אונטערזוכען זי, בין איך געווען אזא נאַר און אידיאָט, אז די אַלע פראגען זיינען שוין מיר מעהר אין קאָפּ נישט געלעגען...

צום סוף בין איך געזעסען אין אַ קאָמפּאַניע פון פעדיאַן און זינאטשקאַ'ן און האָב געטרונקען מיט זיי טהעע.

מען האָט געמוזט אָנשרייבען אַ רעצעפּט, האָב איך איהם פער־פּאסט אין לאַטיין לויט די אַלע כללים פון דער מעדיצינישער וויסענ־שאַפט. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם בעוואוסטען לאַטיינישען ווערטעל: „סיק טראַנזיט גלאָרי מונדי” (אזוי געהט אונטער די הער־ליכקייט פון דער וועלט), און האָב איהם אָנגעשריעבען, כלומרשט אַ רעצעפּט אין דער זעלבער פאָרמע. ווי דאָקטוירים שרייבען זייערע רעצעפּטען:

סיק טראַנזיט — 005

גלאָריא מונדי — 1,0

אָן עס־לעפעל יעדע צוויי שעה.

מאַדאַם סיעלאַווא.

און איך האָב זיך אונטערגעשריעבען: דאָקטאָר זאיצעוו.

אין דער פריה, ווען איך בין שוין פאַרטיג געווען צו פאָהרען, בין איך מיט'ן סאקוואַיאַזש אין האַנד געגאַנגען זיך זעגענען אויף אייביג מיט מיינע נייע בעקאַנטע. פעדיא האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ קנעפּעל און, דערלאַנגט מיר אַ צעהן־רובעלדיגע אַסיגנאַציע, האָט ער מיך ניט אָפּגעלאָזען:

— ניין, איהר זייט פערפליכטעט צו נעהמען! איך בין געוועהנט צו צאָהלען פאַר יעדע עהרליכע ארבייט! איהר האָט געשטודירט, געארבייט! אייער וויסען און קאָנען איז אייך אָנגעקומען מיט שוויים און בלוט! איך פערשטעה עס גאַנץ גוט!

איך האָב זיך נישט געקענט העלפען און גענומען דאָס געלד.

אזוי האָב איך, אין קורצען, פערבראַכט יענע נאַכט, איידער איך האָב זיך געשטעלט צום משפּט.

איך נעהם זיך נישט אונטער צו בעשרייבען יענע געפיהלען, וואָס איך האָב דורכגעלעבט, בעת די טהיר פון געריכטס־הויז האָט זיך פאר מיר געעפענט און דער דאָרטיגער פּאָליציי־בעאַמטער האָט מיר אָנגעוויזען א פּלאַץ אויף דער אָנקלאַגע־באַנק. איך וועל נור זאָגען, אז איך בין בלייך און צומישט געוואָרען, ווען איך האָב דערפיהלט אויף זיך די טויזענד אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויף מיר. און אז איך האָב א קוק געטהאָן אויף די ערענסטע פייערליכע מינעס פון מיינע ריכטער, האָב איך געפיהלט מיין סוף...

היינט קענט איהר זיך פאָרשטעלען מיין שרעק, ווען אין יענער צייט, אויפהויבענדיג די אויגען אויפ׳ן טיש מיט׳ן רויטען געוואַנד, האָב איך דערזעהן אויפ׳ן פּראָקוראָר׳ס שטוהל — וועמען מיינט איהר? — פעדיאַ׳ן!!!

ער איז געזעסען און האָט עפּעס געשריעבען. קוקענדיג אויף איהם, האָב איך זיך דערמאָנט אָן די וואָנצען, אָן זינאַטשקאַ׳ן, אָן מיין אונטערזוכען זי, און נישט נאָר א פּראָסט, נור דעם גאַנצען אייז־ים האָב איך דערפיהלט איבער מיין רוקען...

אז ער האָט געענדיגט זיין שרייבען, האָט ער א קוק געטהאָן אויף מיר. אפריהער האָט ער מיך נישט דערקענט, דערנאָך אָבער האָבען זיך זיינע אויגען פונאַנדערגעעפענט ברייטע, ברייטע און זיין מאָרדע האָט זיך ניעדריגער ארונטערגעלאָזט און איז עפּעס ווי הענגען געבליבען. זיין האַנד האָט זיך גענומען טרייסלען. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען און האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר זיינע טעמפּע אויגען.

איך האָב זיך אויך אויפגעהויבען, ניט וויסענדיג אליין צו־וואָס, און האָב זיך איינגעגעסען אין איהם מיט די אויגען...

— אָנגעקלאָגטער, רופט אָן פאר׳ן געריכט אייער נאָמען און אזוי ווייטער — האָט אָנגעהויבען דער פאָרזיצענדער.

דער פּראָקוראָר האָט זיך אַנידערגעזעצט און אויסגעטרונקען א גלאָז וואַסער. א קאַלטער שוויים האָט ארויסגעשלאָגען אויף זיין שטערען.

— נו, מען וועט מיך שוין גוט אָפּבעזעמען! — האָב איך א טראַכט געטהאָן.

ווי עס איז קענטיג געוועזן, האָט דער פּראָקוראָר בעשלאָסען מיך ניט צו שאָנעווען, ווארום די גאַנצע צייט האָט ער זיך געקאָכט, גע־גריבעלט אין די בעווייזען פון די עדות און איז שטארק נערוועז גע־ווען...

עס איז שוין צייט אָבער צו ענדיגען. איך שרייב עס אין דער געריכט־געביידע, בעת דער מיטאָגטיגער אונטערברעכונג... באַלד וועט דער פּראָקוראָר זיין רעדע האַלטען.

ווער ווייס, וואָס וועט זיין?

אַ בעקאַנטער מאַנספּערשוין.

די רייצענדע וואנדא, אָדער די עהרען־בירגערין נאסטאַסיא קאַ־נאָווקינא, ווי זי איז פערשריעבען געוועז אין איהר פּאַספּאָרט, האָט זיך אויסשרייבענדיג פון שפּיטאָל, געפונען אין אַ לאַגע, אין וועלכער זי איז ביז אהער נאָך קיין מאָל ניט געוועזן: אָהן אַ היים און אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה. וואָס טהוט מען?

פריהער פאַר אַלעס איז זי אַוועק אין לאָמבארד און האָט דאָרט פאַרזעצט אַ רינג מיט אַ שטיינדעל — איהר איינציגע שטיקעלע ציערונג. פאַר'ן רינג האָט מען איהר געגעבען אַ רובעל, אָבער... וואָס קויפט מען פאַר אַ רובעל? פאַר אַזא סומע געלד קען מען ניט קויפען ניט קיין מאָדערנעם קורצען יאַקעלע, ניט קיין הויכע הוט, ניט קיין געלע טופליעס, און אָהן דיעזע אַלע זאַכען האָט זי זיך געפיהלט, ווי אַ נאַקעטע. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ניט נאָר די מענשען, נאָר אפילו, די פערד און די הינט קוקען אויף איהר און לאַכען פון איהרע פּראָסטע אָרימע קליידער. און געטראַכט האָט זי נאָר וועגען די קליידער, די פראַגע, וואָס זי וועט עסען און וואו זי וועט נעכטיגען, האָט איהר אפילו ניט אָנגעהויבען צו אַרען.

— וואָלט איך באַגעגענט אַ בעקאַנטען מאַנספּערשוין... — האָט זי געטראַכט — איך וואָלט ביי איהם גענומען געלד... מיר וועט קיינער ניט אָבזאָגען, וויל...

אָבער קיין בעקאַנטע מענער האָט זי ניט באַגעגענט. זיי האָט מען לייכט געקענט טרעפען ביינאַכט אין קאַפּע רענעסאַן, אָהין וועט מען זי אָבער ניט אריינלאָזען אין איהר איינפאַכען קלייד און אָהן אַ הוט. וואָס טהוט מען?

נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת, ווען עס האָט איהר שוין דערעסען אי דער אַרומגעהן, אי דער זיצען, אי דער טראַכטען, האָט וואנדא בע־

שלאָסען זיך צו נעהמען פאר'ן לעצטען מיטעל: אריבער צו געהן צו עפּעס א בעקאַנטען מאַנספּערשוין אהיים און בעטען ביי איהם געלד.

— צו וועמען געהט מען? — האָט זי געטראַכט. — צו מישא'ן טאָר מען ניט... ער איז א פאַמיליע־מאַן... דער געלער אַלטער איז יעצט אין קאַנצעליאַריע...

וואַנדא האָט זיך דערמאָנט אָן דעם צאָהן־דאָקטאָר פינקעל, א משומד, וועלכער האָט איהר מיט א מאָנאַטען דריי צוריק געשענקט א בראַסלעט און וועמען זי האָט איין מאָל ביי א מאָל־צייט אין דייטשען קלוב ארויפגעגאָסען א גלאָז ביער אויפ'ן קאָפּ. און דערמאָנט זיך אָן דיעזען פינקעל, האָט זי זיך שטאַרק דערפרעהט.

— ער וועט אודאי געבען, אויב איך זאָל איהם טרעפען אין דער היים... — טראַכט זי, געהענדיג צו איהם: — און זאָל ער גור פּרובען ניט געבען, וועל איך איהם דאָרט אַלע לאָמפּען צוברעכען. —

ווען זי איז צוגעקומען צום טהיר פון צאָהן־דאָקטאָר'ס הויז, איז שוין ביי איהר אין קאָפּ געווען א פאַרטיגער פּלאַן: זי וועט מיט א געלעכטער ארויפלויפען אויף די טרעפּ, וועט אריינפליהען צום דאָקטאָר אין קאַבינעט און וועט פערלאַנגען 25 רובעל... ווען זי האָט זיך אָבער אָנגענומען פאר'ן טהיר־גלעקעל, איז דער פּלאַן עפּעס ווי פון זיך אַליין פערשוואונדען. וואַנדא האָט פּלוצים פאַרלאָרען דעם מוטה און איז געוואָרען נערוועז, א זאַך, וואָס האָט מיט איהר פריהער קיין מאָל ניט פּאַסירט.

זי איז אימער געווען דרייסט און פרעך אין דער שיכורער געזעלשאַפט פון איהרע בעקאַנטע, יעצט אָבער, אָנגעטהאָן אין אָן אָרעם קלייד, זייענדיג אין דער לאַגע פון אן איינפאַכער שנאָרערקע, וועמען מען קען ניט אריינלאָזען, האָט זי זיך דערפיהלט געפאַלען ביי זיך און קליין. זי האָט זיך פאַרשעהמט, און איהר איז געוואָרען מורא'דיג.

— אפשר האָט ער שוין גאָר אין גאַנצען אָן מיר פאַרגעסען... — האָט זי געטראַכט און ניט געוואַגט א ציה טהאָן דאָס גלעקעל: — און ווי וועל איך זיך פאַר איהם ווייזען אין אזא קלייד? אזוי ווי א בעטלערקע אָדער עפּעס גאָר א קליין־בירגערין?...

און אונענטשלאָסען האָט זי אָנגעקלונגען.

הינטער דער טהיר האָבען זיך דערהערט טריט, דאָס איז געווען דער שווייצאָר.

— איז דער דאָקטאָר אין דער־היים ? — האָט זי געפרעגט.

עס וואָלט איהר איצט א סך אנגענעהמער געווען, אז דער שוויי־צאַר זאָל זאָגען „ניין“. יענער האָט אָבער אנשטאָט איהם צו ענטפע־רען, זי אריינגעלאָזען אין פאַרצימער און פון איהר אראָבגענומען דעם מאַנטעל. די טרעפ האָט זיך איהר אויסגעוויזען רייך און גרויסאַר־טיג־שעהן, אָבער פון דעם גאַנצען ארומיגען רייכטהום האָט זיך איהר פריהער פון אַלעס געוואָרפען אין די אויגען א גרויסער שפּיעגעל, אין וועלכען זי האָט דערזעהן א שלעפּערקע אָהן א הויכער הוט, אָהן א מאָדערנעם יאַקעלע און אָהן געלע טופליעס... און וואַנדע׳ן איז אויסגעקומען עפּעס מאָדנע, וואָס גראָד איצט, ווען זי איז געווען אָנ־געטהאָן אַזוי אָרעם און איז עהנליך געווען צו אַנייטערקע אָדער א וועשערין, האָט זיך ביי איהר פּלוצים ערוועקט די חרפה, און די אַלטע דרייסטקייט און פרעכהייט זיינען עפּעס אין גאַנצען פאַרשוואונדען.... און אין איהרע געדאַנקען האָט זי זיך איצט ניט גערופען וואַנדא, נור נאַסטיא קאַנאַוואַקינא, אַזוי ווי פריהער...

— זייט אַזוי גוט! — האָט געזאָגט די דיענסט, זי אריינפיה־רענדיג אין קאַבינעט. — דער דאָקטאָר קומט גלייך. זיצט...

וואַנדא האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף א ווייכער קרעסלע.

— איך וועל נעהמען און זאָגען: לייהט מיר געלד! — האָט זי געטראַכט — אָט אַזוי איז אַנשטענדיג, ווייל ער איז דאָך מיט מיר בעקאַנט. נאָר אָט די דיענסט וואָלט פון דאַנען ארויסגעגאַנגען. אין איהר געגענוואַרט איז עפּעס ניט אנגענעהם.... און צו וואָס שטעהט זי דאָ ? —

אין א מינוט פינף ארום האָט זיך די טהיר געעפענט און עס איז אריין פינקעל, א הויכער, טונקעלער משומד מיט פעטע באַקען און אויסגעראַטשעטע אויגען. די באַקען, די אויגען, דער בויך, די ברייטע היפטען — דאָס אַלעס האָט ביי איהם אויסגעקוקט זאַט, עקעלדיג און אונפריינדליך. אין קאַפּע רענעסאַן און אין דייטשען קלוב איז ער אימער געווען אַביסעל אונטערגעסנאָסקעט, האָט דאָרט פיעל פאַר־שווענדעט אויף די פרויען און האָט געדולדיג אריבערגעטראָגען זייערע שפּאַסען (צום ביישפּיעל, ווען וואַנדא האָט איהם אויסגעגאָסען די גלאָז ביער אויפ׳ן קאָפּ, האָט ער נאָר א שמייכעל געטהאָן און זי גע־סטראַשעט מיט א פינגער); איצט אָבער האָט ער געהאַט אַן אָנגע־

בלאָזענעם, פארשלאָפענעם אויסזעהן, האָט געקוקט שטרענג קאַלט, ווי א פריץ, און האָט עפּעס געקויט.

— וואָס וועט איהר עפּעס זאָגען? — האָט ער געפרעגט, ניט קוקענדיג אויף וואנדא'ן.

וואנדא האָט א בליק געטהאָן אויף דעם ערענסטען פּנים פון דער דיענסט, אויף דער זאטער פיגור פון פינקעל'ן, וועלכער האָט איהר, ווי עס שיינט, ניט דערקענט, און איז רויט געוואָרען...

— וואָס וועט איהר עפּעס זאָגען? — האָט ווידערהאָלט דער צאָהן־דאָקטאָר שוין אביסעל אין כעס.

— די... די צייהן טהוען וועה... — האָט געשטאַמעלט וואנדא.

— יאָ?... וועלכער צאָהן? וואו?

וואנדא האָט זיך דערמאָהנט, אז ביי איהר איז דאָ א לעכער־דיגער צאָהן.

— אונטען, אויף דער רעכטער זייט... — האָט זי געזאָגט.

— הם!... עפענט אקארשט דעם מויל.

פינקעל האָט זיך אָנגעכמורעט, האָט איינגעהאַלטען דעם אָטהעם און גענומען בעטראַכטען דעם קראַנקען צאָהן.

— עס טהוט וועה? — האָט ער געפרעגט, דרעהענדיג אין צאָהן מיט עפּעס אַן אייזערנעם דרעטעלע.

— עס טהוט וועה... — האָט געליגט וואנדא. — דערמאָהנען איהם? — האָט זי געטראַכט — דאַן ווערט ער מיך אודאי דערקענען... אָבער... די דיענסט! צו וואָס פאר א שווארץ־יאָהר שטעהט זי דאָ?

פינקעל האָט פּלוצים גענומען סאָפּען, ווי א פּאַראָוויק, גלייך איהר אין מויל אריין און געזאָגט:

— איך ראַטה אייך ניט דעם צאָהן צו פּלאָמבירען... איהר וועט שוין פון איהם קיין סך נוצען סיי־ווי־סיי ניט האָבען.

ער האָט ווידער א פּיהר געטהאָן מיט'ן דרעטעל אין צאָהן און, איינפאַטשקענדיג וואנדא'ס ליפּען און יאַסלעס מיט זיינע פער־רויכערטען פון טאַבאַק פינגער, האָט ער ווידער איינגעהאַלטען דעם

אָטהעם און איז אריינגעקראָכען צו איהר אין מויל מיט עפּעס קאַל־טעס... וואנדא האָט פּלוצים דערפיהלט א שרעקליכען וועהטאָג, האָט א געשריי געטהאָן און אָנגעכאַפּט פינקעל'ען פאר'ן האנד.

— ס'איז גאָר נישט, גאָרנישט... — האָט ער געבורטשעט — שרעקט זיך נישט... פון דעם צאָהן וועט איהר אלץ איינס גאָרנישט האָבען. מען דארף זיין דרייסט...

און די פארראויכערטע, פארבלוטיגטע פינגער האָבען צוגעטראָגען צו איהרע אויגען אָן ארויסגעריסענעם צאָהן... די דיענסט איז צוגע־גאנגען און אונטערגעשטעלט א טעצעלע צו איהר מויל.

— אין דער־היים זאָלט איהר דעם מויל גוט אויסשווענקען מיט קאַלטע וואסער... — האָט געזאָגט פינקעל: — דאן וועט עס אויפ־הערען צו בלוטען...

ער איז איצט געשטאנען פאר איהר אין דער פּאָזע פון א מענ־שען, וועלכער ווארט, אז מען זאָל שוין א מאָל אוועקגעהן און איהם לאָזען צופריעדען...

— א גוטען טאָג... — האָט זי געזאָגט און גענומען געהן צו דער טהיר.

— הם!... און ווער וועט מיר בעצאָהלען פאר מיין ארבייט? — האָט געפרעגט פינקעל מיט שפּאָט אינ'ם קול.

— אָה, יאָ... — האָט זיך וואנדא דערמאָהנט, איז רויט גע־וואָרען און האָט דערלאנגט דעם משומד דעם רובעל, וואָס זי האָט געקראָגען פאר'ן רינג מיט'ן שטיינדעל.

ארויסגעהענדיג אין גאס, האָט זי זיך דערפיהלט נאָך מעהר ער־נידעריגט, ווי פריהער, נו אצינד האָט זי זיך שוין ניט געשעהמט פאר איהר אָרימקייט. זי האָט אצינד ניט באמערקט, אז איהר פעהלט א הויכע הוט און א מאָדערנער יאַקעלע. זי איז געגאנגען איבער'ן גאס, האָט געשפּיגען מיט בלוט און יעדער רויטער שפּיי איהרער האָט צו איהר גערעדט וועגען איהר לעבען, א שלעכט, א מיאוס לעבען... וועגען די בעליידיגונגען, וועלכע זי האָט אריבערגעטראָגען, און וועלכע זי וועט נאָך מוזען אריבערטראָגען מאָרגען, אין א וואָך ארום, איבער א יאָהר — דאָס גאנצע לעבען, ביז'ן סאַמע קבר...

— אוי, ווי שרעקליך! — האָט זי געשעפּטצעט. — ווי מורא'דיג, גאָטעניו!

פון דעסטוועגען איז זי אויפ'ן צווייטען טאָג שוין געווען אין קאַפּע רענעסאַן און האָט דאָרט געטאַנצט. זי איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ גרויסע, רויטע הוט, אין אַ יאַקעלע פון דער לעצטער מאָדע און האָט געטראָגען געלע טופליעס. אַ יונגער סוחר פון קאַזאַן האָט איהר דאָרט טראַקטירט מיט אַ מאַלצייט...



א גליקליכער מענש.

פון דער סטאנציאָן „באָלאָגאָע", אויפ'ן וועג, וואו עס געהט דער ניקאָלאַיעווער אייזענבאהן, ריהרט זיך א פּאסאזשיר־צוג.

אין איינעם פון די וואגאָנעס פונ'ם צווייטען קלאַס, וואו מען מעג רויכערען, דרעמלען ארום פינף פּאסאזשירען, איינגעוויקעלט אין דער פארנאכטיגער דונקעלהייט. זיי האָבען נאר וואָס צוגעביסען און איצט סטארען זיי זיך איינצושלאָפען, אנגעשפּארט אויף די ווענטלאך פון די דיוואנעס. ס'איז שטיל...

עס עפענט זיך די טהיר, און אין וואגאָן קומט אריין א הויכער, דארע פיגור, ווי א שטעקען, אין א געלער הוט און א העלען ראָק מעשה פראנט. אין גאנצען איז ער זעהר ענליך צו א קאָרעספּאָנדענט, וואָס מען זעהט אין אַן אָפּערעטע אָדער אין זשול ווערן'ס ראָמאַנען.

די פיגור שטעלט זיך אָב אין מיטען וואגאָן, סאָפּעט שווער און קוקט מיט פערזשמורעטע אויגען לאנג אויף די דיוואנעס.

— ניין, דאָס איז אויך ניט דער! — בורטשעט ער — דער טייפעל ווייס, וואָס דאָס איז! דאָס איז איינפאך א סקאנדאל! ניין, ניט דער!...

איינער פון די פּאסאזשירען קוקט זיך גוט איין אין דער פיגור און שרייט פרעהליך אויס:

— איוואן אלעקסייעוויטש! דאָס זייט איהר? ווי קומט איהר אהער?

דער לאנגער, דארער איוואן אלעקסייעוויטש טהוט א ציטער, קוקט טעמפּ אָן דעם פּאסאזשיר און, דערקענט איהם, טהוט ער פרעהליך א פּאטש מיט די הענד.

— זעה נור! דאָס זייט איהר פּעטער פּעטראָוויטש? — מאכט

ער — שוין אַ שאָק מיט יאָהרען איך ניט געזעהן! און איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר פאָהרט אין דעם צוג?

— איז וואָס מאַכט איהר עפּעס?

— אָט, אַזוי זיך... נור אָט וואָס, טאַטעלע, איך האָב מיין וואַגאָן פערלאָרען און קען איהם אַצינד בשום אופ'ן נישט געפינען, אָט אַזאַ אידיאָט בין איך! שמייסען האָט מען מיך געדאַרפט!...

דער לאַנגער איוואַן אַלעקסייעוויטש שאָקעלט זיך אונטער און קוועלט פון זיך אַליין.

— אָט, דאַרפען זיך טרעפען אַזעלכע צופאַלען! — רעדט ער ווייטער — איך געה ארויס נאָכ'ן צווייטען קלונג אויסטרינקען אַביסעל קאָניאַק, אַז איך האָב איינס אַריינגעגאָסען, טראַכט איך מיר, אַזוי ווי די צווייטע סטאַנציאָן איז נאָך גאַנץ ווייט, דאַרף מען אויסטרינקען נאָך אַ גלעזעלע. און אַזוי שטעה איך און טראַכט און טרינק. פּלוצים, נאַ דיר: דער דריטער קלונג... לויף איך מסתמא וויא משוגענער, און שפּרינג מיר אריין אין דעם ערשטען בעסטען וואַגאָן. נו, בין איך ניט אַן אידיאָט? אַן עזעל, האַ?...

— איהר זייט, ווי עס שיינט, אין אַ זעהר פרייליכען מוטה — באַמערקט פּיאָטער פּעטראָוויטש — זעצט זיך דערווייל אַביסעל צו! אָט דאָ איז פאַר אייך אַ פּלאַץ!...

— ניין, ניין, זאָל ער אויסהיטען... איך'ל געהן זוכען מיין וואַגאָן. זייט מיר געזונד!...

— איהר קענט נאָך אין דער פינסטער אַראָבגע'הרג'עט ווערען פון דער פּלאַטפאָרמע. איהר זעצט זיך דאָ בעסער אַוועק און ווען מיר וועלען צו פאָהרען צו אַ סטאַנציאָן, וועט איהר שוין געפינען אייער וואַגאָן. זעצט זיך אַוועק!...

איוואַן אַלעקסייעוויטש זיפצט זיך שווער אָב און זעצט זיך אונטען קעגען פּיאָטער פּעטראָוויטש'ען.

ער זעהט אויס זעהר אויפגערעגט און זיצט ווי אויף שפּילקעס.

— וואָהין פאָהרט איהר? — פרעגט פּיאָטער פּעטראָוויטש.

— איך? אָט, גלאַט אין דער וועלט אריין. מיר איז דער קאָפּ אַזוי צורודעלט, אַז איך ווייס אַליין ניט וואו איך פאָהר. דאָס שיקזאַל פיהרט, נו, פאָהר איך. כע־כע... האָט איהר, טייבעלע מיינס, געזעהן אַמאָל גליקליכע נאַראָנים? ניין? טאָ קוקט מיך אָן! פאַר אייך

שטעהט ־ער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט! יאָ, יאָ! אויף מיין פּנים דערקענט מען גאָר נישט?...

— אויף אייער פּנים? מען דערקענט נור, אז איהר האָט אבי־סעלע... הייסט עס... אריינגעגאָסען.

— איך מוז אודאי אויסזעהן שרעקליך נאריש! א שאָד, וואָס קיין שפּיעגעל איז ניטאָ, איך וואָלט אליין א בעלן געווען א קוק צו טהאָן אויף מיין פּרצוף! איך פיהל, טאַטעלע מיינער, אז איך ווער אן אמת'ער אידיאָט. אויף מיינע נאמנות! כע־כע־כע... שטעלט זיך נור פאָר, איך מאַך א לוסט־רייזע... א חתונה־רייזע, הייסט עס... נו, איז וואָס זאָגט איהר אויף דעם, הא? בין איך ניט קיין גליקליכער מענש?...

— איהר האָט דען געהייראַטה?

— יאָ, היינט, מיין טהייערינקער! און פון דער חתונה בין איך מיר גלייך אין וואַגאָן אוועק...

עס הויבען זיך אָן צו שיטען צואווינשונגען און די געוועהנליכע פראַגען.

— אזוי גאָר... — לאַכט פּיאָטער פּעטראָוויטש — דערפאַר האָט איהר זיך דאָס אזוי אויסגעפּוצט, ווי א פראַנט?...

— יאָ, אמת.... אפילו מיט פּאַרפיום זיך בעגאָסען, אבי אויס־צוזעהן אָט אזוי אָ, ווי עס בעדאַרף צו זיין, ווי אַן אמת'ער חתן, הייסט עס!... איבער די אויערען בין איך אריין אין דעם חתונה־טומעל! עס נעהמען מיך איצט ניט קיין דאגות, ניט קיין זאָרג און ניט קיין שום זאַך, נור עפּעס אזא מין מאָדנער געפיהל, עפּעס אזוינס ווי זאָל איך אייך זאָגען? דער טייפעל וויים, ווי דאָס אָנצורופען!... גליקזעליג־קייט, צו וואָס? זייט איך לעב האָב איך זיך נאָך אזוי גוט ניט גע־פיהלט!...

— איוואַן אלעקסייעוויטש מאַכט צו די אויגען און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אַלץ הייסט גליקלאַך! — רעדט ער ווייטער — באַרעכבענט זיך נור אליין: אָט געה איך באַלד אריין צו מיר אין וואַגאָן. דאָרט, אויף א סאָפאַקעלע, נעבען א פענסטער'ל זיצט א מיידעלע, וואָס איז, אזוי צו זאָגען, מיר איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. א בלאָנ־דינקעלע איז זי, מיט א נעזעלע... מיט פינגערלאַך... א געזונד

אין איהר נשמה'לע אריין! שעהנער מלאך מיינער! דו טרייסט פון מיין הארצען! און א פיסעלע! גאָטעניו גוטינקער! ס'פיסעלע איהר'ס איז דאָך עפּעס ניט אזוי ווי אונזערע טשאַבאַטעס, נור עפּעס א קליינס, א ברעקעל, א פיצעל... איך וואָלט געקענט, וואָלט איך גענומען און עס איינגעשלונגען אין גאנצען!... אָבער וואָס איז די פעולה פון מיינע רייד; איהר פערשטעהט סיי־ווי גאָר נישט! איהר זייט דאָך עפּעס א פּראקטישער מענש, באַלד וועט איהר מסתמא קומען קריטיקירען, אנאַליזירען, אזוי און אזוי. גער, טענה מיט פאר־טריקענטע אַלטע בחורים! אָט, ווען איהר וועט חתונה האָבען, דאַ־מאָלט וועט איהר מיך דערמאָהנען. וואו איז אצינד, וועט איהר זאָגען, איוואן אַלעקסייעוויטש? אַלזאָ, הייסט עס, גער איך באַלד צו זיך אין וואגאָן. דאָרט ערוואַרט מען מיך שוין מיט אונגעדולד... מען קוקט אויס די אויגען נאָך מיר. מען באַגעגענט מיך מיט א שמייכע־לע. איך זעץ זיך צו און נעהם זי אָן, אָט אזוי, מיט צוויי פינגערלאך פאר'ן מאָרדאָטשקע...

איוואן אַלעקסייעוויטש דרעהט פרעהלאך מיט'ן קאָפּ און צולאַכט זיך מיט א גליקליכען געלעכטער.

— דערנאָך לייגסט דו ארויף דיין נאַרישען קאָפּ צו איהר אויפ'ן פּלייצקעלע — רעדט ער ווייטער — און נעהמסט זי אָרום מיט דער האנד פאר'ן טאַליע. ארום, דארפט איהר וויסען, איז שטיל... פּאָעטיש און דונקעל... די גאנצע וועלט וואָלט איך אָרומגענומען אין אַזעלכע מינוטען!... פּיאָטער פּעטראָוויטש, ערלויבט מיר אייך אָרומצו־נעהמען!

— נו, נו, אדרבה!...

די ארומיגע פּאסאזשירען האָבען זיך פרעהלאך צולאַכט, קור־קענדיג ווי די צוויי פריינד האָבען זיך ארומגענומען, און דער גליקלי־כער בעל הבית'על האָט ווייטער אָנגעהויבען:

— און אום צו זיין אויף אַן אמת גליקלאך, ווי אין די ראָמאַנען שטעהט, גערסט דו זיך אזוי צו צום בופעט און האַקסט אריין א צוויי־דריי גלעזלאך... דאמאָלט ווערט דיר אי אין קאָפּ אי אויפ'ן הארצען אזוי חיות'דיג, אזוי וואויל, אז עס קען גאָר בעסער ניט זיין אפילו אין די שעהנסטע מעשה'לאך.

— א קליין מענשעלע בין איך, א גאָר נישט, און דאכטען דאכט זיך מיר, אז די גאנצע וועלט איז מיינע...

די ארומיגע פּאסאזשירען פאראינטערעסירען זיך מיט דעם אָנ־געסנאָסקעטען, גליקליכען בעל הבית'על, ווערען הינגעריסען פון זיין פרעהליכקייט און טשובען זיך אויס פון זייער דרעמעל. אנשטאָדט איין צוהערער קלייבען זיך איצט ארום ארום איוואן אלעקסייעוויטש'ען שוין אלע פינף. ער דרעהט זיך ארום, ווי אויף שפּילקעס, מאכט מיט די הענד און רעדט אָהן אן אויפהער. ער לאכט און אלע לאכען מיט איהם.

— די הויפּט זאך, מיינע העררן, וואָס ווייניגער געטראכט! צום שווארץ־יאָהר מיט אלע אויסרעכענונגען... ווילט זיך דיר ארייננגי־סען, טאָ גיס ארייַן אויף וואָס די וועלט שטעהט און פילאָזאָפיר ניט, אויב ס'איז גוט אָדער שלעכט, צו ס'איז ניצליך אָדער שעדליך... אלע אנדערע חכמות און פילאָזאָפיען טויגען אויף טויזענד כפרות!...

איבער'ן וואגאָן געהט דורך דער קאָנדוקטאָר.

— גוטער מענש — ווענדעט זיך צו איהם דער יונגער מאנטשיק: — ווען איהר וועט פארבייגעהן דעם וואגאָן נומער 209, זאָלט איהר דאָרט געפינען א דאמע אין א גרויער הוט מיט א ווייסען פויגעל און זאָלט איהר זאָגען, אז איך בין דאָ! וועט איהר עס מיר טהאָן?

— יאָ. אָבער אין דעם צוג איז ניטאָ קיין נומער 209. ס'איז דאָ 219.

— זאָל זיין 219! אלץ איינס! אבי זאָגט דער דאמע, אז איהר מאן איז געזונד און שטארק!...

איוואן אלעקסייעוויטש כאפּט זיך פּלוצים אָן פאר'ן קאָפּ און קרעכצט:

— א מאן... א ווייב... זייט ווען איז דאָס אלעס געוואָרען?... א פערהייראטהער מאן... ס'געהערט אביסעל?... שמייסען האָט מען דיך בעדארפט און דו ביזט א מאן! אך, אידיאָט, וואָס איך בין! אָבער זי! ערשט נעכטען איז זי געווען א יונג מיידעלע... א קאָז־קעלע... און היינט?... עס גלויבט זיך איינפאך נישט און גאָר!

— אין אונזערע צייטען איז עפּעס אזוי מאָדנע צו זעהן א גליק־ליכען מענשען — רופט זיך אָן איינער פון די פּאסאזשירען — נאָך מעהר וואונדער ווי צו באגעגענען א ווייסען עלפאנט.

— נו, יאָ, און ווער איז שולדיג? — פרעגט איוואן אלעקסייע־וויטש, אויסציהענדיג זיינע לאַנגע פיס מיט די שאַרפע שפּיצען — אויב איהר זייט ניט גליקלאַך, זייט איהר אליין שולדיג! וואָס דען האָט איהר געמיינט? דער מענש אליין איז דער באַשעפער פון זיין אייגענעם גליק. ווילט נור און איהר וועט אויך זיין גליקלאַך, מיט אייך איז אָבער די צרה, וואָס איהר ווילט ניט. איהר האָט זיך איינגע־עקשן'ט און אַנטלויפט פון גליק!...

— אָט איז דיר נאָך אַ נייעס! וואָס הייסט מיר אַנטלויפען פון גליק?

— זעהר איינפאַך!... די נאַטור האָט בעשאַפען דעם מענשען, אַז ער זאָל אין אַ געוויסער פּעריאָדע פון זיין לעבען ליעבען. געקו־מען די צייט, טאָ ליעב אויף אַלע כלים, איהר אָבער פאָלגט דאָך נישט דער נאַטור, איהר וואַרט אַלץ אויף עפּעס! ווייטער: עס שטעהט בפירוש געשריעבען, אַז אַ געזונדער, נאָרמאַלער מענש דאַרף חתונה האָבען... אָהן דעם איז קיין גליק ניטאָ. איז געקומען די ריכטיגע צייט, טאָ האָב חתונה אין אַ מזל'דיגער שעה און טענה ניט... איהר אָבער הייראַטה נישט, איהר זיצט אַלץ און וואַרט... איהר ווילט הפנים עפּעס אויסזיצען!... עס שטעהט נאָך ווייטער, אַז גוטער וויין מאַכט פרעהלאַך דאָס מענשליכע הארץ... אויב דיר איז גוט און דו ווילסט דיר זאָל זיין נאָך בעסער, דאַן ברודערקע זיי זיך מטריח אין בופעט און גיס אריין! די הויפּט זאַך — זיך ניט געחכמה'ט, ניט געפילאָזאָפירט, געלעבט ווי עס לאָזט זיך און גאָר!... דאָס איז די בעסטע זאַך!..

— איהר זאָגט, אַז דער מענש איז דער באַשעפער פון זיין אייגענעם גליק. דאָס איז דאָך אָבער נישט אמת. וואָס פאַר אַ בעשע־פער איז ער, ווען עס איז גענוג צו קריעגען אַ קראַנקען צאָהן אָדער אַ שלעכטע שוויגער און פון זיין גאַנצען גליק פערבלייבט ניט קיין זכר?... אַלעם הייננט אָב פון'ם צופאַל. זאָל זיך איצט טרעפען מיט אונז עפּעס אַן אונגליק, וואָלט איהר שוין גאָר אַן אַנדער ליעדעל גע־זונגען...

— אונגליק, שמונגליק! — פּראָטעסטירט דער בעל הבית'ל, — אונגליקען טרעפען זיך איין מאָל אין אַ יובל. פאַר קיין צופאַלען

האָב איך קיין מורא ניט, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין אורזאכען פאַר אזעלכע צופאַלען. און איבערהויפּט צום שווארץ יאָהר מיט אלע צו־פאַלען! איך וויל פון זיי ניט ריידען אפילו! אָבער, אָט, מיר פאָהרען, דאכט זיך, צו צו א סטאַנציאָן.

— וואָהין פאָהרט איהר אצינד? — פרעגט פּיאָטער פּעטראָ־וויטש — אין מאָסקווע, אָדער נאָך ווייטער אין דרום?

— גוט יום טוב! ווי אזוי קען איך עפּעס, פאָהרענדיג נאָרד זיך פּלוצים פארשלעפּען אין דרום?

— אָבער מאָסקווע געפינט זיך דאָך ניט אין נאָרד?

— דאָס ווייס איך, אָבער מיר פאָהרען דאָך אצינד קיין פּעטערס־בורג! — מאכט איוואַן אַלעקסייעוויטש.

— וואָס הייסט, ווי אזוי עפּעס קיין מאָסקווע? — וואונדערט זיך דער יונגער בעל הבית'ל.

— מאָדנע... וואָהין האָט איהר גענומען א בילעט? — פרעגט פּיאָטער פּעטראָוויטש.

— קיין פּעטערסבורג.

— אויף אזא אופן קומט אייך א מזל טוב. איהר זייט אריין ניט אין דעם ריכטיגען צוג.

א ווייל'ע איז שטיל. דער יונגער מאַנטשיק הויבט זיך אויף און קוקט מיט טעמפּע אויגען אויף די ארומיגע.

— נו, יא, — ערקלעהרט איהם פּיאָטער פּעטראָוויטש — אויף דער סטאַנציאָן „באָלאָגאָע" זייט איהר אריינגעשפּרונגען ניט אין אייער צוג... איהר האָט, הייסט עס, נאָכ'ן קאָניאַק געכאַפּט א וואַ־גאָן, וואָס געהט ניט אין'ם ריכטיגען וועג.

איוואַן אַלעקסייעוויטש ווערט בלאַס, כאַפּט זיך אָן פאר'ן קאָפּ און נעהמט שנעל שפּרייזען איבער'ן וואַגאָן...

— אָך, וואָס פאר א אידיאָט איך בין! — זידעלט ער זיך אליין — וואָס פאר א שוטה, דער טייפעל זאָל מיך נעהמען! נו, וואָס זאָל איך אצינד טהאָן? אין יענעם צוג איז דאָך מיין ווייב! זי איז דאָרט איינע אליין, פלאָגט זיך און וואַרט!... אָך, עזעל, וואָס איך בין!..

דער בעל הבית'ל פאַלט אויפ'ן דיוואַן און קאָרטשעט זיך צונויף, אזוי ווי מען וואָלט איהם ארויפגעטראָטען אויף זיינע היהנער אוי־גען.

— אַן אונגליקליכער מענש בין איך! — קרעכצט ער — וואָס חויב איך אָן צו טהאָן? וואָס, האַ?

— נו, נו, ס'איז ניט געפעהרליך... — טרייסטען איהם די פּאַסאַזשירען — נאַרישקייטען... טעלעגראַפירט אייער פרוי און איהר אליין סטאַרעט זיך אויפ'ן וועג צו קריעגען אַ שנעל־צוג. און אויף אַזאַ אויפן וועט איהר זי דעריאָגען.

— גאָר אַ קליינינקייט!... אַ שנעל־צוג!... — וויינט דער יונגער בעל הבית'ל, „דער באַשעפער פון זיין אייגענעם גליק". — און וואו וועל איך נעהמען געלד אויף אַ שנעל־צוג? מיינע גאַנצע געלד איז דאָך ביי דער ווייב!...

איבעררייידענדיג צווישען זיך אין שטיל, האָבען די לאַכעדיגע פּאַסאַזשירען זיך צוזאַמענגעלייגט און האָבען בעזאָרגט דעם גליקליכען יונגען מאַנטשיק מיט די נויטיגע געלד פאַר אַ בילעט.

א רפואה געגען שיכרות.

דער בעריהמטער פאָרלעזער און קאָמיקער הערר פעניקסאָוו־דיי־קאָאבראזאָוו דער צווייטער איז איין מאָל, אין אַ קאַלטען יעסין־טאָג, געקומען צופאָהרען אין דער שטאָדט ד. אויף גאַסטראָלען.

ער איז אַראָפּגעקומען אין אַ בעזונדערען וואגאָן פונ'ם ערשטען קלאַסס, כאָטש אַלע, וואָס זיינען געקומען איהם מקבל פנים זיין אויפ'ן וואקזאַל, האָבען גוט געוואוסט, אַז דעם בילעט פונ'ם ערשטען קלאַס האָט ער ערשט געקויפט אויף דער לעצטער סטאַנציאָן „פון שיק ווע־נען", ביז דאָרט אָבער איז ער געפאָהרען אין דריטען קלאַס.

פונדעסטוועגען, אַז פונ'ם וואגאָן האָט זיך בעוויזען די סאַרע פערשלאָפענע פּרצוף פון דיקאָאבראזאָוו דעם צווייטען, האָבען אַלע, וואָס זיינען געקומען איהם באַגעגענען ניט ווילענדיג אַ ציטער געטהאָן און יעדער פון זיי האָט גע'חלוש'ט מיט איהם זיך צו באַקענען.

ער איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ לייכטער, זומערדיגער פעלערינע און מיט אַ פעלצען היטעל אויפ'ן קאָפּ.

דער טהעאַטער־דירעקטאָר אַליין, וואָס האָט איהם אַראָפּגעבראַכט, הערר פּאָטשעשויעוו, האָט נאָכ'ן רוסישען מנהג זיך דריי מאָל מיט איהם צוקושט און איהם אוועקגעפיהרט צו זיך אויפ'ן קאַוורטיר.

די בעריהמטהייט האָט געזאָלט צום ערשטען מאָל אויפטרעטען אין טהעאַטער אויפ'ן דריטען טאָג נאָך זיין קומען; עס איז אָבער באַ־שערט געווען אַנדערש: אַ טאָג פאַר זיין ערשטער פאָרשטעלונג איז אין קאַסע פונ'ם טהעאַטער אריינגעלאָפען דער דירעקטאָר פּאָטשע־שויעוו, אַ בלייכער, אַ טויטער נפש, און האָט ערקלעהרט, אַז דיקאָאב־ראזאָוו דער צווייטער איז ניט אימשטאַנד צו שפּיעלען מאָרגען.

— ניט אימשטאַנד, קען ניט! — האָט פּאָטשעשויעוו ער־קלעהרט און געכאַפּט זיך רייסען די האָאר אויפ'ן קאָפּ: — נו, וואָס

וועט איהר עפּעס צו דעם זאָגען? א מאַנאַט, א גאַנצען מאָנאַט האָבען מיר געדרוקט פּלאַקאַטען מיט ווערטער, אַז אַרשין די לענג, אַז ביי אונז וועט שפּיעלען דיקאָאָבראַזאָוו, געגרויסט זיך מיט איהם, פערקויפט בילעטען אין פאָראויס און צום סוף — נאַ דיר א חתונקע!... געוואלד, ער פערדיענט דאָך, מען זאָל איהם הענגען דערפאר!

— אָבער וואָס איז געשעהן? וואָס? וואָס? — האָבען איהם בעפאלען די טהעאַטער־לייט.

— ער האָט זיך דאָך צו־שיכור'ט, דער פערדאמטער!

— נו, א גרויסע זאַך, ער וועט זיך אויסניכטערען!

— גיכער וועט ער א מיתה משונה איינגעהמען, איידער ער וועט זיך אויסניכטערען. איך געדענק איהם נאָך פון מאָסקווע: הויבט ער אָן צו זויפען, זויפט ער און זויפט חדשים נאָכאַנאַנד און ניכטערט זיך ניט אויס! אוי, ער וועט שוין איצט שיכור'ן און שיכור'ן! די שיכרות האָט איהם אָנגעכאַפּט! אָט אַזאַ גליקליכער מענש בין איך, אָ! און וואָרום שלעפּט זיך צו מיר אַזוי דער שלימזל! וועמענ'ס מזל האָב איך, אַזאַ אונגליקליכער מענש! פאַרוואָס... פאַרוואָס שטראָפט מיך אַזוי שווער דער הימעל מיין גאַנצען לעבען לאַנג? (פּאַטשעשויעוו איז געוועזען א טראַגיקער סיי בטבע און סיי ביי זיין פּראָפעסיאָן, און שטאַרקע ווערטער, בעגלייט פון א טראַגישען קלאַפּען מיט די פויסטען אין ברוסט, האָבען איהם זעהר געפּאַסט) און ווי ניעדריג איך בין, ווי העסליך און פערדאַרבען, ווען איך טראָג גלייכגילטיג אַריבער אָט אַזוינע מורא'דיגע קלעפּ פון דעם אומ'ברחמנות'דיגען שיקזאל! וואָלט ניט געוועזען א סך אנשטענדיגער פאר מיר, צו מאַכען א סוף איין מאָל פאר אַלע מאָל צו אַזאַ לעבען דורך א קויל אין מוח? וואָס ווארט איך נאָך? גאָט, וואָס ווארט איך נאָך?!

פּאַטשעשויעוו האָט פאַרדעקט דעם פּנים מיט די הענד און זיך אָפּגעקעהרט צום פענסטער.

אין קאַסע זיינען דאָמאָלט געשטאַנען, אויסער דעם קאַסיר נאָך א סך אַנדערע טהעאַטער מענשען און דריבער האָבען זיך גענומען שיטען עצות פון אַלע זייטען. אַנדערע האָבען דעם דירעקטאָר אויך גענומען טרייסטען: קיין סכנה ניט. שפּייט זיך אויס אויף דעם. ער וועט זיך נאָך אפשר אויסניכטערען ביז מאָרגען. אָבער דאָס אַלעס איז געוועזען ניט מעהר ווי גערעדט סתם אין דער וועלט אריין, קיין

פּראַקטישען ווערט האָט עס ניט געהאַט. דער קאַסיר נור אליין, א די־קער מענשליכע, איז געפאַלען אויף א פּראַקטישער עצה:

— איהר וואָלט געדאַרפט פּרובען איהם אויסקורירען, פּראָקל לוואָוויטש — האָט ער זיך אָנגערופען.

— א שיכרות־אָנפאַל וועט דער טייפעל אליין ניט אויסקורי־רען!

— זאָגט עס נאָר ניט. אונזער פאַבריקמאַכער איז אויף קורירען פון שיכרות א גרויסער מומחה, פּשוט א מאַדים. ביי איהם קורירט זיך די גאַנצע שטאָדט.

פּאַטשעשויעוו איז גערן געווען אָנצוכאַפּען זיך כאָטש פאַר א שטרוי, און עס האָט ניט גענומען קיין פינף מינוט, ווי פאַר איהם איז שוין געשטאַנען דער פאַבריקמאַכער פונ'ם טהעאַטער פּיאָדער גרע־בעשקאָוו.

דער דאָזיגער פּיאָדער איז געווען א לאַנגער, ביינערדיגער נפש מיט איינגעפאַלענע אויגען, מיט א לאַנגער, שיטערער באָרד און ברוינע הענד. אין גאַנצען גענומען, האָט ער אויסגעזעהן ווי א בר מנן, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף שרייפלאַך און ספּרוזשינעס.

— פּיעדיא — האָט זיך געווענדעט צו איהם פּאַטשעשויעוו — איך האָב געהערט, פריינד מיינער, אַז דו דאָס... קורירסט פון שיכרות. טהו מיר א טובה ,פריינד מיינער, איך וועל דיר דאָס אויפ'ן לעבען ניט פערגעסען, טהו מיר א קוריר אויס דיקאָאַבראַזאָוו'ן! ער האָט זיך צושיכור'ט!

— זאָל מיך גאָט אויסהיטען! — האָט געענטפערט גרעבעשקאָוו מיט א באַסאָווער שטימע — איך קוריר טאַקי א מאַן פון שיכרות, אָבער וועמען? איינפאַכע אַקטיאָרען, סוחרים און בעאַמטע, אָבער נעהמען זיך קורירען א בעריהמטהייט, וואָס איז בעריהמט איבער גאַנץ רוסלאַנד... ניין!...

— וואָרום?

— אום מען זאָל פון איהם דעם שיכרות־טייפעל ארויסטרייבען — האָט איהם ערקלעהרט גרעבעשקאָוו — מוז מען מאַכען אַן אי־בערקעהרעניש אין אַלע אָרגאַנען און ביינער פון זיין קערפּער. אַז איך וועל עס טהאָן, וועט ער נאָכדעם צו מיר טענות האָבען, ווען ער וועט געזונד ווערען. ער וועט זיכער זאָגען: „ווי האָסט דו געוואַגט,

דו הונד איינער, צוצוריהרען זיך צו מיין פּנים?" מיר קענען שוין די בעריהמטהייטען!

— ניין, ניין, זאָג דאָס ניט! דו וועסט זיך ביי מיר ניט ארויס־דרעהען, ברודערקע! טהו אָן דיין היטעל און קום!

אין א פערטעל שעה ארום, ווען גרעבעשקאָוו איז אריין צו די־קאָאָבראזאָוו׳ן אין צימער, איז די בעריהמטהייט געלעגען ביי זיך אויף א בעט און האָט מיט כעס געקוקט אויף דעם לאָמפּ, וואָס איז געהאנגען געגען איהם.

דער לאָמפּ איז געהאנגען רוהיג, אָבער דיקאָאָבראזאָוו האָט גע־גלאָצט די אויגען אויף איהם און געמורמעלט:

— דו וועסט זיך שוין ביי מיר דרעהען! איך וועל שוין דיר ווייזען, ווי זיך צו דרעהען! צובראָכען די גראַפין, איך וועל דיך אויך צוברעכען, אַט דו וועסט זעהן!... א־א־א... און דער סופיט דרעהט זיך אויך!... איך פערשטעה: א פערשווערונג! נור דער לאָמפּ, דער לאָמפּ! קלענער פון אַלע, און דרעהט זיך מעהר פון אַלע! וואַרט־זשע!....

דער קאָמיקער האָט זיך אויפגעהויבען, שלעפּענדיג נאָך זיך דאָס ליילאַך פון דער בעט, ארונטערשליידערענדיג די גלעזער פונ׳ם טיש און שאָקלענדיג זיך אויף די פיס. ער איז געגאַנגען צום לאָמפּ, אָבער אויפ׳ן מיטען וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָן עפּעס לאַנגעס און ביינער־דיגעס.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער ארויסגעריטשעט — ווער ביזט דו? פון וואַנען ביזט דו? א?

— אַט איך וועל דיר באַלד ווייזען, ווער איך בין... געה גלייך אין בעט אריין!

און ניט וואַרטענדיג, ביז דער קאָמיקער וועט אליין געהן אין בעט, האָט גרעבעשקאָוו פערקאַטשעט די האַנד און האָט איהם אַזא „פאָהר" געטהאָן איבער׳ן געניק, אַז יענער איז אוועקגעפלויגען צו דער בעט און האָט זיך אַזש איבערגעקוליעט.

דעם קאָמיקער האָט מען הפּנים ביז אהער קיין מאָל ניט געשלאָ־גען, ווארום, ווי שיכור ער איז ניט געוועזן, האָט ער א קוק געטהאָן אויף גרעבעשקאָוו׳ן פערוואונדערט און זאָגאַר מיט נייגעריגקייט.

— ד־דו... דו האָסט מיך געשלאָגען?... וו־וו־וואָרט, דו האָסט מיך געשלאָגען?

— דו ווילסט נאָך?

און דער פאַבריקמאַכער איז איהם נאָך אַמאָל אריינגעפאָהרען אין די צייהן.

איך ווייס ניט וואָס דאָ האָט געווירקט, צו די שטאַרקע קלעפּ אָדער דער נייער, ביז־אַהער אונבעקאַנטער טעם, וואָס דער קאָמיקער האָט איצט געפיהלט, נור זיינע אויגען האָבען אויפגעהערט צו בלאָנדזשען און אין זיי האָט אַ בלישצע געטהאָן אַ פונק פון פערשטאַנד.

ער איז אויפגעשפּרונגען און האַלב מיט כעס און האַלב מיט נייגעריגקייט האָט ער גענומען בעטראַכטען דעם בלייכען פּנים און דעם שמוציגען ראָק פון גרעבעשקאָוו'ן.

— ד־דו... ד־דו שלאָגסט זיך גאָר?—האָט ער ארויסגעמורמעלט

— דו־דו... דו וואַגסט?...

— שווייג!

און ווידער אַ רייב איבער דער מאָרדע. דער צוטומעלטער קאָמיקער האָט זיך געוועזט גענומען פערטהיידיגען, אָבער גרעבעשקאָוו האָט איהם מיט איין האַנד צוגעדריקט די ברוסט און מיט דער צווייטער האָט ער איהם גענומען האַקען איבער'ן פּנים...

— מיט רחמנות! ניט אַזוי שטאַרק! — האָט זיך דערהערט פון דעם צווייטען צימער פאַטשעשויעוו'ס קול — פּעדיענקאַ, ניט אַזוי שטאַרק!

— נישקשה, פּראַקל לוואָוויטש! נאָכדעם וועלען זיי מיר אליין דאַנקען דערפאַר!

— פונדעסטוועגען וואָלסט דו עס געטהאָן מיט מעהר רחמנות

— האָט פאַטשעשויעוו גערעדט מיט אַ וויינענדיג קול, אריינקוקענדיג צום קאָמיקער אין צימער: — דיך האַרט עס ניט און מיך וואַרפט פון דעם, ווי פון אַ קדחת. דו טהו נאָר אַ קלעהר: מען שלאָגט אין מיטען העלען טאָג אַ קלאָרען מענשען, אַן אינטעליגענטען, אַ בעריהמטהייט, און נאָך ביי איהם אויף זיין אייגענער קוואַרטיר... אַך, גאָט מיינער!...

— איך שלאָג ניט זיי, נאָר דעם טייפעל, וואָס זיצט אין זיי! איהר געהט אַוועק, טהוט מיר אַ טובה, פּראַקל לוואָוויטש, און זייט נאָר

רוהיג! ליעג איין, טייפעל! — האט פיאָדער זיך ארויפגעוואָרפען אויפ'ן קאָמיקער — ווארף זיך ניט ארום! וואָ־אָס?

דיקאָאָבראַזאָוו'ן האט אָנגעכאפּט אן אימה, א שרעק. עס האט זיך איהם געגומען דאכטען, אז אלע חפצים, וואס האבען זיך פריהער געדרעהט און וואס ער האט צובראָכען, האבען געמאכט א פערשוועֿ־רונג געגען איהם און פליהען פעראייניגט איבער זיין קאָפּ.

— גוואלד! — האט ער גענומען שרייען — ראטעוועט! גוואלד!

— שריי, שריי, טייפעל! דאס איז נאָך גאָר נישט, דו וועסט ערשט קריגען! איצט הער אוים: אויב דו רעדסט אוים נאָך איין וואָרט, אָדער דו טהוסט זיך א ריהר, דער'הרג'ע איך דיר אויף טויט! גאָר אָהן רחמנות וועל איך דער'הרג'ענען! דאָ איז ניטאָ קיינער, ווער עס זאָל זיך פאר דיר איינשטעלען! און קיינער וועט ניט קומען, מעגסט אפילו שיסען מיט הארמאטען! וועסט אָבער ליעגען ווי א מענש רוהיג און שווייגען, וועל איך דיר געבען א שנעפּסעלע. זעהסט? אָט האָב איך א גאנצע פלאש!

גרעבעשקאָוו האט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע א האלבען שטאָף שנאפּס און א דרעה געטהאָן מיט דעם פאר דעם קאָמיקער'ס אויגען. דער שיכור, אז ער האט דערזעהן די שנאפּס, האט גלייך פערגעסען אָן די קלעפּ און האט זיך זאָגאר צוהירזשעט פאר פערגעניגען.

נאָכדעם האט גרעבעשקאָוו ארויסגענומען פון וועסט־קעשענע א שטיקעל שמוציגען זייף און עס ארייגגערוקט אין האלבען שטאָף אריין. ווען דאס שנאפּס האט גענומען שוימען מיט די זייף־בלעזלאך, ווען עס האט געקראָגען א משונה־קאָליר, האט גרעבעשקאָוו גענומען שיטען אהין אלערליי פּאַסקודסטוואָ: סעליטרא, נאשאטיר, שוועבעל און נאָך אזוינע „מאכל'דיגע” זאכען פון דעם מין...

דער קאָמיקער האט געגלאָצט די ברענענדיגע אויגען אויף גרעֿ־בעשקאָוו'ן און אויף זיינע הענד, וואס האבען געהאלטען דעם האלֿ־בען שטאָף.

צום סוף האט גרעבעשקאָוו פערברענט א שטיקעל פון א שמאטע, ארייגעשאָטען די אש אין דאס שנאפּס, האט גוט אויפגעשאָקעלט דעם האלבען שטאָף און איז צוגעגאנגען צו דער בעט.

— טרינק! — האט ער געזאָגט, אָנגיעסענדיג א האלבען טהעֿ־

גלאָז מיט דעם דאָזיגען סם המות: — טרינק אוים מיט איין מאָל!

דער קאָמיקער האָט מיט אַ ליידענשאַפטליך־פּערגניגען אויסגע־טרונקען, אַ כריאַקע געטהאָן, האָט אָבער גלייך אויסגעשצירעט די אויגען. ער איז מיט אַ מאָל בלייך געוואָרען און אויף זיין שטערען האָט אַ שוויים ארויסגעשלאָגען.

— טרינק נאָך! — האָט גרעבעשקאָוו פאַר איהם ווידער אָנ־געגאָסען.

— ניין... איך וויל ניט! ור־וואר־רט!...

— טרינק, זאָג איך! טרינק! איך וועל דיך ממית'ן...

דיקאָאָבראַזאָוו האָט ווידער אויסגעטרונקען, אָנגעהויבען צו קרעכ־צען און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן קישען. אין אַ ווײַלע ארום האָט ער זיך ווידער אויפגעהויבען, און פיאָדער האָט געקענט זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען, אַז זיין רפואה ווירקט.

— טרינק נאָך! זאָלען ביי די אַלע געדערים זיך איבערקעהר־רען. דאָס איז גוט. טרינק!

און דער קאָמיקער האָט דערפיהלט דעם טעם פון דעם אמת'ן גיהנום. אינוועניג ביי איהם האָט געקרעמפּפט און געדרעהט, און גע־קעהרט, אַז ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. דאָ איז ער אויפגעשפּרונגען און דאָ האָט ער זיך געקייקעלט איבער דער בעט און מיט שרעק און אימה האָט ער נאָכגעפאָלגט די לאַנגזאַמע בעוועגונגען פון זיין מורא'דיגען שונא, וועלכער האָט איהם ניט אָפּגעלאָזען אויף איין רגע, האָט איהם געשלאָגען נאָכאַנאַנד, אָהן אויפהער, ווען ער האָט ניט געוואָלט מעהר טרינקען...

נאָך די קלעפּ, האָט ער געמוזט טרינקען, נאָכ'ן טרינקען האָט ער געקראָגען קלעפּ. נאָך קיין מאָל האָט דער אונגליקליכער גוף פון דיקאָ־אָבראַזאָוו דעם צווייטען ניט דורכגעלעבט אַזוינע בעליידיגונגען און ערניעדרונגען, און נאָך קיין מאָל איז די בעריהמטהייט ניט געווען אַזוי שוואַך און אונבעשיצט ווי איצט.

אַפריהער האָט דער קאָמיקער געשריען און זיך געזידעלט, שפּעטער האָט ער זיך גענומען בעטען און, צום סוף, אַז ער האָט דערזעהן, אַז דאָס בעטען העלפט אויך ניט, האָט ער גענומען וויינען.

פּאַטשעשויעוו, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער

דער טהיר און זיך צוגעהערט, האט צום סוף ניט אויסגעהאלטען און איז ארייננעלאפען אין צימער פון דעם קאמיקער.

— געה דו צום טייפעל! — האט ער געשריען, מאכענדיג מיטביידע הענד: — זאל בעסער פערלארען געהן מיין געלד, זאל ער שיכור'ן, נור פייניג איהם ניט אזוי, האב רחמנות! ער וועט דאך פגר'ן, געה דו צום טייפעל! טהו א קוק: ער איז דאך שוין א פגירה! ווען איך וויים, וואלט איך זיך מיט דיר גאר ניט אנגעהויבען!..

— נישקשה... זיי וועלען מיר נאך אליין שפעטער דאנקען, איהר וועט שוין זעהן... שוין ווידער? — האט גרעבעשקאוו זיך א קעהר געטהאן צום קאמיקער — קריגסט באלד!...

דעם גאנצען טאג ביז פארנאכט האט ער אזוי אפגעארבייט מיט'ן קאמיקער, „קורירענדיג" איהם. האט זיך אליין פערמאטערט און פון יענעם א תל געמאכט. דער סוף איז געווען, אז דער קאמיקער איז אזוי אפגעשוואכט געווארען, אז ער האט שוין קיין כח ניט געהאט צו קרעכצען מעהר און איז געבליבען ליגען ווי א שטיין מיט אן אויס־דרוק פון שרעק אויפ'ן פנים. נאכדעם איז ער עפעס ווי אנשלאפען גע־ווארען.

אויף מארגען האט דער קאמיקער זיך אויפגעכאפט; פאטשע־שויעוו האט זיך זעהר שטארק גע'חידושט, וואס ער איז געבליבען לעבען.

אויפגעכאפט זיך, האט דער קאמיקער זיך אומגעקוקט מיט טעמפע אויגען אויף אלע זייטען און האט זיך געגומען דערמאנען.

— ווארום עפעס טהוט מיר אלעס אזוי וועה — האט ער זיך געוואונדערט — אקוראט ווי א גאנצער צוג וואלט איבער מיר ארי־בער. זאל איך אפשר אויסטרינקען? העי, ווער איז דארט? דערלאנגט אהער שנאפס!

אין דער זעלבער צייט זיינען אהינטער דער טהיר געשטאנען פאטשעשויעוו און גרעבעשקאוו.

— ער בעט שנאפס, הייסט עס, אז ער איז ניט אויסגעקורירט — האט מיט שרעק ארויסגעשעפצעט פאטשעשויעוו.

— וואס רעדט איהר, פראקל לוואוויטש! — האט זיך דער פא־ריקמאכער פערוואונדערט — וואס מיינט איהר עפעס, אז אין איין טאג קען מען אויסקורירען א מענשען? הלואי קוריר איך איהם אויס

אין אַ וואָך, ניט נור אין אַ טאָג. אַ שוואַכען מענשען אויסצוקורירען נעהמט אויך אַ פינף טעג, עס מוז נעהמען צייט, ביז ער וועט ריכטיג דערפיהלען!...

— וואָרום האָסט דו עס מיר פריהער ניט געזאָגט, פערדאמטער טייפעל דו! — האָט פאטשעשויעוו ארויסגעקרעכצט — און ווענען'ס מזל האָב איך, אזא אונגליקליכער מענש! און וואָס ווארט איך נאָך, אזא פערשאָלטענער? וואָלט ניט געווען אַ סך קליגער צו מאַכען אַ סוף צו אזא פינסטערען לעבען דורך אַ קויל אין מח? וואָס ווארט איך נאָך? גאָט, וואָס ווארט איך נאָך? דאָך ווי פינסטער פאטשע־שויעוו האָט ניט געקוקט אויף זיין שיקזאל, האָט אין אַ וואָך ארום דיקאָאָבראזאָוו דער צווייטער פּאָרט געשפּיעלט אין זיין טהעאטער און דאָס געלד פאר די פאָראויס פערקויפטע בילעטען האָט ער ניט גע־דארפט צוריקקעהרען.

דעם קאָמיקער האָט גרימירט טאַקי גרעבעשקאָוו אליין און בעת דעם האָט ער מיט אזא דרך ארץ און עהרפורכט זיך צוגעריהרט צו דעם קאָמיקער'ס קאָפּ, אז איהר וואָלט בשום אופן ניט דערקענט אין איהם דעם פריהערדיגען פייניגער.

— וויפיעל דער מענש קען איבערלעבען! — האָט זיך געוואונ־דערט פאטשעשויעוו — איך בין שיעור ניט געשטאָרבען פון נאָר צוזעהען די קלעפּ און די פיינונגען, וואָס מען האָט איהם אָנגעטהאָן, און ער אליין — גאָר נישט! האָט נאָך בעדאַנקט פעדקע'ן און וויל איהם מיט זיך אין מאָסקווע נעהמען! וואונדערס, און גאָר!...

אַ טהעאַטער־דירעקטאָר אונטער אַ זאָפע.

(אַ מעשה פון אהינטער די קוליסען).

אין טהעאטער איז געגאנגען אַ וואָדעוויל, ביי וועלכען מען האָט זיך געדאַרפט איבערטהאָן. קלאַודיע מאַטווייעוונאַ דאָלסקאַיא־קאַ־אוטשוקאָווא, אַ יונגע, סימפאטישע אַקטריסע, וועלכע איז מיט לייב און לעבען אריינגעטהאָן געוועזן אין דער הייליגער קונסט, איז אריינגע־לאָפען אין איהר גאַרדעראָבע־צימער און האָט גענומען אַרונטערוואַר־פען פון זיך די קליידער פון אַ ציגיינערין, אום ווי מעגליך שנעל איבערצוטהאָן זיך אין אַ קאָסטיום פון אַ הוסאַר.

בכדי דער קאָסטיום זאָל אויף איהר ליגען גלאַט און שעהן, וואָס וועניגער צוקנייטשט, האָט די בעגאַבטע אַקטריסע בעשלאָסען אויס־צוטהאָן זיך אין גאַנצען, אָט טאַקי ממש מוטער־נאַקעט, און אָנטהאָן איהם פון אויבען.

און דאָ, בשעת זי האָט אַ נאַקעטע, קאָרטשענדיג זיך פון לייכטען קעלט, גענומען פערריכטען אויף זיך די הוסארישע רייט־הויזען, האָט זי פּלוצים דערהערט עמיצענ'ס אַ זיפץ. זי האָט אוסגעגלאָצט די אויגען און זיך איינגעהערט.

ווידער האָט עמיצער אַ זיפץ געטהאָן און, דאַכט זיך נאָך, ווי ארויסגעשעפּצעט:

— אונזערע שווערע זינד... אָ־אָך־ך....

די פערוואונדערטע אַקטריסע האָט זיך אומגעקוקט און, גאָר ניט זעהענדיג פערדעכטיגעס ארום זיך אין גאַרדעראָבע־צימער, איז איהר איינגעפאַלען אַ בליק צו טהאָן אויף יעדען פאַל אונטער איהר

איינציג שטיק מעבעל, אונטער דער זאָפע. און וואָס מיינט איהר? אונטער דער זאָפע האָט זי דערזעהן א לאַנגע מענשישע פיגור.

— ווער איז דאָ?! — האָט זי אויסגעשריען, אָפּשפּרינגענדיג מיט שרעק פון דער זאָפע און פערדעקענדיג זיך מיט דער הוסארישער קורטקע.

— דאָס בין איך... איך... — האָט זיך דערהערט פון אונטער דער זאָפע א ציטערענדיגער שעפּצען — שרעקט זיך נישט, דאָס בין איך... ש־ש־ש!

אין דעם העסליכען שעפּצען, וואָס איז עהנליך געווען צו דעם שיפּען פון א סקאָוואָראָדע אויף א פייער, האָט די אקטריסע גלייך דערקענט די שטימע פון דעם טהעאטער־דירעקטאָר אינדוקאָוו.

— איהר?! — האָט זי אויסגעשריען מיט ענטריסונג און איהר פּנים האָט געברענט פלאַם־פייער: — ווי... ווי האָט איהר געוואגט? איהר, הייסט עס, איהר, אַלטער שורקע, זייט דאָ געלעגען די גאַנצע צייט? נאָך דאָס האָט געפעהלט!

— מאַמעלע... טייבעלע מיינע! — האָט אינדוקאָוו ארויסגערוקט זיין פּליכעוואַטען קאָפּ פון אונטער דער זאָפע און ארויסגעשיפּעט: — זייט ניט בייז אויף מיר טהייערינקע! דער'הרג'עט מיך! צוטאַפּטשעט מיך, ווי א שלאַנג, נור מאַכט נישט קיין גוואַלד! איך האָב גאָר נישט געזעהן, איך זעה נישט און וויל נישט זעהן. אומזיסט דעקט איהר זיך צו מיט דער קורטקע, איהר טייבעלע מיינע, איהר גרויסע פּאַרשוין מיינע! הערט מיך אויס, דעם אַלטען מאַן, וואָס שטעהט שוין מיט איין פוס אין קבר! איך האָב זיך געוואָלט ראַטעווען, דערפאַר וואַלגער איך זיך דאָ איצט אונטער דער זאָפע, פאַר קיין אנדער זאַך נישט! איך בין פערלאָרען! טהוט א קוק: די האָאָר האָבען זיך ביי מיר אויפ'ן קאָפּ אויפגעשטעלט פאַר שרעק! פון מאָסקווע איז געקומען צו פאָהרען מיין גלאַשענקע'ס מאַן, הערר פּרינדין. איצט זוכט ער מיר ארום אין טהעאטער און וויל מיך אונגליקלאַך מאַכען. שרעקליך! איך בין דאָך איהם, דעם מערדער, שולדיג, אויסער גלאַשענקע'ן, נאָך פינף טויזענד מזומנים אויך!

— וואָס קימערט עס מיך? טראָגט זיך גלייך ארויס פון דאַנען, א ניט... א ניט... איך ווייס ניט, וואָס איך וועל מיט אייך טהאָן, מיט אזא שורקע!

— ש־ש־ש! נשמה מיינע, ש־ש־ש! אויף די קניע בעט איך, איך קריך פאר אייך! נו, וואו אנדערש זאָל איך זיך בעהאַלטען, אויב ניט ביי אייך? ער וועט דאָך מיך אומעדום געפינען, נור צו אייך וועט ער נישט וואגען אריינגעהן! נו, איך בעט אייך! מיט א צוויי שעה צוריק האָב איך איהם געזעהן! איך שטעה אזוי בעת'ן ערשטען אקט הינטער די קוליסען און קוק, מיט אמאָל זעה איך, ער געהט פון פּארטער אויף דער סצענע.

— וואַ־אַס?! — האָט די אקטריסע אויסגעשריען מיט שרעק — איהר זייט דאָ געלעגען די גאַנצע צייט, בעת אויף דער ביהנע איז נאָך געגאַנגען די דראמע אויך?! און.... און.... איהר האָט אַלעס געזעהן?...

— איך ציטער! איך טרייסעל זיך! מאַמעלע, איך טרייסעל זיך! ער וועט מיך דער'הרג'ענען, דער פערפלוכטער! ער האָט שוין אמאָל אין מיר געשאָסען... די צייטונגען זיינען מיט דעם פול געוועזן!...

— אך... דאַס איז אָבער, ענדליך, אונערטרעגליך! געהט ארויס פון דאַנען, איך דאַרף זיך אָנטהאָן און געהן אויף דער סצענע! נו, טראָגט זיך ארויס, א ניט וועל איך... אויפהויבען א געוואַלד, וועל זיך צו־וויינען אויפ'ן קול... איך וועל צוברעכען אויף אייך דעם לאָמפּ!

— ש־ש־ש!... האָפּפונג מיינע, רעטונג מיינע! איך וועל אייך צאָהלען מיט פופציג רובעל מעהר געהאַלט, נאָר טרייבט מיך ניט! פופציג רובעל!

די אקטריסע האָט זיך צוגעדעקט מיט א גאַנצען פּאַק קליידער און איז צוגעלאָפען צו דער טהיר, אום א געשריי צו טהאָן. אינדוקאָוו האָט גענומען פויזען נאָך איהר אויף די קניע און זי אָנגעכאַפּט פאר א פוס העכער פון קנעכעל.

— פינף און זיעבציג רובעל, נאָר טרייבט מיך ניט! — האָט ער ארויסגעשעפּטשעט פערשטיקט — איך וועל אייך נאָך צולייגען א האַלבען בענעפיס.

— איהר ליגט!

— זאָל מיך גאָט שטראָפען! איך שווער אייך! זאָל איך אזוי קיין שלעכטס נישט האָבען... א האַלבער בענעפיס און פינף און זיעבציג רובעל מעהר געהאַלט!

די אַקטריסע האָט אַ מינוט זיך מיישב געווען, דערנאָך איז זי אָפּגעטראָטען פון דער טהיר.

— איהר ליגט דאָך אימער — האָט זי ארויסגערעדט מיט אַ וויינענדיגען קול.

— זאָל איך געהן דורך דר׳ערד! זאָל איך קיין גן עדן נישט האָבען אויף יענער וועלט! וואָס בין איך עפּעס אַ לומפּ, וואָס?

— גוט, געדענקט־זשע אָבער — איז די אַקטריסע מרוצה געוואָרען — נו, קריכט שוין אונטער דער זאַפע.

אינדוקאָוו האָט שווער אַ זיפץ געטהאָן און איז סאָפּענדיג אוועקגעקראָכען אונטער דער זאָפע; און די אַקטריסע האָט זיך גענומען אָנטהאָן. איהר איז אפילו געווען נישט אנגענעהם, וואָס זי דארף זיך איבערטהאָן אין דער געגענוואָרט פון אַ זייטיגען מענשען, נאָר דער געדאנק, אז זי טהוט עס בלויז צוליעב די אינטערעסען פון דער הייליגער קונסט, האָט זי ערמונטערט, אז ארונטערוואַרפענדיג פון זיך אין אַ ווייליע ארום די היסטאָרישע קליידער, האָט זי נישט נור אינדוקאָוו׳ן ניט געזידעלט, נאָר האָט איהם נאָך ארויסגעוויזען מיט געפיהל אויך:

— איהר וועט זיך דאָרט איינשמוצען, ליעבער קוזמא אלקעסעיאיטש — האָט זי געזאָגט — וואָס שטעהט דאָרט ביי מיר נישט אונטער דער זאָפע!...

דער וואָדעוויל האָט זיך געענדיגט. די אַקטריסע האָט מען ארויסגערופען עלף מאָל און מען האָט איהר אונטערגעטראָגען אַ בוקעט מיט שטענגעס, אויף וועלכע עס זיינען אָנגעשריעבען געווען די ווערטער: „בלייבט מיט אונז”.

נאָך די אוואציאָנען, געהענדיג צו זיך אין דעם גאַרדעראָבעצימער, האָט זי הינטער די קוליסען געטראָפען אינדוקאָוו׳ן. אַ פערשמוצטער, אַ צוקוועטשטער און אַ צופּאַטעלטער האָט דער דירעקטאָר געשיינט און זיך געריבען די הענד פאַר פערגניגען.

— כאַ! כאַ!... שטעלט זיך נאָר פאָר, טייבעלע! — האָט ער געזאָגט, צוגעהענדיג צו איהר: — איהר מעגט לאַכען פון דעם אַלטען נאַר! שטעלט זיך נאָר פאָר, דאָס איז דאָך גאָר ניט געווען פרינדין! כאַ! כאַ!... דער טייפעל זאָל איהם נעהמען, די לאַנגע געלע באָרד האָט מיך אזוי איבערגעשראָקען... ביי פרינדין׳ען איז אויך אַ לאַנגע

געלע באָרד... איך האָב אַ טעות געהאַט, איך אַלטער גולם! כאַ! כאַ!... אומזיסט נאָר אייך בעאונרוהיגט, פאַרשווין מיינע!...

— איהר אָבער זאָלט געדענקען, וואָס איהר האָט מיר פערשפּראָכען — האָט זי זיך אָפּגערופען.

— איך געדענק, איך געדענק, ליעבינקע מיינע... אָבער טייבעלע מיינע, דאָס איז דאָך אָבער נישט געווען פרינגדין! מיר האָבען נור אָפּגעמאַכט, ווען דאָס איז פרינגדין, אָבער ווען דאָס איז נישט פרינגדין, ווי אַזוי קען זיין דער אָפּמאַך אַן אָפּמאַך? זעהט איהר, ווען דאָס וואָלט געווען פרינגדין, נו, דעמאָלט, פערשטעהט זיך, וואָלט איך געמוזט האַלטען מיין אָפּמאַך... אָבער איהר זעהט דאָך אַליין, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט... איך האָב אָנגענומען עפּעס אַ ליץ פאַר פרינגדין'ען, פערשטעהט איהר דאָך אַליין, ווי באַלד דאָס איז ניט פרינגדין...

— ווי ניעדריג דאָס איז! — האָט די אַקטריסע אויסגעשריען מיט ענטריסונג — ניעדריג! העסליך!

— אַז דאָס וואָלט געווען פרינגדין, וואָלט איהר אודאי דאָס פולע רעכט געהאַט צו פערלאַנגען פון מיר, איך זאָל האַלטען דעם אָפּמאַך; אָבער, אַז דאָס איז ניט געווען פרינגדין, נור עפּעס... דער טייפעל ווייס ווער דאָס איז... אפשר אַ שוסטער אָדער גאָר, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ שניידער — זאָל איך גאָר צאָהלען פאַר איהם?... איך, מאַמאָלע מיינע, בין אַן אָרענטליכער מענש... איך פערשטעה...

און, אָפּטרעטענדיג פון איהר, האָט ער נאָך אַליץ געמאַכט מיט די הענד און גע'טענה'ט:

— ווען דאָס וואָלט געווען פרינגדין, דעמאָלט, זעהט איהר, וואָלט איהר געקענט האָבען טענות צו מיר, אָבער דאָס איז דאָך גאָר ניט פרינגדין... עפּעס אַזוי, דער ניט גוטער זאָל איהם קענען, אַ געלער מענש, אָבער אַ האָאָר ניט פרינגדין.

די ענגלענדערין.

צום הויז פון דעם גוטס־בעזיצער גריאבאָוו איז צוגעפאָהרען, וויע־גענדיג זיך ארויף און אראָב, א שעהנער קאָטש, מיט ווייכע, סאַ־מעטענע קישענס און מיט א דיקען קוטשער.

פונ'ם קאָטש איז ארונטערגעשפרונגען דער בעצירקס־פאָרשטע־הער פון די אדעליגע פיאָדער אנדרייעוויטש אָטצאָוו.

אין דעם פאָרצימער האָט איהם באגעגענט א פערשלאָפענער לאַקיי.

— די הערען זיינען אין דער היים? — האָט אָטצאָוו געפרעגט.

— ניין. די פריצטע מיט די קינדער זיינען צוגאסט אוועקגע־פאָהרען, און דער פריץ מיט דער מאַמזעל־גובערנאַנטין זיינען נאָך אין דער פריה אוועק צום טייך כאַפּען פיש.

אָטצאָוו איז נאָך א ווײלע געשטאַנען, האָט זיך מיישב געווען און איז אוועק צום טייך זוכען גריאבאָוו'ן.

געפונען האָט ער איהם ביים טייך א צוויי וויאָרסט פון דעם הויז. א קוק טהוענדיג ארונטער פון דעם משופּה'דיגען ברעג, האָט ער דערזעהן גריאבאָוו'ן און זיך שיעור ניט צולאַכט אויפ'ן קול...

גריאבאָוו, אהויכער, דיקער מאַנספערשוין מיט זעהר א גרויסען קאָפּ, געכאַפּט פיש. זיין הוט איז ביי איהם פערוקט געווען — אויף דער פאָטילניצע, זיין האַלזטוך אויף א זייט.

נעבען איהם איז געשטאַנען א הויכע, מאָגערע ענגלענדערין מיט אויסגעפּוטשעטע קרעבס־אויגען און מיט א שפּיציגער נאָז, ווי ביי א פּייגעל, וואָס איז מעהר ענדליך געווען צו א העקעל, איידער צו א נאָז. זי איז אָנגעטאָן געווען אין א ווייס קיסעען קלייד, דורך וועל־כען עס האָבען זיך דורכגעלייכט איהרע דארע, געלע שולטערען. אויף איהר גאָלדענעם גאַרטעל איז געהאנגען א גאָלדען זייגערל. זי האָט אויך געכאַפּט פיש.

אַרום זיי ביידען האָט געהערשט אַ בית עולם שטילקייט. ביידע זיינען געווען אונבעוועגליך, ווי דער טייך, אויף וועלכען עס האָבען אַרומגעשוואומען זייערע שווים־העלצלאך.

— דער חשק איז גרויס, נור קיין מזל איז ניטאָ! — האָט זיך צולאכט אטצאוו — גוט'ן טאָג, איוואַן קוזמיטש?

— אה... דו ביזט עס? — האָט גריאבאָוו געפרעגט, ניט אָפּ־רייסענדיג די אויגען פון דעם טייך: — געקומען צו פאָהרען?

— ווי דו זעהסט... און דו פאַרנעהמסט זיך נאָך אַלץ מיט דער נאַרישקייט! נאָך ניט אָפּגעוואָהנט זיך?

וואָס רעדסט דו... דעם גאַנצען טאָג זיץ איך אַזוי, פון אין דער פריה אָן... עפּעס עס כאַפּט זיך היינט נישט. גאָר נישט גע־כאַפּט, ניט איך און נישט די דאָזיגע פערזעהעניש. זיצען און זיצען און נישט איין פישעלע געכאַפּט! כאָטש שריי גוואַלד!

— טו אַ שפּיי. קום בעסער טרינקען אַ שנעפּסעל.

— וואַרט... אפשר וועלען מיר נאָך עפּעס כאַפּען. פאַרנאַכט כאַפּט זיך בעסער... איך זיץ דאָ, ברודער'ל, פון אין דער פריה אָן. אַזאַ לאַנגווייליגקייט, איך קען עס דיר גאָר ניט אָפּמאָהלען. וואָס פאַר אַ טייפעל האָט דאָס מיך געשטופּט, איך זאָל זיך צו געוועהנען צו דעם! איך ווייס, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט, און דאָך זיץ איך! איך זיץ ווי עפּעס אַ מנוול, אַ קאַטאָרזשניק, און קוק אויפ'ן וואַ־סער ווי עפּעס אַ גולם! מען דאַרף פאָהרען היי שניידען, זיץ איך זיך גאָר ביים טייך און כאַפּ פיש! נעכטען האָט אין כאַפּאָניעוו דער ארכירייי אליין אָבגעהאַלטען אַ גאָטעס דיענסט, בין איך אויך אהין ניט געפאָהרען, בין געזעסען דאָ אָט מיט דעם דאַרען הערינג... אָט מיט דעם רוה, מיט דעם...

— ביזט פון זינען אַראָפּ? — האָט אטצאָוו איהם איבערגע־שלאָגען צומישט און קוקענדיג פער'גנב'עט אויף דער ענגלענדערין: — זידעלסט זיך אין דער געגענוואַרט פון אַ דאַמע און דערצו נאָך זי אליין...

— זאָל דיר דער טייפעל נעהמען! סיי־ווי פערשטעהט זי אַ מכה אויף רוסיש! זידעל זי, לויב זי — איהר איז קיין אונטערשיעה ניט! דו נאַר טהו אַ בליק אויף איהר נאָז! פון איהר נאָז אליין קען

מען פאַלען אין חלשות! גאַנצענע טעג זיצען מיר אָפּ צוזאַמען, און וואָלט זי כאָטש איין וואָרט ארויסגערעדט! שטעהט, ווי א גולם, און גלאָצט איהרע אויגען אויפ'ן וואַסער.

די ענגלענדערין האָט א גענעץ געטהאָן, האָט ארויפגעטהאָן א נייעם וואָרים אויפ'ן העקעל, און פערוואָרפען די ווענדע אין דעם טייך.

— איך וואונדער זיך, ברודער! — האָט גריאבאָוו גערעדט ווייטער — וואוינט זיך אָפּ א פּלאַגע אין רוסלאַנד גאַנצע צעהן יאָהר און וואָלט זי כאָטש איין וואָרט זיך אויסגעלערנט א רוסישען!... אונזערער אן אריסטאָקראַטעל, אז ער טהוט א פאָהר צו זיי, לערענט ער זיך גלייך אויס צו האַוקען אויף זייער שפּראַך, און זיי... דער טייפעל וויים זיי! טהוט נאָר א קוק אויף איהר נאָז! זעה נאָר א נעזעלע!...

— הער אויף... עס איז ניט אנגענעהם... וואָס בעפאַלסטו דו א פּרויענצימער?

— זי איז ניט קיין פרויען־צימער, נאָר א מיידעל... נישקשה, פון חתנים מסתמא טרוימט זי, די שעהנע צאַצע... און שמעקען שמעקט פון איהר, ברודער'ל מיט עפּעס אזא טוכליעקייט... איך האָב זי אזוי פיינד געקראָגען! גלייכגילטיג א קוק טהאָן אויף איהר איז מיר אונמעגליך! טהוט זי א גלאָץ אויף מיר מיט איהרע אויסגעפּוטשעטע אויגען, אזוי קען איך ניט אויסהאַלטען. איך שפּיר דאן, אקוראַט ווי איך וואָלט זיך מיט'ן עלענבויגען א זעץ געטהאָן אָן א פּאַרענצע. האָט אויך ליעב צו כאַפּען פיש. טהו נאָר א קוק: שטעהט אזוי ווי א הייליגע! אויף אַלעם קוקט זי מיט פעראַכטונג... זי שטעהט, די קאַנאַליע, און איז ביי זיך זיכער, אז זי איז א מענש, די קרוין פון דער נאַטור. און ווייסט דו, ווי זי הייסט? אוואילקא טשארלזאָוונא טפּיים! טפוי!.. די צונג קען מען צוברעכען!

די ענגלענדערין, אז זי האָט דערהערט איהר נאָמען, האָט זי א קעהר געטהאָן איהר נאָז צו גריאבאָוו'ן און האָט איהם אָפּגעמאָסטען מיט א בליק פול פעראַכטונג. פון גריבאָוו'ן האָט זי א קעהר געטהאָן איהרע אויגען צו אטצאָוו'ן צו און האָט איהם אויך אָפּגעגאָסען מיט פעראַכטונג. און דאָס אַלעס רוהיג, שטאָלץ און לאַנגזאַם.

— געזעהן, הא? — האָט גריאבאָוו געפרעגט און זיך צולאַכט אויפ'ן קול. — אָט דאָס הייסט, עס, אביסעל די נאָז געריסען! אך,

דו פערזעהעניש, פּיפּערנאָטער דו, צוליעב די קינדער האַלט איך דאָך דיך, אַזאַ בעשעפעניש! ווען ניט די קינדער, וואָלט איך דאָך דיך פּאַר צעהן ווייאָרסט ניט צוגעלאָזען נאָהענט צו מיין הויז!... זעה נור אַ נאָז, ווי ביי אַ ווילדען פויגעל!... און די טאַליע?..' טהו נאָר אַ קוק אַ טאַליע אביסעל, ווי אַ לאַנגער צוואַק! איך וואָלט זי אַזוי ביי דער טאַליע אָנגענומען און זי אין דר'ערד אריינגעשלאָגען! ווארט... ביי מיר ציהט, דאכט זיך...

גריאַבאָוו איז אויפגעשפּרונגען און האָט אויפגעהויבען די וואודע. דאָס שנירעל, וואָס איז אָנגעבונדען אָן דער וואודע. האָט זיך אָנגעצויגען און זיך פון דעם ארט ניט געריהרט. גריאַבאָוו האָט נאָך אַ מאָל אַ שלעפּ געטהאָן צו זיך און אַלץ ניט ארויסגעשלעפּט דעם שנירעל מיט'ן העקעל....

— פארטשעפּעט זיך! האָט ער געזאָגט און פערקרימט זיך:
— אָן אַ שטיין, מסתמא... דער טייפעל זאָל עס נעהמען!...

אויף זיין פּנים האָט זיך אָפּגעטונקט עגמת נפש. זיפצענדיג און זידלענדיג זיך, האָט ער נערוועז זיך גענומען באַוועגען און רייסען, און שלעפּען צו זיך די וואודע, אָבער אומזיסט, עס האָט ניט געהאָלפען. גריאַבאָוו איז בלייך געוואָרען.

— אַזאַ שאָד! איך'ל מוזען אין וואסער קריכען.
— ווארף דאָס און קום!
— מען טאָר ניט... פערנאַכט כאַפּט זיך בעסער... אַזאַ אומגליק, זאָל מיר גאָט מוחל זיין! איך'ל מוזען קריכען אין וואַסער! אז דו וואָלסט געוואוסט, ווי מיר ווילט זיך ניט אויסטהאָן! די ענגלענדערין דארף מען משלוח זיין פון דאנען... אין איהר געגענווארט איז ניט אנגענעהם אויסצוטהאָן זיך. פּאַרט עפּעס אַ שטיקעל דאַמע!

גריאַבאָוו האָט ארונטערגעוואָרפען פון זיך די הוט און דעם האַלזטוך.

— מיסס... ע־ע־ע — האָט ער זיך געווענדעט צו דער ענגלענדערין — מיסס טפּיים!... נו, ווי ערקלערט מען עס איהר? נו, ווי זאָגט מען, אז דו זאָלסט פערשטעהן?... הערט אויס.... אהין! געהט אוועק אהין! איהר הערט?

מיס טפּיים האָט איהם אָפּגעגאָסען מיט פעראַכטונג און אַ פייף געטהאָן מיט דער נאָז.

— וואָס ? איהר פערשטעהט ניט ? געה, זאָג איך דיר, אוועק פון דאַנען ! איך וויל זיך אויסטהאָן, דו טייפעלשע פּרצוף דו ! אהין געה ! אהין !

גריאַבאָוו האָט זי אַ ציה געטהאָן ביים ארבעל, אַנגעוויזען איהר אויף די בושעס און זיך ארונטערגעלאָזען אויפ'ן זאַמד : — פער־שטעהט דאָך מיך, איך דארף זיך אויסטהאָן. געה בעהאַלט זיך הינטער די בושעס !

די ענגלענדערין אָבער האָט שטאַרק גענומען מאַכען מיט די ברעמען און האָט אין דער שנעל גערעדט אַ לאַנגע ענגלישע פראַזע. די גוטס־בעזיצערס האָבען אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

— דעם ערשטען מאָל אויף מיין לעבען הער איך איהר קול — האָט גריאַבאָוו אויסגעשריען — אַ היבש קול'כעל, ניטאָ וואָס צו ריידען ! זי פערשטעהט ניט ! נו, וואָס קען איך טהאָן מיט איהר ?

— טהו אַ שפּיי ! קום בעסער טרינקען אַ שנעפּסעל !

— מען טאָר נישט... איצט ערשט וועט זיך אָנפאַנגען דאָס ריכטיגע כאַפּען... פאַרנאַכט... נו, וואָס פאַר אַן עצה קענסט דו מיר געבען ? וואָס זאָל איך טהאָן ? אַזאַ אַנשיקעניש ! איך וועל זיך מוזען אויסטהאָן אין איהר געגענוואַרט...

גריאַבאָוו האָט ארונטערגעוואָרפען דעם ראָק, די וועסט און גע־נומען שלעפּען די שטיוועל פון זיינע פיס.

— הער נור, איוואַן קוזמיטש — האָט זיך אָנגערופען דער בע־צירקס־אַנפיהרער פון די אדעליגע, לאַכענדיג אין די פויסטען : — דאָס איז שוין, מיין פריינד, אַ איזנעקוועט זיך איבער איהר...

— קיינער בעט זי ניט, זי זאָל ניט פערשטעהן ! דאָס וועט זיין אַ גוטע לעהרע פאַר די אויסלענדער !

גריאַבאָוו האָט ארונטערגעשלעפּט די שטיוועל, אויסגעטהאָן די תחתונים, ארונטערגעוואָרפען פון זיך די אונטערוועש און איז גע־בליבען שטעהן, ווי די מאַמע האָט איהם געבאָרען.

אטצאוו האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן בויך. ער איז אין גאַנצען רויט געוואָרען פאַר געלעכטער און חרפּה.

די ענגלענדערין האָט שטאַרק גענומען מאַכען מיט די ברעמען און אָנגעהויבען צו פינטלען מיט די אויגען... אויף איהר געלען

פנים האָט גענומען שפּיעלען א צולהכעיס'דיגער און פּערעכטליכער שמייכעל.

— מען מוז זיך אָפּקיהלען — האָט געזאָגט גריאבאָוו, פּאַ־טעשנדיג זיך איבער די היפטען: — זאָג נור, פּיאָדער אנדרייאיטש, ווי קומט עס, וואָס יעדען זומער האָב איך אַן אויסשיט אויף דער ברוסט?...

— קריך שוין אריין אין טייך, אָדער דעק זיך צו מיט עפּעס! חיה דו!

— און זי וואָלט כאָטש זיך פארשעהמט, די ניעדערטרעכטיגע! — האָט גריאבאָוו געזאָגט, אריינקריכענדיג אין טייך און איבער'־צלם'דיג זיך:— בררר... דאָס וואסער איז קאַלט! זעה נור, ווי זי מאכט דאָרט מיט די ברעמען!... וועט ניט אַוועקגעהן... שטעהט העכער פון דעם המון! כע־כע־כע... האלט אונז אפילו ניט פאַר מענשען!

אריינגעגאנגען ביז די קניע אין וואסער, האָט ער זיך אויסגע־צויגען אין זיין גאנצען ריעזען־וואוקס, א ווינק געטהאָן מיט אַן אויג און געזאָגט:

— דאָ, ברודערע'ל, איז איהר ניט ענגלאנד!

מיסס טפּיים האָט קאַלטבלוטיג איבערגעביטען א וואָרים, א גע־נעץ געטהאָן און ווידער פערוואָרפען איהר וואודע.

אטצאוו האָט זיך אָפּגעקעהרט. גריאבאָוו האָט אָפּגעטשעפּעט דעם העקעל, האָט זיך טובל געווען און איז מיט א סאָפּען ארויסגע־קראָכען פון דעם טייך.

אין א פּאָאָר מינוטען ארום איז ער שוין ווידער געזעסען אויפ'ן זאמד און ווידער געכאַפּט פיש.

דער אויסרופונגס־צייכען.

די נאכט פאר וויינאכטען האָט דער קאָלעגיען־סעקרעטאר יעפים פאָמיטש פערעקלאדין זיך אוועקגעלייגט שלאָפען א געקרענקטער און זאָגאר א בעליידיגטער.

— טשעפע זיך אָפּ פון מיר, אָנשיקעניש דו! — האָט ער מיט כעס אָנגעשריען אויף זיין פרוי, בעת זי האָט ביי איהם געפרעגט, וואָרום ער איז אזוי אָנגעבלאָזען.

עס איז אזא מעשה: ער האָט זיך ניט לאַנג צוריקגעקעהרט פון צוגאסט, וואו עס איז איהם אויסגעקומען צו הערען א סך אונאנגענעהמע און בעליידיגענדע זאכען.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָרט פון א שמועס — וועגען דעם נוצען פון בילדונג בכלל, דערנאָך איז מען אומבעמערקט אריבער אויף דער טהעמא: ווי הויך איז די בילדונג פון בעאמטע. דערביי האָט מען אויסגעדריקט פערדרוס, מען האָט זיך זאָגאר געוויצעלט איבער דער אונוויסענהייט פון די בעאמטע. און פלוצים, אזוי ווי עס פיהרט זיך אין אלע רוסישע געזעלשאפטען, איז מען אריבער אויף פערזאָנען....

— מען זאָל כאָטש נעהמען אייך, צום ביישפיעל, יעפים פאָמיטש — האָט זיך צו פערעקלאדין'ען געווענדעט איינער א יונגער מאן — איהר פערנעהמט א שעהנעם אמט... און וואָס פאר א בילדונג האָט איהר געקראָגען?

— קיינע. ביי אונז פאָדערט זיך ניט קיין בילדונג — האָט פערעקלאדין קורץ געענטפערט — מען דאַרף נאָר ריכטיג קענען שרייבען און דאָס אלעס...

— און וואו האָט איהר זיך אויסגעלערנט צו שרייבען ריכטיג?

— איך האָב זיך צוגעוועהנט... פאר די פערציג יאָהר, וואָס

איך דיען אַלס בעאַמטער, האָט זיך מיין האַנד איינגעאַרבייט... געוויס, פון אָנפאַנג איז שווערליך געווען, האָב געמאַכט גרייזען, דערנאָך אָבער האָב איך זיך צוגעוועהנט... און איך שרייב ניט שלעכט...

— און די אונטערפּונקטאַציאָנען? דאָס פּונקטירען, מיין איך?

— און פּונקטירען פּונקטיר איך אויך ריכטיג — האָט פּערעקלאַדין געענטפערט.

— הם! — האָט זיך פערשעהמט דער יונגער מאַן — אָבער צוגעוועהנען זיך איז ווייט ניט דאָס, וואָס זיין געבילדעט. עס איז ווייניג וואָס איהר פּונקטירט ריכטיג, מען מוז אויך וויסען, וואָרום מען שטעלט אַוועק אַ קאָמאַ און ניט אַ פּונקט, צו אַ פּונקט און ניט אַ קאָמאַ. יאָ! און אייער אונבעוואוסטער פּונקטירען... דאָס שרייבען ריכטיג אויס געוועהנהייט איז קיין גראָשען ניט ווערטה. דאָס איז אַ מאַשינאַווע אַרבייט און ניט מעהר.

פּערעקלאַדין האָט פערשוויגען און זאָגאַר צו איהם גוטמוטהיג אַ שמייכעל געטהאָן.

דער יונגער מאַן איז געווען אַ זוהן פון אַ שטאַאַטס־ראַטה און האָט אַליין געהאַט אַ רעכט אויף אַ ראַנג פון צעהנטען קלאַס.

איצט, ליעגענדיג אין בעט, האָט פּערעקלאַדין אין גאַנצען נעצימערט פאַר כעס און ענטריסונג.

— פערציג יאָהר האָב איך אָפּגעדיענט — האָט ער געטראַכט — און קיינער האָט מיך נאָך ניט אָנגערופען נאַר, און איצט, נאַ דיר, האָבען זיך געפונען אַזוינע קריטיקער! „אונבעוואוסטער פּונקטירען", „מאַשינאַווע אַרבייט"... אַך, דער טייפעל זאָל דיך נעהמען! עס קען נאָך זיין, אַז איך פערשטעה מעהר פון דיר, כאָטש איך האָב זיך אין דיינע אוניווערסיטעטען ניט געלערנט!...

אויסגיסענדיג אין די מחשבות אַלע זידלערייען, וואָס זיינען איהם נאָך בעקאַנט געווען, אויף זיין קריטיקער'ס קאָפּ און אָנגעוואַרעמט זיך אונטער דער קאָלדרע, האָט פּערעקלאַדין זיך אביסעל בערוהיגט.

איך וויים... איך פערשטעה האָט ער געטראַכט, דרעמלענדיג:

— איך וועל ניט שטעלען קיין דאָפּעל־פּונקט, וואו מען דאַרף אַ קאָמאַ, איז דערפון געדרונגען, אַז איך וויים, פערשטעה. יאָ... אַזוי איז עס,

יונגער מאַן... אַפריהער װער עלטער, דיען אַזוי פיעל יאָהרען, ווי איך, און דערנאָך ערשט קריטיקיר אַלטע לייט...

פּערעקלאַדין האָט אָנגעהויבען איינצושלעפּערען. אין זיינע פּער־מאַכטע אויגען האָט צווישען אַ מענגע דונקעלע און שמייכלענדיגע וואָלקענס אַ פינקעל געטהאָן אַ פייערדיגע קאָמאַ. נאָך איהר אַ צווייטע, אַ דריטע, און באַלד איז דער גאַנצער גרענצלאָזער דונקע־לער פאָן, וואָס האָט זיך צושפּרייט פאַר זיין פאַנטאַזיע, באַדעקט געוואָרען מיט געדיכטע קופּעס פליהענדיגע און פינקלענדיגע קאָ־מאַס.

— כאָטש אָט די דאָזיגע קאָמאַס, צום ביישפּיעל — האָט גע־טראַכט פּערעקלאַדין, פיהלענדיג, ווי זיינע גליעדער שלעפּערען זיעס איין: — איך פערשטעה זיי זעהר גוט... איך קען פאַר יעדע פון זיי אַן אָרט געפינען, אַז איך וויל... און... בעוואוסטזיניג און ניט סתם אין דער וועלט אריין... אָט פאַרהער מיך, וועסט דו זעהן... קאָמאַס ווערען געשטעלט אומעדום, וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף ניט... וואָס מעהר פערפּלאָנטערט דאָס אָנגעשריעבענע דאַרף ארויסקומען, אַלץ מעהר קאָמאַס דאַרף מען שטעלען. אַ קאָמאַ שטעלט מען פאַר דאָס וואָרט „וועלכער" און פאַר דאָס וואָרט „וואָס". אויב אין אַ דאָקומענט קומט אויס אויסצורעכענען די נעמען פון בע־אַמטע, דאַרף מען צווישען איין נאָמען און דעם אַנדערען אויך שטע־לען קאָמאַס... איך ווייס!...

די פינקלענדיגע קאָמאַס האָבען זיך גענומען דרעהען און אַוועק־געדרעהט זיך אָן אַ זייט. אויף זייער אָרט זיינען געקומען צופליהען פייערדיגע פּונקטען...

— און אַ פּונקט שטעלט מען ביים עק. — טראַכט ער ווייטער — וואו מען דאַרף אָפּציהען דעם אָטהעם און אַ קוק טהאָן אויפ'ן צו־הערער, דאָרט שטעלט מען אויך אַ פּונקט. נאָך צוויי לאַנגע פּראַזען מוז מען אַוועקשטעלען אַ פּונקט, אום דער סעקרעטאַר, אַז ער וועט דאַרפען לעזען דעם דאָקומענט, זאָל ניט אָפּגעגאַסען ווערען מיט סלינעס... ווייטער שטעלט מען ערגעץ ניט קיין פּונקט...

די קאָמאַס פליהען אָן ווידער... זיי צומישען זיך מיט די פּונקטען און דרעהען זיך, און פּערעקלאַדין זעהט פאַר זיך אַ גאַנצע מענגע פון קאָמאַס מיט פּונקטען און דאָבעל־פּונקטען...

— און די דאָזיגע ווייס איך אויך... וואו אַ קאָמאַ צו שטע־לען איז צו ווייניג און אַ פּונקט איז צופיעל, דאָרט דאַרף מען שטעלען אַ פּונקט און אַ קאָמאַ... פאַר די ווערטער „אָבער" און „פּאָלגליך" שטעל איך אַלע מאָל אַ פּונקט און אַ קאָמאַ... יאָ, און אַ דאָבעל־פּונקט? אַ דאָבעל־פּונקט ווערט געשטעלט נאָך די ווערטער „בע־שטימט" און „בעשלאָסען"...

די פּונקטען מיט די קאָמאַס און די דאָפּעל־פּונקטען זיינען פער־לאָשען געוואָרען. פון אהינטער די וואָלקענס האָבען ארויסגעטאנצט פראגע־צייכענס און האָבען גענומען שפּרינגען פאַר איהם.

— אַ טהייערע זאַך — פראגע־צייכענס! כאָטש טויזענד זייע־רע וועל איך גענוג פּלאַץ געפינען! מען שטעלט זיי אַלע מאָל, ווען מען וויל עפּעס אויספאָרשען, אָדער, צום ביישפּיעל, ווען מען וויל עפּעס אויסגעפינען... „וואו איז פערשריבען דאָס געלד, וואָס איז פער־בליבען פון אַזאַ און אַזאַ יאָהר?" אָדער — „וועט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט ניט געפינען קיין מעגליכקייט די דאָזיגע איוואנאָווע און אַזוי ווייטער?"

די פראגע־צייכענס האָבען צושטימענד אָנגעהויבען צו מאַכען צו איהם מיט זייערע אויסגעבויגטע העקעלאַך און מיט אַמאָל, אַזוי ווי אונטער אימיצענס קאָמאַנדע, האָבען זיי זיך אַלע אויסגעצויגען אין אויסרופונגס־צייכענס...

— הם!... אָט דער דאָזיגער צייכען ווערט אָפט געשטעלט ביים שרייבען, „געעהרטער הערר!" אָדער „אייער עקסעלענץ, פאָטער און וואָהלטהעטער!" און אין די פּאַפּירען ווען שטעלט מען דעם דאָ־זיגען צייכען?

די אויסרופונגס־צייכענס האָבען זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען און געוואַרט.

— אין די פּאַפּירען ווערען זיי געשטעלט, ווען... דאָס... דאָס... ווי רופט מען דאָס?... הם!... נו, טאַקי אויף אַן אמת'ן, ווען ווערען זיי געשטעלט אין די פּאַפּירען?... וואַרט... לאָם איך זיך דערמאָנען... הם!...

פערקלאַדין האָט געעפענט די אויגען און זיך איבערגעקעהרט אויף דער אַנדער זייט. ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט די אוי־

גען צו פערמאַכען, ווי די אויסרופונגס־צייכענס זיינען ווידער פאַר איהם ארויסגעשוואומען.

— זאָל זיי דער טייפעל נעהמען... וואו שטעלט מען זיי פאַרט?

— טראַכט ער און סטאַרעט זיך זיי צו פערטרייבען פון זיינע אויגען: — שוין־זשע האָב איך פערגעסען? אָדער איך האָב פערגעסען, אָדער... איך האָב זיי גאָר קיין מאָל ניט געשטעלט...

ער האָט זיך גענומען דערמאָנען אָן דעם אינהאַלט פון אַלע זיינע פּאַפּיערען, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען פאַר די גאַנצע פערציג יאָהר פון זיין דיענסט, און ווי ער האָט ניט געטראַכט, און ווי ער האָט ניט געקנייטשט זיין שטערען, אין זיין גאַנצער פערגאַנגענהייט האָט ער ניט געפונען קיין אויסרופונגס־צייכען.

— וואָס פאַר אַ מאָדנע געשיכטע! פערציג יאָהר געשריעבען און קיין איין אויסרופונגס־צייכען ניט אָוועקגעשטעלט!... הם!... ווען אָבער פאַרט שטעלט מען אַוועק אָט דעם לאַנגען טייפעל?...

פון אַהינטער דער מענגע פון די אויסרופונגס־צייכענס האָט זיך בעוויזען דער ביטער־אַפּלאַכענדיגער פּרצוף פון דעם יונגען מאַן דעם קריטיקער. די אויסרופונגס־צייכענס אַליין האָבען אויך געקוקט אויף איהם מיט שפּאָט און דערנאָך האָבען זיי זיך אַלע גאָר צונויפ־געגאָסען אין איין גרויסען אויסרופונגס־צייכען.

פערעקלאַדין האָט אַ טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און די אויגען געעפענט.

— דער רוח ווייס, וואָס דאָס איז — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן — מאָרגען דאַרף איך פאַרפריה אויפשטעהן, אום צו געהן אין קלויס־טער, דרעהען זיך גאָר ביי מיר ארום אין קאָפּ די שדים... טפוי!... אָבער... ווען שטעלט מען איהם פאַרט?... אָט האָסט דו דיר: ריכ־טיג שרייבען אוים געוועהנהייט! אָט האָסט דו דיר: די האַנד האָט זיך איינגעאַרבייט! פאַר פערציג לאַנגע יאָהר ניט אָוועקגעשטעלט קיין איין אויסרופונגס־צייכען! הא?...

פערעקלאַדין האָט זיך איבערגע'צלם'ט און פערמאַכט די אויגען, האָט זיי אָבער גלייך ווידער געעפענט, ווייל אויף דעם שוואַרצען פאָהן איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער גרויסער אויסרופונגס־צייכען.

— טפוי! איך וועל שוין היינט ניט קענען שלאָפען! מאַר־פושקאַ! — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי, וועלכע פלעגט זיך

שטענדיג בעריהמען מיט דעם, וואָס זי האָט געענדיגט א פּאַנסיאָן;
— ווייסט דו ניט, הארץ מיינס, ווען שטעלט מען אין די פּאַפּירען אַן אויסרופונגס־צייכען?

— צו איך ווייס? אודאי. אין פּאַנסיאָן האָב איך אומזיסט ניט געלערנט זיעבען יאָהר. די גאַנצע גראַמאַטיק געדענק איך אויף אויסוויינינג. דעם דאָזיגען צייכען שטעלט מען, בעת מען דריקט אויס התפּעלות, ענטריסטונג, פרייד, כעס און אַנדערע געפיהלען.

— אַזוי האָט פּערעקלאַדין א טראַכט געטהאָן — התפּעלות, ענט־ריסטונג, פרייד, כעס און אַנדערע געפיהלען...

דער קאַלעגיען־סעקרעטאַר האָט זיך פערטראַכט... פערציג יאָהר האָט ער געשריעבען פערשיעדענע פּאַפּירען, האָט זיי אָנגעשריעבען אין די טויזענדער, אין די צעהנדליגע טויזענדער, און בשום אופן קען ער זיך ניט דערמאָנען ניט אָן איין ציילע אפילו, וואָס זאָל אויסדריקען התפּעלות, ענטריסטונג אָדער עטוואָס אַנדערש פון דעם מין...

דער פּרצוף פון דעם יונגען מאַן דעם קריטיקער האָט זיך ווידער בעוויזען פון אַהינטער דעם אויסרופונגס־צייכען און האָט גיפטיג־שפּאָטיש געשמייכעלט. פּערעקלאַדין האָט זיך אויפגעהויבען און זיך אוועקגעזעצט אויף דער בעט. דער קאָפּ האָט איהם וועה געטהאָן, אויפ'ן שטערען האָט ארויסגעשלאָגען א קאַלטער שוויים.

אין א ווינקעל האָט פריינדליך געלויכטען דאָס הייליג לעמפּעלע. דאָס מעבעל האָט אויסגעקוקט יום טוב'דיג, ריין, ציכטיג, פון אַלעם האָט זיך געטראָגען אַזאַ פרעהליכע ווארימקייט, אויף אַלעם איז געלע־גען די ארבייט פון א הויז־ווירטהין, אָבער דעם אונגליקליכען בעאַמ־טען, נעבאַך, איז געווען קאַלט און שווער, אַזוי ווי ער וואָלט קראַנק געוואָרען אויף א היטץ־קראַנקהייט.

דער אויסרופונגס־צייכען איז שוין געשטאַנען פאַר זיינע אָפענע אויגען אין צימער, נעבען זיין ווייב'ס טואַלעט, און האָט מיט שפּאָט געווינקט צו איהם.

— דו שרייב־מאַשינע! מאַשינע! — האָט געשעפּצעט דער געשעפּענסט, אָטהעמענדיג אויף דעם בעאַמטען מיט טרוקענעם קעלט:
— הילצערנע מאַשינע אָהן געפיהל!...

דער בעאַמטער האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, אָבער

אונטער דער קאָלדרע האָט ער אויך דערזעהן דעם געשפּענסט.

ער איז צוגעלאָפען מיט'ן פּנים צו זיין ווייב'ס אַקסעל, און פון אהינטער'ן אַקסעל האָט יענער אויך ארויסגעקוקט.

אזוי האָט ער זיך אָפּגעמוטשעט א גאַנצע נאַכט און ווען עס איז טאָג געוואָרען, האָט ער איהם ווידער געזעהן, אומעדום האָט ער איהם געזעהן: אין די שטיוועל, בעת ער האָט זיי אָנגעטאָן; אין דער גלאָז טהעע, בעת ער האָט געטרונקען, אין דעם סטאַניסלאַוו־מעדיאַל, וואָס ער האָט אויף זיין לאַטץ צוגעשפּילעט...

—און אַנדערע געפיהלען — האָט ער געטראַכט — דאָס איז אמת, קיין געפיהלען איז אין גאַנצען ניט געווען... אָט געה איך באַלד צו מיין פאַרגעזעצטען אונטערשרייבען זיך... טהוט מען דען אזוינע זאַכען מיט געפיהלען? מען טהוט עס אזוי, סתם אין דער וועלט אריין... א מאַשינע!...

אז פּערעקלאַדין איז ארויס אויף דער גאַס און האָט א רוף געטהאָן א דראָזשקע, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז צו איהם איז צו־געפלויגען אַנשטאָדט א דראָזשקע אן אויסרופונגס־צייכען.

אריינגעקומען אין פאַרצימער פון זיין פאַרגעזעצטען, האָט ער דערזעהן אַנשטאָט דעם שווייצאַר דעם זעלבען אויסרופונגס־צייכען... און דאָס אַלעס האָט גערעדט צו איהם פון התפּעלות, ענטריסטונג, כעס... דאָס הענטעל מיט'ן פעדער האָט אויך אויסגעזעהן ווי אן אויסרופונגס צייכען.

פּערעקלאַדין האָט גענומען דאָס הענטעל מיט'ן פעדער אין דער האַנד, איינגעטונקט אין טינט און אונטערגעשריעבען זיך:

„קאָלעגיען־סעקרעטאַר יעפים פּערעקלאַדין!!!” — מיט דריי אויסרופונגס־צייכענס...

און אוועקגעשטעלט די דריי צייכענס, איז ער אריינגעפאַלען אין א התפּעלות, האָט זיך געפרעהט, איז ענטריסטעט געוואָרען און האָט זיך צוקאַכט.

— נאַ דיר! נאַ דיר! — האָט ער געמורמעלט און האָט שטאַרק אָנגעדריקט אויפ'ן פעדער.

ערשט דאַמאָלט האָט זיך דער פייערדיגער אויסרופונגס־צייכען בעפרידיגט און איז פערשוואונדען.

דער רעדנער.

אין א געוויסען, שעהנעם פריהמאָרגען איז געווען די לויה פון דעם אסעסאָר קיריל איוואנאָוויטש וואווילאָנאָוו. געשטאָרבען איז ער פון צוויי קראנקהייטען, וועלכע זיינען שטארק פארשפּרייט אין אונזער פאָטערלאנד: פון א שלעכט ווייב און שיכרות...

ווען די פּראָצעסיאָן מיט׳ן טויטען־וואָגען האָט זיך געריהרט פון קלויסטער צום בית עולם צו, האָט איינער פון דעם געשטאָרבענעם׳ס מיטארבייטער, א געוויסער פּאָפּלאָווסקי, געכאַפּט א דראָזשקע און זיך א לאָז געטהאָן צו זיין פריינד גריגאָרי פּעטראָוויטש זאַפּאַיקין, א מענשען נאָך גאָר א יונגען אָבער שוין א גאַנץ בעוואוסטען.

אָט דער דאָזיגער זאַפּאַיקין, דאַרף דער לעזער וויסען, בעזיצט א מערקווירדיגען רעדנער־טאלענט; ער קען ניט פאַרבעררייטער־הייד, אין עקספּראָמפּט, הייסט עס, האַלטען רעדען אויף חתונות, יובילעאומס און לויות. און רעדען קען ער, ווען איהר ווילט נור: א פארשלאָפענער, אויפ׳ן ניכטערען מאָגען, ווען ער איז טויט שיכור, אָדער ווען ער האָט היטץ. זיין רעדע פליסט גלאַט, גלייך, ניט אָבשטע־לענדיג זיך, ווי וואסער פון א קראַן; אומעדיגע ווערטער געפינען זיך אין זיין רעדנערישען ווערטער־בוך א סך מעהר, ווי פרייסען אין דעם ערשטען בעסטען טראַקטיר. רעדען, רעדט ער אימער שעהן און לאַנג, אזוי, אז צייטענווייז, ווען ער צורעדט זיך, איבערהויפּט אויף סוחרישע חתונות, קומט אָפט אויס צו רופען פּאָליציי, אום איהם איינצו־שטילען...

— און איך, ברודער׳ל, קום צו דיר! — האָט אָנגעהויבען פּאָפּ־לאָווסקי, ווען ער האָט איהם געטראָפען אין דער היים: — טהו זיך גלייך אָן און לאָמיר פאָהרען. עס איז געשטאָרבען איינער פון אונזערע, מיר שיקען איהם גלייך אָוועק אויף יענער וועלט, איז פאַר׳ן

געזעגענען זיך, דארף מען זאָגען עפּעס אַ פּאָאַר נאַררישקייטען... אויף דיר איז אונזער גאַנצער האָפנונג. וואָלט געשטאָרבען איינער פון די קליינוואַרג, וואָלטען מיר דיך ניט בעאונרוהיגט, אָבער דאָס איז דאָך עפּעס אַ סעקרעטאַר... פּאַרט ווי זאָגט מען עפּעס, איינער פון אונזערע גדולים. עס פּאַסט עפּעס ניט צו בעגראָבען אַזאַ מאַכער אָהן אַ הספד.

— אַזוי, דער סעקרעטאַר איז געשטאָרבען! — האָט אַ גענעץ געטהאָן זאַפּאַיקין — אָט אַ דער שיכור?

— יאָ, דער שיכור. עס וועלען זיין בלינעס, גוטער צו־בייסען... וועסט קריגען אויף אַ דראָזשקע. קום, נשמה מיינס! צולאָז זיך דאָרט, אויפ'ן קבר, אָט אַזוי ווי דו קענסט, זשאַלעווע ניט, מיר אַלע וועלען דיר זאָגען אַ גרויסען ישר כח!

זאַפּאַיקין איז גערן מרוצה געוואָרען. ער האָט צופּאַטעלט זיינע האָאָר, האָט געמאַכט אַ טרויעריגען פּנים און איז ארוים מיט פּאָוו־לאָווסקי'ן אויף דער גאַס.

— איך קען אייער סעקרעטאַר גאַנץ גוט — האָט ער געזאָגט, זיך זעצענדיג אויף דער דראָזשקע: — אַ לומפּ, אַ בעסטיע איז דאָס געווען, אַ ליכטיגען גן עדן זאָל ער דאָרט האָבען. ניט געגליבען קיין סך אַזעלכע.

— נו, עס טויג ניט, גרישאַ, טויטע טהאָר מען נישט זידלען.

— אָט דאָס, זעהסט דו, איז אפילו אַ'ן אמת, אַ טויטען דארף מען ניט דערמאָנען צום שלעכטען, אָבער אַ זשוליק איז ער, פון דעסטוועגען, געווען.

די צוויי פריינד האָבען אָנגעיאָגט די לויה־פּראָצעסיאָן און האָבען זיך אָן איהר אָנגעשלאָסען. דעם בר מנן האָט מען געטראָגען לאַנגזאַם אַזוי, אַז ביז דעם בית עולם האָבען זיי נאָך צייט געהאַט אַ מאָל דריי אריינצולויפען אין אַ טראַקטיר און נעהמען צו קאָפּעטשקעס פאַר'ן טויטענ'ס נשמה וועגען.

אויף דעם בית עולם האָט מען אַ פריהער אָבגעהאַלטען אַ רעלי־גיעזע צערעמאָניע. די שוויגער, דאָס ווייב, די שוועגערין, האָבען, ווי דער שטייגער איז, אַ סך געוויינט. ווען מען האָט דעם טויטען־קאַסטען אראָבגעלאָזען אין קבר, האָט דאָס ווייב אפילו אַ געשריי געטהאָן: „לאָזט מיך צו איהם!” אָבער אין קבר צום מאַן איז זי פונדעסטוועגען

ניט געקראָכען, זי האט זיך מסתמא דערמאָהנט אָן דער פענסיע, וואס זי וועט קריגען...

דערוואָרט זיך, אז אַלעס איז שטיל געוואָרען, איז זאַפּאַיקין ארויסגעטראָטען פאָראויס, האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען און אָנגעהויבען:

— זאָל מען גלויבען די אויגען און אויערען? צו איז נישט אַ שרעקליכער חלום דיעזער קבר, די פערוויינטע פּנים'ער, דיעזע קרעכצען און יללות? ניין, ליידער איז עס נישט קיין חלום, און די אויגען נאַרען אונז נישט אָב!... דער, וועמען מיר האָבען נאָך ניט לאַנג געזעהן אַזאַ לעבעדיגען, אַזוי יוגענדליך פריש און ריין, וועל־כער האָט נאָך גאָר ניט לאַנג, אויף אונזערע אַלעמענס אויגען געאַר־בייט, ווי אַ אונערמידליכע ביהן און געטראָגען זיין האָניג אין דעם אַלגעמיינעם ביהנשטאָק פון די קעניגליכע אָרדנונגס־היטער, דער, וואָס, וועלכער... אָט דער זעלביגער איז אַצינד פערוואַנדעלט גע־וואָרען אין שטויב, און רוחניות... דער גרויזאַמער טויט האָט אויף איהם ארויפגעלייגט זיין קאַלטע האַנד אין דער צייט, ווען ער, ניט קוקענדיג אויף זיינע עלטערע יאָהרען, איז נאָך געווען פול מיט פרישע קרעפטען און ליכטיגע האָפנונגען. אוי, וואָס פאַר אַ גרויסער פערלוסט דאָס איז פאַר אונז! ווער קען איהם פערבייטען? גוטע בעאַמטע זיי־נען דאָ אַ סך ביי אונז, אָבער פּראָקאָפּי אָסיפּיטש איז געווען איין איינציגער. ער איז מיט לייב און לעבען געווען איבערגעבען צו זיינע עהרליכע פליכטען, האָט ניט געזשאַלעוועט קיין קרעפטען, ניט גע־שלאָפען קיין נעכט, האָט ניט געזוכט זיינע אייגענע נוצען און זיך פון קיינעם ניט געלאָזט אונטערקויפען...

מיט וואָס פאַר אַ פעראַכטונג האָט ער געקוקט אויף יענע מענ־שען, וועלכע, זוכענדיג צו שאַדען די אַלגעמיינע אינטערעסען, האָבען איהם געוואָלט אונטערקויפען, מיט ערדישע רייכטימער האָבען זיי איהם געפּרובירט פאַרפיהרען, טאָמער וועט ער פערראַטהען זיין פליכט! אויף אונזערע אויגען האָט פּראָקאָפּי אָסיפּיטש צוטהיילט זיין קליינעם געהאַלט צו די אָרימסטע חברים זיינע, און איהר האָט נאָך ניט לאַנג געהערט דאָס געוויין און יללה פון די אלמנות און יתומים, וועלכע האָבען געלעבט פון זיינע נדבות. איבערגעבען צו זיין דיענסט און גוטע טהאַטען, האָט ער ניט געוואוסט פון קיין אַנדערע

פריידען אין זיין לעבען, ער האָט זיך אפילו אָבגעזאָגט פון דעם גליק פון פאמיליען-לעבען: איהר ווייסט אַלע, אז ביז זיינע לעצטע טעג איז ער פערבליבען אונפערהייראַטעט! און ווער קען איהם אונז פער־בייטען אַלס חבר? אַט אַזוי ווי פאר די אויגען שטעהט מיר זיין גע־גאָלטער, גוטמוטהיגער פנים, וועלכער קוקט אויף אונז מיט זיין גוטען שמייכעל; איך הער, דאכט זיך, זיין ווייכען, אנגענעהמען, פריינדלי־כען קול... רוה דיין אש, פּראָקאָפּי אָסיפּיטש! רוה אין פריעדען דו עהרליכער, עדעלער טהוער!...

זאפּאָיקין האָט נאָך ווייטער גערעדט, און זיינע צוהערער האָבען גענומען זיך שושקען צווישען זיך. די רעדע איז אַלעמען געפעלען גע־וואָרען, איינינע האָבען זאָגאר פערגאָסען אַ טרעהר, אָבער פיעלעס אין דער רעדע איז זיי אויסגעקומען עפּעס מאָדנע. ערשטענס האָבען זיי ניט געקענט פערשטעהן, פאַרוואָס דער רעדנער רופט אָן דעם גע־שטאָרבענעם פּראָקאָפּי אָסיפּיטש, ווערענד אין דער אמת'ן האָט מען איהם גאָר גערופען קיריל איוואַנאָוויטש. צווייטענס האָבען אַלע געוואוסט, אז דער טויטער האָט זיין גאַנץ לעבען זיך ארומגעקריעגט מיט זיין געזעצליכער פרוי, הייסט עס, אז קיין אונפערהייראַטהער האָט ער דאָך ניט געקענט זיין; און, דריטענס, האָט ער געהאַט אַ געדיכטע, געלע, באָרד, האָט זיך אין לעבען ניט געגאָלט און דערפאר איז עס געווען אזוי אונפערשטענדליך, צו־וואָס דער רעדנער האָט געדאַרפט ריידען פון זיין געגאָלטען פנים.

די צוהערער האָבען זיך געוואונדערט, זיך איבערגעקוקט איינער מיט דעם אַנדערען און געדריקט מיט די אַקסלען.

— פּראָקאָפּי אָסיפּיטש! — האָט ווייטער גערעדט דער רעדנער, קוקענדיג בעגייסטערט אויף דעם קבר: — דיין פנים איז געווען ניט שעהן. מען קען זאָגען העסליך, דו ביזט געווען אַ שווערער, אַ האַר־טער מענש, אָבער מיר אַלע האָבען געוואוסט, אַ אונטער דער דאָזיגער אויבערשטער הייטעל קלאַפּט אַ וואַרימע, הערליכע, פריינדליכע האַרץ!...

און דאָ האָבען די צוהערער גענומען באַמערקען עטוואָס מערק־ווירדיגעס אין דעם רעדנער אַליין. ער האָט פּלוצים אַנגעשטעלט זיינע אויגען אויף איין פּונקט, האָט זיך אונרוהיגט גענומען באַוועגען און געדריקט מיט די אַקסלען. פּלוצים איז ער אַנשוויגען געוואָרען, האָט

געעפענט פאַרוואונדערט דעם מויל און זיך אומגעקעהרט צו פּאַוו־לאָווסקי'ן.

— הער נור, ער לעבט דאָך! — האָט ער געזאָגט און זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט שרעק.

— ווער לעבט?

— אָט דער... פּראָקאָפּי אָסיפּיטש! אָט שטעהט ער דאָך נעבען דער מצבה!

— ער איז דאָך ניט געשטאָרבען! געשטאָרבען איז קיריל אי־וואַניטש!

— שטייטש דו אליין האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז ביי אייך איז דער סעקרעטאַר געשטאָרבען!

— נו, יאָ. קיריל איוואַניטש איז געווען אונזער סעקרעטאַר. דו, משוגענער, האָסט אַלעס צודרעהט! אמת טאַקע, פּראָקאָפּי אָסי־פּיטש איז ביי אונז אַמאָל געווען סעקרעטאַר, אָבער איהם האָט מען נאָך פאַר צוויי יאָהרען איבערגעפיהרט אין דער צווייטער אַבטהיילונג און געמאַכט פאַר אַ פּאַרזיצענדען.

— דער טייפעל קען אייך וויסען!

— וואָס־זשע האָסטו זיך אָבגעשטעלט? רייד ווייטער, ס'איז ניט שעהן!..

זאַפּאַיקין האָט זיך אומגעקעהרט צו דעם קבר און מיט דער פריי־הערדיגער זיבערקייט, האָט ער שעהן און פליסענד פאַרגעזעצט די איבערגעריסענע רעדע...

נעבען דער מצבה איז װירקליך געשטאַנען פּראָקאָפּי אָסיפּיטש, אַן אַלטער בעאַמטער מיט אַ געגאָלטער מאָרדע. ער האָט געקוקט אויף דעם רעדנער מיט כעס און זיך געבלאָזען.

— און וואָס איז דאָס דיר איינגעפאַלען! — האָבען געלאַכט די בעאַמטע, ווען זיי האָבען זיך אומגעקעהרט פון דער לויה צוזאַ־מען מיט זאַפּאַיקין'ען. — ס'געהערט אַזוינס, אַ לעבעדיגען מענשען גאָר בעגראָבען!

— עס איז ניט רעכט, יונגערמאַן! — האָט זיך געבייזערט פּראָ־קאָפּי אָסיפּיטש — אייער רעדע, קען זיין, פּאַסט זיך פאַר אַ טויטען,

אָבער ווען עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען א לעבעדיגען, איז דאָס פשוט חזק געמאַכט! גאָט איז מיט אייך, וואָס האָט איהר גערעדט? זוכט ניט קיין אייגענע נוצען, מען קען איהם ניט אונטערקויפען, נעהמט ניט קיין כאַבאַר! איהר פאַרשטעהט דאָך אליין, אז אויף א לעבעדיגען מענשען קען מען עס נור זאָגען, סיידען אין שפּאַס. דערצו מיין הערר, האָט אייך קיינער ניט געבעטען, איהר זאָלט זיך אזוי צו דבר'ן איבער מיין פנים. ניט שעהן, העסליך,, מילא, זאָל זיין, אז עס איז אזוי, אָבער צו וואָס נאָך ארויסשטעלען מיין פּרצוף פאַר דער גאַנצער וועלט? דאָס איז א בעליידיגונג!...

א קונסט־ווערק.

האלטענדיג אונטער דער פאכווע עפעס איינגעוויקעלט אין א צייטונג, איז סאשא סמירנאוו, א בן יחיד ביין זיין מאמע'ן, אריינגע־קומען מיט אן אויפגערעגטער מינע צו דאקטאר קאשעלקאוו'ן אין קאבינעט.

— אה, ליעבער יונגע! — האט איהם אויפגענומען דער דאק־טאר — נו, ווי פיהלען מיר זיך עפעס? וואס וועט איהר אונז עפעס דערצעהלען גוטעס?

סאשא האט גענומען פינטלען מיט די אויגען, ארויפגעלייגט די האנד אויפ'ן הארצען און ארויסגערעדט מיט אן אויפגערעגטען קול:

— די מאמע לאזט אייך גריסען און זי האט מיר געהייסען, איך זאל אייך דאנקען... איך בין א איין איינציגער זוהן ביי דער מאמען, און איהר האט מיר דאס לעבען געראטעוועט... איהר האט מיך אויס־געקורירט פון א געפעהרליכער קראנקהייט און... און מירביידע ווייסען גאר נישט, ווי אייך צו דאנקען.

— נו, רעדט נישט פון דעם, יונגע! — האט איהם איבערגע־שלאגען דער דאקטאר, שמעלצענדיג זיך פאר פערגעניגען: — איך האב נור געטהאן דאס, וואס יעדער אנדערער דאקטאר וואלט אויף מיין פלאץ געטהאן.

— איך בין א איין־איינציגער זוהן ביי מיין מאמע'ן... מיר זיי־נען ארימע מענשען און זיינען, פערשטעהט זיך, נישט אימשטאנד אייך צו בעצאהלען פאר אייער מיה... און... אונז איז זעהר נישט אנגענעהם, דאקטאר, כאטש, איבריגענס, די מאמע און איך... א איינ־איינציגער זוהן ביי דער מאמען, בעטען אייך אנצונעהמען פון אונז אלס צייכען פון אונזער דאנקבארקייט... אט די דאזיגע זאך,

וועלכע... זעהר אַ טהייערע זאַך, פון אַלטען בראָנז... אַ זעלטענע קונסטווערק.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַ קרים געטהאָן.

— אַ איבריגע זאַך! צו־וואָס? — האָט ער געזאָגט.

— ניין, ניין — האָט סאַשאַ גענומען שטאַמלען — איך בעט אייך, נעהמט עס אָן!

ער האָט גענומען ארויסוויקלען די זאַך פון דער צייטונג און גערעדט ווייטער:

— ווען איהר וועט עס ניט אָננעהמען, וועט איהר בעליידיגען אי מיך, אי די מאַמע'ן... זעהר אַ טהייערע זאַך... פון אַלטען בראָנז...

— אָבגעשטעלט זיך נאָך דעם פערשטאָרבענעם טאַטען און מיר האָבען עס געהאַלטען אַלס טהייערען אַנדענקען... מיין טאַטע פלעגט אויפקויפען אַלטען בראָנז און פלעגט איהם פערקויפען צו ליעבהאָבער פון אַנטיקען... איצט בעשעפטיגען מיר זיך אויך מיט דעם, איך און די מאַמע...

סאַשאַ האָט ארויסגעוויקעלט די זאַך פון דער צייטונג און מיט אַ פייערליכער מינע זי אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש.

דאָס איז געווען ניט קיין הויכער קאַנדעליאַבר פון אַלטען בראָנז, אַ שטיקעל אמת'ע קונסט־ארבייט. ער האָט פאָרגעשטעלט אַ גרופּפּע: אויף אַ פּעדעסטאַל זיינען געשטאַנען צוויי פרויען־פיגורען אין מו־טער חוה'ס קאָסטיומען און אין אַזוינע פּאָזעס, וואָס אויף צו בע־שרייבען זיי פעהלט מיר אי די דרייסטקייט, אי דער טעמפּעראַ־מענט.

די פיגורען האָבען קאָקעטיש געשמייכעלט און האָבען בכלל אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אַז ווען זיי וואָלטען אויף זיך נישט געהאַט דאָס פּפליכט אונטערצוהאַלטען דעם לייכטער, וואָלטען זיי פון'ם פּעדעס־טאַל ארונטערגעשפּרונגען און אין צימער פאָרגעשטעלט עטוואָס אַזוינס, פון וואָס עס איז ניט שעהן אפילו צו טראַכטען, לעזער.

אַ קוק געטהאָן אויפ'ן פּרעזענט, האָט דער דאָקטאָר זיך לאַנג־זאַם אַ קראַץ געטהאָן הינטער'ן אויער, אַ כראַקע געטהאָן און ניט דרייסט אויסגעשנייצט די נאָז.

— יאָ, ווירקליך אַ שעהנע זאַך — האָט ער ארויסגעמורמעלט

— נור... ווי זאָל איך עס אויסדריקען, נישט גאַר... איך מיין,

גאָר נישט ליטעראַריש... דאָס איז שוין מעהר, ווי דעליקאַטע, דאָס איז... דער טיפעל ווייס וואָס דאָס איז...

— וואָרום?

— דער שטן מקטרוג אליין וואָלט עטוואָס מעהר העסליכעס ניט אויסגעקלערט... אַז איך זאָל אויפ'ן טיש אַרויפשטעלען אַזאַ מין פאַנטאַסמאַגאָריע, וועל איך מיין גאַנצע וואוינונג פּעראונרייניגען!

— דאָקטאָר, וואָס פאַר אַ זאָנדערבאַרען בליק איהר האָט אויף קונסט — האָט סאַשאַ זיך בעליידיגט — דאָס איז דאָך אַ קונסטווערק, איהר טהוט נור אַ קוק! אַזאַ שעהנהייט און פּראַכט, אַז קוקענדיג אויף דעם, ווערט די נשמה פול מיט התפעלות־געפיהלען און ביים האַלז שטיקען טרערען! ווען דו זעהסט אַזאַ שעהנהייט, פערגעסטו אַלעס אירדישעס.... איהר טהוט נור אַ קוק, וויפיעל בעוועגונג, וויפיעל לופט, אויסדרוק!

— דאָס אַלעס, מיין ליעבער, פערשטעה איך אויסגעצייכענט — האָט איהם איבערגעשלאָגען דער דאָקטאָר — אָבער איך בין אַ פאַמיליען־מאַן, די קינדערלאַך לויפען דאָ ביי מיר אַרום, דאַמען קומען אַריין.

— אוודאי, ווען מען זאָל קוקען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם פּשוט'ן המון, פון דער מאַססע — האָט סאַשאַ געזאָגט — זעהט מען אוודאי דאָס דאָזיגע הערליכע קונסטווערק אין אַנאַנדער ליכט... אָבער איהר, דאָקטאָר, דאַרפט שטעהן העכער פון דעם המון, איבערהויפּט נאָך, ווען אייער אָפּזאָגען זיך אָנצונעהמען דעם דאָזיגען פּרעזענט, וועט טיעף בעליידיגען אי מיך, אי מיין מאַמע'ן. איך בין אַ איינ־איינציגער זוהן ביי מיין מאַמע'ן... איהר האָט מיר דאָס לעבען גע־ראַטעוועט... מיר געבען אייך אָפּ די טהייערסטע זאַך אונזערע... און... און עס טהוט מיר נור לייד, וואָס ביי אייך איז ניטאָ קיין פּאָאָר פאַר דעם דאָזיגען קאַנדעליאַבער...

— דאַנקע, פריינד, דאַנקע, איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר... גריסט אייער מוטער אין מיין נאָמען, נור, ביי גאָט, זאָגט אַליין, ביי מיר לויפען דאָ אַרום קינדערלאַך, דאַמען קומען אַריין... איבריגענס, לאָזט עס שוין איבער! איך וועט מיין ריידען נישט העלפען.

— איהר דאַרפט גאָר נישט ריידען! — האָט זיך סאַשאַ דער־פרעהט — דעם קאַנדעליאַבר שטעלט דאָ אַוועק, דאָ נעבען דעם

וואזאָן. אוי, וואָס פאר א שאָד, וואָס איז נישטאָ קיין פּאָאר פאר איהם! אזא שאָד! נו, דאָקטאָר, א גוטען!

אז סאשא איז אוועק, האָט דער דאָקטאָר א לאנגע צייט געקוקט אויפ'ן קאנדעליאבר, געקראצט זיך הינטער'ן אויער און געטראכט:

— א שעהנע זאך, נישטאָ וואָס צו ריידען — האָט ער געטראכט — א שאָד אוועקצו־ווארפען... האלטען ביי זיך טאָר מען נישט... הם!... א שווערע אויפגאבע! וועמען שענקט מען עס אוועק אָדער וועמען איז מען עס מנדב?

נאָך א לאנגען טראכטען האָט ער זיך דערמאָנט אָן איינעם א גוטען פריינד, אָן דעם אדוואָקאט אוכאָוו, וועמען ער איז געלד שולדיג געווען פאר פיהרען זיינעם א פּראָצעס.

— אויסגעצייכענט! — האָט דער דאָקטאָר בעשלאָסען — איהם, אלס פריינד, איז אלזאָ אונאנגענעהם צו נעהמען פון מיר געלד, וועל איך איהם אוועקשענקען די דאָזיגע טומאה!... אגב טאקי איז ער אונפערהייראטעט און לייכטזיניג אויך...

און נישט טראכטענדיג לאנג, האָט דער דאָקטאָר זיך אָנגעטאָן, גענומען דעם קאנדעליאבר און איז אוועקגעפאָהרען צו אוכאָוו'ן.

— גוטען טאָג, פריינד! — האָט ער געזאָגט, טרעפענדיג יענעם אין דער־היים: — איך בין געקומען, ברודערל, באדאנקען דיר פאר דיין מיה... געלד ווילסטו נישט נעהמען, וויל איך דיר בעצאָהלען כאָטש מיט א פּרעזענט... אָט דאָס, ברודערקע, איז א צאצקע!... אַן אנטיקעלע — א פּראכט!

דערזעהן עס, איז דער אדוואָקאט מורא'דיג נתפעל געוואָרען.

— אָט דאָס הייסט אַן אנטיקעל! — האָט ער זיך צולאכט אויפ'ן קול — אָך, טייפעל, וואָס מענשען קענען אויסטראכטען! רייצענד! וואו האָסטו געקראָגען אזא פּראכטפאָלע זאך?

אויסגעגאָסען זיין התפעלות, האָט דער אדוואָקאט זיך צושראָקען אומגעקוקט אויף דער טיר און געזאָגט:

— נור, ברודערקע, דיין פּרעזענט וועל איך נישט נעהמען... נעהם איהם גלייך צוריק.

— וואָרום? — האָט זיך דער דאָקטאָר דערשראָקען.

— ווייל... ווייל... עס בעזוכט מיך אמאָל מיין מאמע, קליענ־

טען קומען... און פאר דער דיענערשאפט איז אויך נישט אנגענעהם צו האלטען דאָס...

דו רייד בעסער נישט! — האָט דער דאָקטאָר גענומען צו איהם מאכען מיט די הענד — דו מוזט עס אָננעהמען! דאָס איז א שוויינע־ריי פון דיין זייט! א קונסטווערק... וויפיעל בעוועגונג, אויסדרוק... איך וויל אפילו נישט הערען! דו וועסט מיך בעליידיגען!

— וואָלט עס כאָטש פערשמירט געווען, אָדער מיט פייגען־בלע־טער בעדעקט...

אָבער דער דאָקטאָר האָט איהם מעהר נישט געוואָלט הערען, האָט נאָך שטארקער גענומען צו איהם מאכען מיט די הענד, איז ארויס־געשפרונגען פון אוכאָוו'ס קווארטיר און, צופריעדען, וואָס ער איז פטור געוואָרען פון דעם פרעזענט, איז ער אוועקגעפאָהרען אהיים...

אז ער איז אוועקגעגאנגען, האָט דער אדוואָקאט גוט ארומגעקוקט דעם קאנדעליאבר, האָט איהם מיט די פינגער ארומגעטאפט פון אלע זייטען און, פונקט ווי דער דאָקטאָר, גענומען דעם קאָפּ ברעכען איי־בער דער פראַגע: וואָס זאָל ער טהאָן מיט'ן פרעזענט?

— זעהר א שעהנע זאך — האָט ער געטראכט — א שאָד אוועק־צו־ווארפען און ניט שעהן צו האלטען ביי זיך. דאָס בעסטע — איז אוועקצושענקען וועמען... איך וועל גאָר דעם דאָזיגען קאנדעליאבר היינט ביינאכט אוועקשענקען דעם קאָמיקער שאָשקין'ען. דער קאנאליע האָט ליעב אזוינע זאכען און אגב איז היינט זיין בענעפיס אויך..

געזאָגט און געטהאָן. ביינאכט האָט מען דעם גוט־פערפאקטען קאנדעליאבר אונטערגעטראָגען דעם קאָמיקער שאָשקין'ען.

דעם גאנצען אבענד דערנאָך איז דאָס גארדעראָבע־צימער פון דעם קאָמיקער בעפאלען געוואָרען פון מענער, וואָס זיינען געלאָפען אָנקוקען דעם פרעזענט. און די גאנצע צייט האָט זיך פון דאָרט געטראָ־גען א בעגייסטערטער ליארם און געלעכטער, וואָס איז עהנליך געווען צו דעם הירזשען פון פערד.

איז עמיצער פון די אקטריסעס צוגעגאנגען צו דער טהיר און גע־זאָגט: „קען מען אריינגעהן", האָט זיך גלייך פון דאָרט געלאָזט הערען דער הייזעריגער קול פון דעם קאָמיקער:

— ניין, ניין, מאַמוסניו, מען טאָר נישט! איך בין נישט אָנגע־טאָן!

—נאָך דער פאַרשטעלונג האָט דער קאָמיקער גערריקט מיט די אַקסלען, געמאַכט מיט די הענד און גערעדט:

— נו, וואָס טהו איך מיט דעם? איך וואוין דאָך אויף א פּריוואַט קוואַרטיר! צו מיר קומען אַריין אַקטריסעס! דאָס איז דאָך נישט קיין פאָטאָגראַפיע, וואָס מען קען עס בעהאַלטען אין טיש־שופלאָד!

— איהר פערקויפט עס — האָט איהם אַן עצה געגעבען דער פאַריקמאַכער — דאָ איז דאָ אַן אַלטע, וועלכע קויפט אויף אַלטען בראָנז... זי הייסט סמירנאָווא... טהוט א פאָהר צו איהר, מען וועט אייך שוין אָנווייזען איהר פּלאַץ... יעדער קען זי...

דער קאָמיקער האָט איהם געפאָלגט...

צוויי טעג שפּעטער איז דאָקטאָר קאָשעלקאָוו געזעסען ביי זיך אין קאַבינעט, צוגעלייגט א פינגער צום שטערן, און האָט געטראַכט וועגען גאַל־זויערקייטען. פּלוצים האָט זיך די טהיר געעפענט, און אין קאַבינעט איז אַריינגעפלויגען סאשא סמירנאָוו. ער האָט געשמייכעלט, געשיינט און זיין גאַנצע פיגור האָט געאָטהעמט מיט פרייד... אין די הענד האָט ער געהאַלטען עטוואָס איינגעוויקעלט אין א צייטונג.

— דאָקטאָר! — האָט ער ארויסגערעדט, קוים אָפּכאַפּענדיג דעם אָטהעם: — שטעלט זיך פאָר מיין פרייד! אויף אייער גליק האָט זיך מיר געמאַכט צו קריגען א פּאָאָר פאַר אייער קאַנדעליאַבר!... די מאַמע איז אַזוי גליקלאַך... איך בין א איינ־איינציגער זוהן ביי מיין מאַמע'ן... איהר האָט מיר דאָס לעבען געראַטעוועט...

און, סאשא, טרייסלענדיג זיך פון א געפיהל פון דאַנקבאַרקייט, האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דעם דאָקטאָר א קאַנדליאַבר. דער דאָקטאָר האָט דעם מויל געעפענט, געוואָלט עפּעס זאָגען, האָט אָבער גאָר נישט געזאָגט: ביי איהם האָט דער לשון אָפּגענומען...

דער נצחון פון א זיעגער.

(דערצעהלט פון אַן אויסגעדיענטען קאָלעגיען־רעגיסטראַטאָר.)

איינמאָל אין אַ פרייטאָג אויף מאַסלינע *) זיינען אַלע אוועק צו אַלעקסעי איוואַניטש קאָזולין'ען אויף בלינעס. איהר קענט נישט קאָזולין'ען; פאַר אייך איז ער אפשר אַ גאָר נישט, אַ נול, פאַר אונזערען אַ מענשען אָבער, דאָס הייסט, פאַר איינעם אַזאַ, וואָס טראָגט זיך נישט אַרום אין די הויכע הימלען, איז ער אַ מענש אַ גדול, אַן אַלמעכטיגער און אַן אַלסוויסענדער.

אַוועק צו איהם זיינען אַלע, וואָס שטעלען פאָר, אַזוי צו זאָגען, זיין פוס־ביינקעלע, אָדער, פשוטער גערעדט, וואָס ליעגען אונטער זיינע פיס. בין איך אויך צו איהם געגאַנגען מיט מיין פּאַפּאַ.

די בלינעס זיינען אַזעלכע גרויסאַרטיגע, אַז איך קען עס גאָר אייך נישט פאָרשטעלען, מיין הערר: ווייכינקע, גראָבינקע, רויטינקע, דער רוח וויים, נעהמסט איין בלין, טהוסט איהם אַ טונק איין אין הייסען פוטער, עסט — און דער צווייטער קריכט אליין אין מויל. די אַנדערע אָרנאַמענטען און קאָמענטאַריעס צו דעם זיינען געווען: סאַמעטענע, פרישען רייגען, סעמגא, צוריבענע קעז. וויינען און שנאַפּסען אַ גאַנצער ים. נאָך די בלינעס האָבען מיר געגעסען אַ פיש־סופּ און נאָכ'ן פיש־סופּ אַן ענטעלע מיט סאָאוס... מען האָט אַזוי פיעל אין זיך אריינגעפּאַקט, אַז מיין פּאַפּאַ האָט פער'גנב'עטערהייט אָפּגעשפּיעלעט די קנעפּלאַך אויפ'ן בויך און, אום עמיצער, חלילה, זאָל נישט בעמערקען זיין ליבעראַליזמוס, האָט ער יענעם אָרט פערדעקט מיט אַ סאַלפעטקע.

אַלעקסעי איוואַניטש, אונזער „נאַטשאַלניק" (פאָרטגעזעצטער),

---

*) מאַסלינע — פוטער־וואָך ביי די רוסען.

וועלכען איז אַלעס ערלויבט צו טהאָן, האָט צושפּילעט די וועסט און דאָס העמד.

נאָכ'ן מיטאָג האָבען מיר, נישט אויפהייבענדיג זיך פון אונזערע ערטער, מיט דער ערלויבניש פון נאַטשאַלסטוואָ פערדרויכערט סיגארען און פערפיהרט אַ געשפּרעך. דאָס הייסט, מיר האָבען זיך צוגעהערט, און זיין עקסעלענץ אַלעקסעי איוואַניטש האָט דערצעהלט. די מעשה'לאַך האָבען כמעט אַלע געטראָגען אַ הומאָריסטישען כאַראַקטער, אַ יום טוב'דיגער... דער „נאַטשאַלניק" האָט דערצעהלט און, ווי עס איז קענטיג געווען, האָט ער געוואָלט זיין וויציג.

איך ווייס נישט, אויב ער איז טאַקי געווען וויציג, נור דאָס געדענק איך גוט, אַז יעדע ווײַלע פּלעגט דער פּאַפּאַ מיר אַ טורקע טהאָן אין זייט אַריין און זאָגען:

—לאַך!...

איך האָב ברייט פונאַנדערגעעפענט דעם מויל און געלאַכט. און איינמאָל אפילו האָב איך אַזאַ קוויטשע געטהאָן פון געלעכטער, אַז אַלע האָבען זיך אומגעקוקט אויף מיר.

— אזוי, אזוי! — האָט שטיל געמורמעלט דער פּאַפּאַ — דו ביזט אַ בראַווער יונג! ער קוקט אויף דיר און לאַכט... דאָס איז אַ גוּטער סימן, אפשר וועט ער דיר געבען אַ שטעלע פון אַ שרייבער־געהילף!

— יאָ! — האָט צווישען אנדערש געערדט קאַזולין, אונזער „נאַטשאַלניק", סאָפּענדיג און פּאַכענדיג זיך: — אַצינד עסען מיר בלינעס, די פרישעסטע רייגען פערברויכען מיר, אַ ווייב אַ ווײַס־לײַ־ביגע לאָסטען מיר. און מיינע טעכטער זיינען אַזוינע פּאַרשוינען, אַז נישט נור אַזעלכע קליינינקע מענשעלאַך, ווי איהר, פערקוקען זיך אויף זיי, נור אפילו פירסטען און גראַפען הויבען אָן צו זיפצען, בעת זיי דערזעהען מיינע גרויסע פּאַרשוינען... און די קוואַרטיר מיינע?... כאַ! כאַ! כאַ! אזוי איז דאָס! דערפאַר זאָג איך אייך: קלאָגט זיך נישט, זינדיגט נישט, האָט נישט קיין טענות, כל זמן איהר לעבט! אַלעס קען פּאַסירען, צייטען ענדערען זיך... איצט ביזטו, צום ביי־שפּיעל, אַ גאָרנישט, אַ נול, אַ שטויבעלע... אַ ראָזינקע — און ווער ווייס? אפשר מיט דער צייט וועט זיין דאָס... דעם מענשישען מזל וועסטו האַלטען ביי די האָאָר! אַלעס קען פּאַסירען!

קאַזולין איז אַנשוויגען געוואָרען, האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און גערעדט ווייטער:

— און פריהער ווי האָב איך געלעבט, פריהער! אַך, מיין גאָט, עס גלויבט זיך גאָר נישט! אָהן שטיוועל, אין צוריסענע הויזען, מחילה, מיט מורא און ציטערניש אינ'ם הארצען... עס זיינען געווען צייטען, ווען פאַר איין רוביל האָב איך גאַנצע צוויי וואָכען געארבייט. און אפילו דעם איין רוביל דערלאַנגט מען דיר אויך נישט אין האנד אריין, ניין! נור וואַרפען דיר איהם אַ צוקנייטשטען אין פּנים אריין: נאַ ווערג זיך! און יעדער בעליידיגט דיך, און יעדער קען דיך שטיקען און דריקען און שטעכווערטלאַך דיר זאָגען... געהסט צום „נאַטשאַל־ניקק" מיט אַ רעפּאָרט, זיצט דאָרט ביי דער טהיר אַ הינטעלע. געהסט דו צו צום הינטעלע און נעהמסט עס אָן ביי דער לאַפּקע, דריקסט די לאַפּקעלע און חנפה'סט זיך צום הינטעלע: זייט מיר מוחל, הייסט עס, וואָס איך בין אייך פערביי־געגאַנגען. אַ גוטינקען טאָג אייך! און דאָס הינטעלע אויף דיר: ר־ר־ר־ר... דער שווייצאַר טהוט דיך אַ טורקע מיט'ן עלענבויגען. ענטפערסטו איהם: נישטאָ קיין קליין־געלד, איוואַן פּאַטאַפּיטש!.. ענטשולדיגט! און מעהר פון אַלעמען האָב איך זיך אָנגעליטען אָט פון דעם דאָזיגען גערויכערטען הערינג, אָט פון דעם דאָזיגען... קראָקאָדיל! אָט פון דער דאָזיגער פּגירה, פון דעם דאָזיגען נעבעכיל, פון קוריצין'ען!

און קאַזולין האָט אָנגעוויזען אויף אַ קליינציקען, איינגעהויקער־טען אַלטינקען, וואָס איז געזעסען נעבען מיין פּאַפּאַ'ן.

דער אַלטינקער האָט גענומען פינטלען מיט די מיעדע אויגעלאַך און מיט עקעל גערויכערט זיין סיגאַר.

געוועהנליך רויכערט ער קיינמאָל נישט, אָבער אַז „נאַטשאַלסטוואָ" לייגט איהם פאָר אַ סיגאַר, האַלט ער פאַר אַ מוז צו רויכערען.

בעמערקט דעם נאַטשאַלניק'ס פינגער אָנווייזענדיג אויף איהם, האָט ער צומישט זיך גענומען דרעהען אויף זיין שטוהל.

— פיעל האָב איך געליטען אָט פון דעם נעבעכיל — האָט קאָזולין ווייטער גערעדט — ער איז דאָך געווען מיין ערשטער „נאַטשאַל־ניק". מען האָט מיך אריינגעפיהרט צו איהם, אַ שטילינקען, אַ ציטער־רענדיגען, אַ נישטיגען, און מיך אוועקגעזעצט ביי זיין טיש. און ער האָט מיך גענומען עסען... יעדעס וואָרט זיינס איז געווען אַ שאַרפער

מעסער, יעדער בליק זיינער — א קויל אין הארצען. איצט, ווי איהר זעהט איהם, איז ער, דאכט זיך, א ווערים'ל, א נעביכעל, אָבער אמאָל, ווען איך האָב אונטער איהם געדיענט? א נעפטון! געוואָרפען נור דונערען! די הימלען האָבען זיך געשפּאָלטען, און גאָר!

א לאנגע צייט האָט ער מיך געמוטשעט און געפּלאָגט! איך האָב פאַר איהם אי געשריעבען, אי אין קאנדיטערייי פאַר איהם געלאָפען, אי פעדערן פאַר איהם געשניצט, אי זיין אַלטע שוויגער אין טהעאַטערס מיט זיך געשלעפּט. וואָס נור האָב איך נישט געטהאָן, אום צו געפינען לייטזעליגקייט אין זיינע אויגען. אפילו טאבאק שמעקען האָב איך זיך אויך אויסגעלערענט! יאָ... אַלץ פונזיינטוועגען... מען מוז זעהן — האָב איך געטראכט — צו האָבען שטענדיג ביי זיך די טאבאַק־פושקע. טאָמער בעט ער א שמעק טאבאק. קוריצין, דו געדענקסט, הא?

איינמאָל קומט צו איהם מיין זעליגע מוטער און בעט איהם, ער זאָל מיך בעפרייען אויף א פּאָאר טעג. איך האָב געדארפט פאָהרען צו מיין טאנטע וועגען צוטהיילען א ירושה. אזש ער טהוט נישט א שצירע אוים אויף איהר די וויסלאָך פון זיינע אויגען און צושרייט זיך: „ער איז דאָך ביי דיר א פוילענצער, ער איז דאָך ביי דיר אַן אומזיסטער פרעסער, וואָס קוקסטו איהם אין די צייהן, גולם דו! מען וועט איהם נאָך אמאָל משפט'ן פאַר א פערברעכער!"

מיין אַלטע מוטער איז דערנאָך אהיים אוועק און זיך אין בעט אריינגעלייגט, פאַר שרעק איז זי קראנק געוואָרען, שיעור נישט גע־שטאָרבען דעמאָלט...

קאָזולין האָט אויסגעווישט די אויגען מיט א טיכעל און אויסגע־טרונקען א גלאָז וויין אין איין אָטהעם.

— ער האָט מיך געוואָלט חתונה מאכען מיט זיינער, צו מיין גליק, בין איך דעמאָלט קראנק געוואָרען אויף א היץ־קרענק און א האלב יאָהר צייט בין איך אין שפּיטאָל אָפּגעלעגען. אָט אזוי בין איך דעמאָלט אויסגעריסען געוואָרען! דערפאר אָבער היינט? היינט?... פּע! היינט בין איך זיין נאטשאלניק... היינט שלעפּט ער מ י י ן שוויגער איבער די טהעאטערס, היינט דערלאנגט ער מ י ר די טאבאק־פּושקעלע און ער רויכערט א סיגאר, וואגט ניט נישט צו רויכערען... כע־כע־כע!... היינט גיעב איך פעפער איהם שמעקען, איהם!... קוריצין!

— וואָס איז אייער בעגעהר? — האָט קוריצין געפרעגט, אויפ־שטעלענדיג זיך און אויסציהענדיג זיך גלייך ווי א סטרונע.

— שטעל פאַר א טראַגעדיע!

— איך פאָלג!

קוריצין האָט זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען, אָנגעכמורעט זיך, אויפגעהויבען אין דער הויך א האַנד, פערקרימט די פרצוף און ארויס־געזונגען מיט א הייזעריגען, ציטערענדיגען קול:

— שטאַרב, דו אונטרייע! דיין בל־ל־לו־ט־ט דורשט איך!

מיר זיינען שיעור נישט צופּלאַצט געוואָרען פאַר געלעכטער.

— קוריצין! עס אויף א שטיקעל ברויט מיט פעפער!

דער זאַטער קוריצין האָט גענומען א גרויסען שטיק קאָרען־ברויט, בעשאָטען איהם מיט פעפער און האָט איהם צוקיית.

דאָס געלעכטער אַרום איהם איז נאָך שטאַרקער געוואָרען.

— אָט אזוי בייטען זיך די צייטען — האָט קאַזולין ווידער אָנגע־הויבער — זעץ זיך אוועק, קוריצין! ווען מיר וועלען זיך פון טיש אויפהויבען, וועסטו עפּעס פאַר אונז פאָרזינגען... אמאָל דו און היינט איך... יאָ... אזוי איז דאָס אַלטע געשטאָרבען... יאָ...

קאַזולין האָט זיך אויפגעהויבען און זיך א שאָקעל געטהאָן.

— און איך — שאַט, קיין פּיפּס טהו איך נישט, וואָרום איך בין א קליינציקער, א נישטיגער, א נול... פייניגער מיינע... באַר־באַרען... דערפאַר היינט בין איך... כע־כע־כע... דו! איך מיין דיך, וואָס אָהן וואַנצעס!

און קאַזולין האָט א טורקע געטהאָן מיט א פינגער אויף פּאַפּאַ'ן.

— לויף אַרום טיש און קרייה ווי א האָן!

מיין פּאַפּאַ האָט א שמייכעל געטהאָן, איז פאַר שמחה רויט גע־וואָרען און האָט מיט ברעקעלאַך טריט זיך אוועקגעלאָזט לויפען אַרום טיש. איך נאָך איהם.

— קו־קו־רעקו! — האָבען מירביידע זיך צוקרייהט און גענומען לויפען שנעלער.

איך בין געלאָפען און האָב געטראַכט:

— איך וועל שוין זיין א שרייבער־געהילף!..

דער ממזר.

מאכענדיג זיין פארנאכטיגען שפאציר, האט דער אסעסאר מי־גויעוו אבגעשטעלט זיך נעבען טעלעגראפישען סלופ און האט א שווע־רען זיפץ געטהאן. מיט א וואך צוריק, ווען ער האט זיך אומגעקעהרט פון שפאציער, האט איהם אויף דעם זעלבען ארט אנגעיאגט זיין פריהערדיגע דיענסט אגניא און געזאגט צו איהם מיט כעס:

— ווארט אקארשט אוים! איך וועל דיר שוין אויפשפיעלען אזא חתונקע, אז דו וועסט ביי מיר ווייטער וויסען, ווי צו פעראונגלי־קען אונשולדיגע מיידלאך! אי דאס עופה'לע וועל איך דיר אונטער־ווארפען, אי אין געריכט וועל איך זיך ווענדען, און דיין ווייב וועל איך אויך אלעס דערצעהלען...

און זי האט געפאדערט, אז ער זאל אוועקלעגען אין באנק אויף איהר נאמען פינף טויזענד רובעל.

דערמאנט זיך אן דאס אלעס, האט מיגויעוו א זיפץ געטהאן און מיט אן אמת'ער חרטה האט ער זיך גענומען מאכען פארווירפע פאר יענער הייסער מינוט, וועלכע האט איהם פערשאפט אזוי פיעל זארג און ליידען.

צוגעקומען צו זיין זומער־פלאץ, האט זיך מיגויעוו געזעצט אויפ'ן גאניק אברוהען. עס איז געווען פונקט צעהן א זייגער, און פון הינטער די וואלקענס האט ארויסגעקוקט א קליין שטיקעל לבנה. אויף דער גאס און ארום די הייזער האט מען ניט געזעהן קיין לעבעדי־גען מענשען: די עלטערע זומער־געסט האבען זיך שוין געלעגט שלא־פען, און די יונגע האבען ארומגעשפאצירט אין וועלדעל.

זוכענדיג אין ביידע קעשענעס א שוועבעלע, אום אנצוציגדען א פאפיראס, האט מיגויעוו מיט זיין עלענבויגען זיך אנגעשלאגען אן עפעס ווייכעס, און אזוי ווי ער האט צייט געהאט גענוג, האט ער א

קוק געטהאָן אונטער זיין רעכטען עלענבויגען, און פלוצים האָט זיך זיין פּנים פערקרימט און אויסגעדריקט אַזא שרעק, אַזוי ווי ער וואָלט דערזעהן נעבען זיך אַ גיפטיגע שלאַנג...

אויף דעם באַלקאָן, נעבען סאַמע טהיר, איז געלעגען עפּעס אַ קלוימיק. ווי מען האָט זיך געקענט אָנשטויסען פון טאַפּען אין דער פינסטער, איז אין דעם דאָזיגען קלומיק איינגעוויקעלט אין אַ גע־שטריקטער קאָלדרע, געלעגען עפּעס אַ לאַנגע זאַך. איין ברעג פון קלומיק איז געווען אביסעל אָפען, און אריינשטופענדיג אהין די האנד, האָט דער אסעסאָר אָנגעטאַפּט עטוואָס ווייכעס און פייכטעס. אין הוילע ציטערניש איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך גע־נומען ארומקוקען אין אַלע זייטען, ווי אַ פערברעכער, וואָס קלייבט זיך צו אנטלויפען פון זיינע וועכטער...

— זי האָט טאַקע אונטערגעוואָרפען! — האָט ער ארויסגעברומט צווישען די צייהן, דריקענדיג די פויסטען — אָט ליעגט ער... דער ממזר! אָך, גאָט!

פאַר שרעק, כעס און חרפּה איז ער געבליעבען ווי פארשטיי־נערט... וואָס טהוט מען אַצינד? וואָס וועט זאָגען דאָס ווייב, ווען זי וועט זיך דערוויסען? וואָס וועלען זאָגען די חברים בעאמטע? זיין עקסעלענץ וועט איהם איצט אודאי אַ קלאַפּ טהאָן איבער'ן בויך, וועט אַ פייף טהאָן מיט דער נאָז און זאָגען: „מזל טוב... כע־כע־כע... די האָאָר אין באָרד זיינען שוין גרוי און דער שטן האָט נאָך אַזא שליטה!... אַ שטיפער, זייט איהר, סעמיאָן עראַסטאָוויטש!” דער גאַנצער זומער פּלאַץ וועט זיך אַצינד דערוויסען פון זיין געהיימניס און, עס קען נאָך זיין, אַז די אָנשטענדיגע פאַמיליען־מוטערס זאָלען איהם פארווערען צו קומען אין זייערע הייזער... וועגען אונטער־געוואָרפענע ממזרים שרייבט מען אין אַלע צייטונגען, און אויף אַזא אופן וועט דער בעשיידענער נאָמען פון מיגויעוו'ן זיך פונאנדער־טראָגען איבער גאַנץ רוסלאַנד...

דער מיטעלסטער פענסטער פון זומער וואָהנונג איז געווען אָפען און פון איהם האָט זיך קלאָהר געהערט, ווי אננא פיליפּאָווגא, מי־גויעוו'ס ווייב, גרייט דעם טיש צום אבענד־עסען; אויפ'ן הויף, גלייך הינטער די טויערן, האָט דער הויז־וועכטער יערמאָלאַ, געצימ־בעלט אויף אַ באַלאַליקע עטוואָס אומעדיגעס... דאָס עופּה'לע

האָט זיך נור געדאַרפט אױפכאַפּען און נעהמען פּישעצן, און דאָס גע־היימנים איז ענטדעקט. מיגויעװ האָט דערפיהלט אַ שטאַרקען פּער־לאַנג עפּעס צו טהאָן און טאַקי גלײך, ניט געזאַמט...

— שנעלער, שנעלער... — האָט ער געמורמעלט — גלײך, די מינוט כל זמן קײנער זעהט נישט. איך װעל איהם אװעקטראָגען װאו־עס־איז, װעל איהם לײגען אױף אַ פּרעמדען באַלקאָן...

מיגויעװ האָט גענומען דעם קלומיק אין אײן האַנד און אום ניט אַרױסצורופען קײן חשד, איז ער רוהיג, שטיל, מיט געמאָסטענע טריט, אװעק איבער דער גאַס...

— אַ מערקװירדיג עקעלהאַפטע לאַגע! — האָט ער געטראַכט און זיך געסטאַרעט אױסצוזעהן גלײכגילטיג: — „אַן אַסעסאָר געהט אין גאַס מיט אַן עופה'לע אין די הענד! אױ, גאָטעניו, אַז עמעצער זאָל דערזעהן און פאַרשטעהן, װאָס דאָ טהוט זיך, בין איך אַ פּערלאָ־רענער... איך װעל איהם גאָר אװעק לײגען אױף דיעזען באַלקאָן... נײן, װאַרט אױס, דאָ זײנען די פענסטער אָפּען און אפשר קוקט עמעצער... װאו טהוט מען איהם אהין? אהא, דאָס איז אַן אײנ־פאַל... איך װעל איהם גאָר צוטראָגען צום סוחר מיעלקין אױפ'ן זו־מער־פּלאַץ... די סוחרים זײנען רײכע און גאַנץ װאױלע מענשען; עס קען זײן, זײ װעלען איהם צונעהמען צו זיך צו ערציהען און נאָך זאָגען אַ דאַנק".

און מיגויעװ האָט פעסט בעשלאָסען אװעקצוטראָגען דאָס קינד, ניט אַנדערש נור צום סוחר מיעלקי'ן, כאָטש זײן זומער־װאָהנונג האָט זיך געפונען װײט, אױפ'ן סאַמע עק פון גאַס, פאַזע טײך.

— ער זאָל זיך נור בײ מיר ניט פונאַנדער שרײען און אַרױס־פאַלען פונ'ם קלומיק — האָט געטראַכט דער אַסעסאָר — אָט, קען מען זאָגען, אַן אונערװאַרטעטעס פערגניגען... כאָטש נעהם און זאָג אַ דאַנק! געה איך זיך און טראָג אונטער'ן פאַכװע אַ לעבעדיגען מענשען, װי למשל אַ פּאָרטפעל. און אַ מענש איז דאָס אַ לעבעדיגער, מיט אַ נשמה, מיט געפיהלען אַזױ װי אַלע... און אפשר, װער װײס, אַז מיעלניקס פאַמיליע זאָל איהם צונעהמען און ערציהען, קען ער נאָך אױסװאַקסען עפּעס אַזאַ... אַזעלכער... עס קען אַ מאָל פון איהם אַרױסקומען אַ פּראָפעסאָר, אַ קריעגס־פיהרער, אַ שרײבער... אױף דער װעלט פּאַסירט אַלעס! אַצינד טראָג איך איהם אונטער'ן

פאַכווע, ווי עפּעס אַ שטיק שמוץ, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, און אין אַ יאָהר 30—40 ארום, קען געמאָלט זיין, איך זאָל דארפען שטעהן פאר איהם אָהן אַ היטעל...

ווען מיגויעוו איז פארביינעגאַנגען איבער דעם שמאָלען, איינ־זאמען געסעל פארביי די הויכע פּאַרקאַנעס, אונטער דעם שאָטען פון געדיכטע ליפּען־בוימער, האָט זיך איהם פּלוצים געגומען דאַכטען, אַז ער טהוט עטוואָס זעהר שלעכטעס, פערברעכערישעס.

— און אין דער אמת'ן גענומען, איז עס דאָך טאַקע אַ ניעדער־טרעכטיגקייט! — האָט ער געטראַכט — אַזוי ניעדערטרעכטיג, אַז ערגער קען דאָך שוין נישט זיין...נו, פאַרוואָס נעהמען מיר דאָס דאָזיגע אונגליקליך עופה'לע און שליידערן עס פון איין באַלקאָן אויפ'ן צווייטען? איז עס דען שולדיג, וואָס עס איז געבאָרען גע־וואָרען? און וואָס פאַר שלעכטס האָט עס אונז געטהאָן? נידעריגע, פערדאָרבענע מענשען, זיינען מיר... מיר האָבען ליעב צו פּאַה־רען אויף שליטעלאַך, אָבער פיהרען די דאָזיגע שליטעלאַך ווילען מיר נישט, דיעזע אַרבייט פאַלט אין גאַנצען אויף די אונשולדיגע קינ־דערלאַך... מען דאַרף זיך נור גוט אריינטראַכטען אין אַזאַ מין גע־שיכטע! איך האָב געהוליעט, און דעם קינד געבאַך ערוואַרטעט אַ שווערער, ביטערער מזל... איך וועל איהם אונטערוואַרפען צו דער פאַמיליע מיעלקין, די מיעלקינ'ס וועלען איהם שיקען אין אַ יתומים־הויז און דאָרט זיינען אַלץ פרעמדע, אַלעס איז שטרענג, קאַלט... נישטאָ קיין לאַסקע, קיין ליעבע, קיין צערטליכקייט... שפּעטער וועט מען עס אָבגעבען צו אַ שוסטער... עס וועט נעהמען שיכור'ען, וועט זיך אויסלערנען ריידען גראָבע רייד און וועט פּגר'ן פון הונגער... אַ שוסטער, ער, דער זוהן פון אַן אַסעסאָר, אין וועמעס אָדערען עס פליסט עדעלעס בלוט... ער איז דאָך זיין בלוט, מיין פלייש און בלוט...

מיגויעוו איז ארויס פון אונטער'ן שאָטען פון די בוימער אויפ'ן אָפענעם וועג, וואָס איז איצט געווען פאַרגאָסען מיט דעם שיין פון דער לבנה, און פונאַנדערגענומען דעם קלומיקעל, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף דאָס קינד.

— עס שלאָפט — האָט ער ארויסגעשעפּצעט — עך דו, אַ נאָז האָט ער, דער קליינער ווידליג אַן אויסגעבויגענעם פונקט ווי בֵיי

דעם טאַטען... עס שלאָפט און פיהלט נישט, אַז זיין ליבליכער טאַטע קוקט אויף איהם... דאָס איז אַ דראַמע, ברודערל... נו, וואָס קען מען זיך העלפען... זיי מיר מוחל, ברודערל... מסתמא איז דיר שוין אַזוי בעשערט!..

דער אַסעסאָר האָט גענומען פינגלען מיט די אויגען און דער־פיהלט, ווי איבער זיינע באַקען קריכט עפּעס אַרום, אַזוי ווי מור־ראַשקעס... ער האָט איינגעוויקעלט דאָס קינד, עס גענומען אונטער'ן פּאַכווע און אַוועק שפּרייזען ווייטער.

דעם גאַנצען וועג, ביז צו מיעלקינס זומער־וואָהנונג, האָבען זיך אין זיין קאָפּ געדרעהט סאָציאַלע פראַגען און אין האַרצען האָט גע־פּלאַגט און גענאַיעט דאָס געוויסען.

— ווען איך זאָל זיין אַ רעכטער מענש, אַן עהרליכער — האָט ער געטראַכט: — וואָלט איך אַ שפּיי געטהאָן אויף אַלץ און וואָלט מיט דעם דאָזיגען עופּה'לע אַוועק צו אַננאַ פיליפּאָוונאַ'ן, וואָלט פאַר איהר געפאַלען אויף די קניע און געזאָגט: „זיי מיר מוחל! איך בין זינדיג! מאַטער מיך, טהו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, אָבער דאָס אונשולדיגע עופּה'לע טאָרען מיר ניט רואינירען. קיין קינדער־לאַך האָבען מיר נישט; לאָמיר איהם נעהמען צו זיך און איהם ער־ציהען!" זי איז אַ גוטע פרוי, וואָלט אודאי, מרוצה געוואָרען... און דאַן וואָלט מיין קינד געוועזען נעבען מיר... ע־עך!

ער איז צוגעקומען צו מיעלקינ'ס הויז און איז געבליבען שטעהן אונענטשלאָסען...

אין די געדאַנקען האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, ווי ער זיצט ביי זיך אין זאַאַל, לעזט אַ צייטונג און אַ קליין אינגעלע מיט אַן אויסגעבויגען נעזעלע רייבט זיך אַרום איהם און שפּיעלט זיך מיט די פאָלעס פון זיין כאַלאַט; אין דערזעלבער צייט האָבען זיך פאַר איהם אויך געמאָהלען זיינע חברים־בעאַמטע עס האָט זיך פאַר איהם געמאָלען זיין עקסעלענץ, ווי ער שמאַרעט מיט דער נאָז און קלאַפּט איהם איבער'ן בויך... אינ'ם האַרצען אָבער איז צוזאַמען מיט'ן געוויסען, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו נאַיען, געזעסען נאָך עט־וואָס, עטוואָס צאַרטעס, וואַרעמעס און אומעדיגעס...

דער אַסעסאָר האָט פאָרזיכטיג אַנידערגעלייגט דאָס קינד אויף די טרעפּ פון דער טעראַסע און אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האַנד. און

ווידער האָבען איבער זיין פּנים פון אויבען אראָב גענומען קריכען מוראשקעס...

— זיי מיר מוחל ברודער'ל, מיר, דעם ניעדערטרעכטיגען! — האָט ער געמורמעלט — ניט דערמאָן מיך צום שלעכטען!

ער האָט געטהאָן א טראָט צוריק, באַלד אָבער האָט ער ענט־שלאָסען א הוסט געטהאָן און געזאָגט:

— עך, זאָל זיין, וואָס עס וויל! איך שפּיי זיך אוים אויף אַלעמען! איך וועל איהם נעהמען, און זאָלען מענשען ריידען, וואָס זיי ווילען!

מיגויעוו האָט גענומען דאָס קינד און איז מיט שנעלע טריט אוועק צוריק...

— זאָלען זיי ריידען, וואָס זיי ווילען — האָט ער געטראַכט — גלייך געה איך, שטעל זיך אויף די קניע און זאָג: „אננא פּי־ליפּאָוונא!" זי איז אַ גוטע נשמה, וועט פערשטעהן... און מיר וועלען איהם ערציהען... איז דאָס אַ אינגעל, וועלען מיר איהם אַ נאָ־מען געבען וולאַדימיר, און אויב אַ מיידעל, וועלען מיר זי רופען אננא... אם וועניגסטענס וועט אויף דער עלטער זיין אַ טרייסט...

און ער האָט געטהאָן אזוי ווי ער האָט בעשלאָסען.

וויינענדיג, ציטערענדיג פאַר שרעק און שאַנדע, פול מיט האָפ־נונג און אונבעשטימטער פרייד, איז ער אריין אין זיין זומער־וואָה־נונג, איז אוועק צו דער וויב און זיך געוואָרפען פאַר איהר אויף די קניע...

— אננא פּיליפּאָוונא! — האָט ער געזאָגט כליפּענדיג און אווקעגעלייגט דאָס קינד אויף דער פּאָדלאָגע: — ניט זיי קיין בייזער ריכטער, לאָז מיר דיר אַלעס דערצעהלען... איך בין זינדיג!... דאָס איז מיין קינד... דו געדענקסט דאָך מסתמא אגניושקאַ'ן, נו, איז אָט... אַ נישט־גוטער האָט מיך פאַרפיהרט...

און אויסער זיך פאַר חרפּה און שרעק, ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, איז ער אויפגעשפּרונגען און ווי אַן אָבגעשמיעסענער ארויסגעלאָפען אין דרויסען.

— איך וועל זיין דאָ, אויפ'ן הויף, ביז וואַנען זי וועט מיך רופען — האָט ער געטראַכט — איך וועל איהר לאָזען קומען צו זיך און זאָל זי טהאָן, ווי איהר הארץ וועט איהר הייסען...

דער הויז־וועכטער יערמאָלאַ, מיט דער באַלאַלאַיקע אין האַנד איז פאַרבײַגעגאַנגען, האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן און אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען... אין אַ מינוט אַרום איז ער ווידער פאַר־בײַגעגאַנגען און ווידער געדריקט מיט די אַקסלען.

— אַ שעהנע מעשה, אויף מיין וואָרט, זאָגט, אדרבה — האָט ער געמורמעלט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל — נור וואָס איז דאָ אהער געקומען אַ ווייבעל, סעמיאָן עראַסטיטש, די וועשין אַקסיניע, מיין איך. האָט זי, די בהמה, גענומען און אַוועקגעלעגט איהר קינד אין דרויסען, אויפ'ן באַלקאָן, און בעת זי איז ביי מיר געזעסען האָט עמעצער צוגענומען דאָס קינד... אָט איז דיר אַן עסק!...

— וואָס? וואָס זאָגסטו? — האָט מיט אַלע קרעפטען אַ געשריי געטהאָן מיגויעוו.

יערמאַלאַ, וועלכער האָט דעם פּריץ'ס כעס אויסגעטייטשט אויף זיין שטייגער, האָט זיך אַ קראַץ געטהאָן אין פּאַטילניצע און אַ זיפץ געטהאָן.

— ענטשולדיגט, סעמיאָן עראַסטיטש — האָט ער געזאָגט: — די צייט אַצינד איז אַ הייסע, אַ זומערדיגע... אָהן דעם קען מען נישט אויסקומען... אָהן אַ פרוי, הייסט עס...

און אַ קוק געטהאָן אויף דעם פּריץ'ס אויסגעפּוטשעטע, בייזע, פערוואונדערטע אויגען, האָט ער שולדיג און פאַרשעהמט אַ הוסט גע־טהאָן און ווייטער גערעדט:

— אמת טאַקע, אַ זינד איז עס, אָבער וואָס קען מען טהאָן?... איהר האָט בעפוילען, מען זאָל נישט אריינלאָזען קיין פרעמדע ווײַ־בער אין הויף אריין, דאָס איז טאַקע ריכטיג, אָבער וואו זאָל מען נעהמען אייגענע?... פריהער, ווען דאָ האָט געוואוינט אַגניושקאַ, האָב איך קיין פרעמדע ניט אריינגעלאָזען, ווייל ס'איז געווען אַן אייגענע און איצטערט־אָ פאַרשטעהט איהר דאָך אודאי אליין... אָהן פרעמדע קען מען נישט אויסקומען... אָט, ווען אַגניושקע איז דאָ געווען, איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש, דאַן איז טאַקע אַלץ געווען אין אָרדנונג, ווי עס בעדאַרף צו זיין, דערפאַר ווייל אַן אייגענע...

— אַ־אַוועק, דו ניעדערטרעכטיגער! — האָט אויף איהם אַ געשריי געטהאָן מיגויעוו, האָט גענומען טופּען מיט די פיס און איז אַוועק צוריק אין הויז.

אננא פיליפּאָוונא, א פּערוואונדערטע, א צורייצטע, איז געזעסען אויף איהר פריהערדיגען אָרט און האָט ניט אראָבגענומען די פּאַר־וויינטע אויגען פונ'ם עופּה'לע...

— נו, נו... — האָט גענומען שטאַמלען דער בלייכער מיגוייעוו, קרימענדיג זיין מויל אין אַ שמייכעל — איך האָב געמאַכט שפּאַס... דאָס איז ניט מיינער... דער וועשין אַקסיניע'ס, איז דאָס... איך... איך האָב געשפּאַסט... טראָג איהם אריין צום הויז־וועכטער...



אַן עלענדע בעשעפעניש.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט בייגאַכט געהאַט אַ שטאַר־קען אַנפאַל פון פּאָדאַגרע און די נערוועז האָבען דערנאָך ביי איהם געסקריפּעט פאַר וועהטאָג, איז קיסטונאוו פונדעסטוועגען אוועק אין דער־פריה צו זיין דיענסט און האָט זיך, ווי אַלע טאָג, געשטעלט צו־נעהמען די בעזוכער און קליענטען פון באַנק. אויסגעזעהן האָט ער מיעד, פערמוטשעט, האָט קוים־קוים גערעדט און געאָטהעמט שוואַך, ווי אַ גוסס'ער.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — האָט ער זיך געווענדעט צו אַ בעזוכערין אין אַ אַלט־מאָדישער זשופּיצע, וואָס האָט פון הינטען אויסגעזעהן, ווי אַ מיסט־זשוק.

— די מעשה איז אַזאַ, אייער עקסעלענץ! — האָט גענומען רעדען אויף גיך די פרוי — מיין מאַן, דער אַסעסאָר שצוקין, האָט אָבגעקרענקט פינף מאָנאַטען, און בעת ער איז, זייט מיר מוחל, גע־לעגען אין דערהיים און זיך געהיילט, האָט מען איהם אָן אַ פאַרוואָס ענטזאָגט פונ'ם פּלאַץ. און ווען איך בין אוועק נאָך זיין געהאַלט, האָבען זיי, אייער עקסעלענץ, אַראָבגערעכענעט פון זיין געהאַלט 24 רובעל מיט 36 קאָפּיקעס! שטייטש, פאַרוואָס? פרעג איך. — ענטפערן זיי — „ער האָט גענומען פון דער חברים שפּאַר־קאַסע און אַנדערע בעאַמטע האָבען פאַר איהם ערוב געווען". ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין? שוין־זשע האָט ער געקענט נעהמען געלד אָהן מיין ערלויבנים? דאָס איז אונמעגליך, אייער עקסעלענץ. וואָס הייסט, ער וועט נעהמען? איך בין אַן אָרימע פרוי, איך לעב נור פון די קוואַרטיראַנטען... איך בין אַ שוואַכע, אַן עלענדע... פון אַלעמען לייד איך, וועך בעליידינט און הער פון קיינעם קיין מאָל קיין גוט וואָרט נישט...

די פרוי האט גענומען פינטלען מיט די אויגען און זיך גראבלען אין דער זשופיצע, זוכענדיג א טיכעל.

קיסטונאוו האט ביי איהר גענומען די ביט־שריפט און אנגעהויבען לעזען.

— ערלויבט נור, וואס טהוט זיך דא? — האט ער א דריק געטהאן מיט די אקסלען — איך הויב ניט אן צו פערשטעהן. ווי עס שיינט, האט איהר, מאדאם, זיך געווענדעט ניט אין ריכטיגען פלאץ. אייער בקשה האט מיט אונז גארנישט צו טהאן. איהר זייט זיך מטריח און ווענדעט זיך אין דעם פלאץ, וואו אייער מאן האט געדיענט.

— אוי, אוי, טאטעלאך מיינע, איך בין שוין אין פינף פלעצער געוועו און אין ערגעץ האט מען אפילו מיין בקשה ניט צוגענומען! — האט געזאגט די פרוי שצוקין — איך האב שוין דעם קאפ פערלארען, נור א דאנק מיין איידעם בארים מאטוועיאיטש'ן, גאט זאל איהם געזונד שענקען, דאס האט ער דאס מיר איינגעגעבען שכל, איך זאל זיך ווענדען צו אייך. „איהר, זאגט ער, מאמע, ווענדעט זיך צו דעם הערר קיסטונאוו: ער איז א מאן מיט איינפלוס, זאגט ער, און קען פאר אייך אלעס טהאן"... איך בעט אייך, עקסעלענץ, העלפט מיר!...

— מיר קענען פאר אייך גאר נישט טהאן, פרוי שצוקין... פארשטעהט דאך: אייער מאן, ווי איך זעה, האט געדיענט אין דעם מעדיציניש־מיליטערישען דעפארטמענט, און אונזער אבטהיילונג איז א גאנץ פריוואטע, וואס האט צו טהאן נור מיט געשעפט, ביי אונז איז א באנק. דאס איז דאכט זיך, איינפאך גענוג!

קיסטונאוו האט נאך אמאל א דריק געטהאן מיט די אקסלען און זיך א קעהר געטהאן צו א הערר וואס איז אנגעטהאן געוועז אין א מיליטערישער פארמע.

— אייער עקסעלענץ — האט מיט א רחמנות'דיגען קול גענומען ריידען די פרוי שצוקין — אז מיין מאן איז געוועז קראנק, קען איך בעווייזען שווארץ אויף ווייס. איך האב ביי זיך א צייגניס פון דאקטאר! אט איז זי, זייט אזוי גוט, טהוט א קוק!

— זעהר שעהן, איך גלויב אייך — האט געזאגט קיסטונאוו אויפגערעגט: אבער, איך זאג אייך נאך אמאל, מיט אונז האט עס גארנישט צו טהאן. די זאך איז אי מאדנע, אי קאמיש. שוין זשע ווייס נישט אייער מאן, וואהין איהר דארפט זיך ווענדען?

— ער, אייער עקסעלענץ, וויים ביי מיר נישט פון זיין קאָפּ צו זאָגען. ער האָט נור איין טענה: „ניט דיין עסק! טראָג זיך אָפּ פון דאנען!" דאָס איז אלעס, וואָס מען הערט פון איהם... היינט, וועמעס דען עסק איז דאָס, איך פרעג ביי אייך? אויף מיין קארק זיצט ער דאָך! ניט אויף קיין אנדערענס!

קיסטונאָוו האָט זיך ווידער אומגעקעהרט צו דער פרוי שצוקין און איהר גענומען ערקלעהרען דעם אונטערשיעד פון א מעדיצינישמיליטערישען דעפארטמענט און א פריוואט באנק. יענע האָט אויפמערקזאם אויסגעהערט, האָט א מאך געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אז זי פערשטעהט, איז איינפערשטאנדען און האָט געזאָגט:

— יא, אמת, אמת... איך פערשטעה, טאטעלע מיינער. אויף אזא אופ'ן, אייער עקסעלענץ, הייסט מיר ארויסגעבען כאָטש 15 רובעל! איך בין צופריעדען צו קריגען ניט אלעס אויף איין מאָל.

— אוי־וַיִ! — האָט שווער אָבגעזיפצט קיסטונאָוו און פערוואָרפען דעם קאָפּ אהינטער:—מען קען אייך ניט אריינקלאַפּען אין מח! פארשטעהט דאָך, אז זיך צו ווענדען צו אונז מיט אזא בקשה איז פונקט אזוי נאריש, ווי צו צו קומען נאָך א גט אין אן אפטהעק אָדער אין אן אנדער קראָם. אמת טאקע, אייך האָט מען נישט דערצאָהלט, אָבער וואָס זיינען מיר שולדיג?...

אייער עקסעלענץ, לאָזט מיר פאר אייך אייביג גאָט בעטען, האָט רחמנות אויף א יתומה — האָט גענומען וויינען פרוי שצוקין — איך בין אן עלענדע פרוי, א שוואכע, א שוצלאָזע... איך בין שוין פערמאטערט אויף טויט... אי מיט די קוואַרטיראנטען משפט זיך, אי פאר דעם מאן זאָרג, אי די בעל הבית'ישקייט פיהר, און דאָ איז נאָך איצט די צייט, ווען איך פאסט און דער איידים איז אויך אָהן א שטעלע... איין גליק נאָך, וואָס איך עס און טרינק, אז ניט קען איך שוין קוים שטעהן אויף מיינע פיס... א גאנצע נאכט האָב איך ניט געשלאָפען...

קיסטונאָוו האָט דערפיהלט, אז ער קריעגט הארץ־קלאַפּען. מיט א פערליעטענעם פנים, דריקענדיג די האנד צו דער ברוסט, האָט ער ווידער גענומען ערקלעהרען דער מאדאם שצוקין איהר טעות, אָבער זיין קול האָט זיך איבערגעריסען...

— ניין, ענטשולדיגט, איך קען מיט אייך נישט ריידען — האָט ער געזאָגט און א מאַך געטהאָן מיט א האנד: — אין קאָפּ האָט מיר אַזש אָנגעהויבען צו דרעהען. איהר שטערט אונז גור און פערליערט אומזיסט אייער צייט. או־ר־ף!... אַלעקסעי ניקאָלאַיטש — האָט ער זיך געווענדעט צו איינעם פון די בעאַמטע — ערקלעהרט איהר, איך בעט אייך, דער פרוי שצוקין!...

קיסטונאָוו האָט אויפגענומען אַלע איבעריגע בעזוכער, און פאַר־טיג געוואָרען מיט זיי. איז ער אוועק צו זיך אין קאַבינעט און דאָרט אונטערגעשריעבען ארום א צעהנדליג פּאַפּיערען, און אַלעקסעי ניקאָ־לאַאיטש האָט נאָך אַלץ געהאַט צו טהאָן מיט דער פרוי שצוקין, און נים געקענט פון איהר פּטור ווערען.

זיצענדיג ביי זיך אין קאַבינעט, האָט קיסטונאָוו נאָך א לאַנגע צייט געהערט צוויי שטימען: דעם איין טאָניגען, איינגעהאַלטענעם באַס פון אַלעקסעי ניקאָלאַיטש'ן און דעם וויינעדיגען, קוויטשענדיגען קול פון פרוי שצוקין...

— איך בין א פרוי, אַן עלענדע, א שוואַכע, איך בין א אויס־געקרענקטע פרוי — האָט זי גערעדט — אויסזעהן, קען זיין, זעה איך אויס שטאַרק, געזונד, אָבער ווען מען זאָל מיך גוט ארומקוקען, וועט מען אין מיר קיין גאַנץ אָדער'ל אפילו נישט געפינען. קוים וואָס איך שטעה אויף מיינע פיס און דעם אַפּעטיט האָב איך אויך פערלאָ־רען... קאַפע האָב איך היינט גור געטרונקען און האָב דערפון אויך קיין שום הנאה נישט געהאַט.

און אַלעקסעי ניקאָלאַיטש האָט איהר ערקלעהרט דעם אונטער־שיעד צווישען די פערשיידענע דעפּאַרטאַמענטען און די סיסטעמע, ווי אַזוי צו שיקען פּאַפּיערען און בקשות, אַז זיי זאָלען אָנקומען אין די געווינשטע הענד. באַלד אָבער אי ער מיעד געוואָרען און זיין אָרט האָט פערנומען דער בוכהאַלטער.

— ס'אַרא העסליכע באַשעפעניש די דאָזיגע פרוי איז דאָס! — האָט זיך געבייזערט קיסטונאָוו, ברעכענדיג נערוועז די פינגער און געהענדיג אַלע ווייַלע צום גראַפין מיט קאַלטע וואַסער. דאָס איז עפּעס א אידיאָטקע, א פערשטאָפּטער קאָפּ! זי האָט מיך פאַרמאַטערט און וועט זיי דערגעהן די יאָהרען, די אָנשיקעניש, אוף... עס קלאַפּט אין הארצען!

אין א האלב שעה ארום האט ער אנגעקלונגען. עס איז אריין אלעקסעי ניקאלאאיטש.

— וואס הערט זיך דארט ביי אייך? — האט ער געפרעגט קיס־טונאוו׳ען מיט א שוואכען קול.

— מען קען איהר בשום אופן ניט אריינקלאפען אין קאפ, פיאָ־טער אלעקסאנדראָוויטש! מיר האבען זיך שוין אלע פערמאטערט. מיר זאגען איהר בוידעם און זי ענטפערט פאליצע...

— איך... איך קען ניט הערען איהר קול... בין טויט קראנק... איך׳ל דאס ניט אריבערטראגען...

— מען דארף רופען דעם שווייצאר, פיאטער אלעקסאנדראוויטש, זאל ער זיך ארויספיהרען.

— ניין, ניין! — האט זיך קיסטונאוו דערשראקען — זי וועט מאכען קולות, און אין דיעזען הויז זיינען דא א סך וואהנונגען, מען וועט וועגען אונז דענקען גאט ווייסט וואס... איהר בעסער, טהייע־רינקער, זעהט עפעס אזוי ווי עס איז איהר צו ערקלעהרען...

אין א מינוט ארום האט זיך ווידער דערהערט אלעקסעי ניקאָ־לאאיטשעם קול.

עס איז איז אוועק א פערטעל שעה און אנשטאט זיין באס האט גענומען זשוזשען דער שטארקער טענאר פון בוכהאלטער.

— ס׳ארא ניעדערטרעכטיגע באשעפענים! — האט זיך געקאכט קיסטונאוו, אויפציטערענדיג נערוועז מיט די אקסלען: — נאריש, ווי א גלאָמפּ, דער טייפעל זאל זי נעהמען. מיר דאכט זיך, אז די פאָ־דאגרע צושפיעלט זיך ביי מיר אויפ׳ס ניי... איך קריעג ווידער מיג־רען...

אינ׳ם צווייטער צימער האט אלעקסעי ניקאלאאיטש פערלארען אי די כוחות אי די גערולד, און האט אויפ׳ן סוף גענומען קלאפען מיט א פינגער אן טיש, און דערנאך זיך איבער׳ן שטערן.

— מיט אייןווארט, ביי אייך אויף די פלייצעס איז נישטא קיין קאפ — האט ער געזאגט: — נור עפעס, עפעס...

— נו, נישקשה, נישקשה... — האט זיך בעליידיגט די אלטע — קלאפ דארט דיין ווייב... טראנטע דו איינע! די הענד האלט בעסער איין!

און קוקענדיג אויף איהר מיט כעס, מיט וואוט, אזוי ווי ער

וואָלט זי וועלען איינשלינגען, האָט סערגעי ניקאָלאַיטש ארויסגעשיפּעט מיט א שטילען, פארשטיקטען קול:

— ארויס פון דאַנען!

— וואַ־אָס? — האָט א קוויטש געטהאָן פרוי שצוקין — ווי וואגט איהר? איך בין א פרוי א שוואכע, אן עלענדע, א שוצלאָזע, אָבער איך וועל ניט ערלויבען! מיין מאַן איז אן אסעסאָר! טראַנטע, וואָס דו ביזט! איך וועל אריבערגעהן צום אדוואָקאט דמיטרי קאַרליטש, וועט פון דיר קיין שריד ופליט ניט בלייבען! דריי קווארטיראַנטען האָב איך אריינגעזעצט אין חדר, און דו, פאַר דיינע פרעכע רייד, וועסטו נאָך זיך וואלגערען ביי מיר צו די פיס! איך וועל געהן צו אייער גע־נעראל! אייער עקסעלענץ! אייער עקסעלענץ!

— ארויס פון דאַנען, ארויס מגפה! — האָט אויסגעשיפּעט אלעקסעי ניקאָלאַיטש.

קיסטונאָוו האָט געעפענט די טהיר און ארויסגעקוקט אין עמפּ־פאנגס־צימער.

— וואָס טהוט זיך דאָ? — האָט ער געפרובט מיט א וויינענדיגען קול.

אין מיטען צימער איז געשטאַנען די פרוי שצוקין א רויטע, ווי א ראַק, און גלאָצענדיג מיט די אויגען, האָט זי געמאַכט אין לופטען מיט די פינגער, אזוי ווי סטראַשענדיג עמיצען. די אָנגעשטעלטע פון באַנק זיינען געשטאַנען ביי די זייטען, און אויך רויטע, פערמאַטערטע האָבען זיי צומישט געקוקט איינער אויפ׳ן אַנדער׳ן.

— אייער עקסעלענץ! — האָט זיך די פרוי, א וואָרף געטהאָן צו קיסטונאָוו׳ן — אָט דיעזער אָ, אָט דער דאָזיגער... אָט דער... (זי האָט אָנגעוויזען אויף אלעקסעי ניקאָלאַיטש׳ן) האָט זיך א קלאַפּ געטהאָן מיט א פינגער איבער׳ן שטערן, און דערנאָך איבער׳ן טיש... איהר האָט איהם געהייסען איבערגעקוקען מיין בקשה, מאַכען מיט מיר עפּעס א טאָלק און ער לאַכט זיך גאָר אויס! איך בין א שוואַ־כע פרוי, א עלענדע, א שוצלאָזע... מיין מאַן איז אן אסעסאָר און איך אליין בין נישט קיין אבי ווער, מיין טאַטע איז געוועזן א מאַ־יאָר!

— גוט, מאַדאַם — האָט ארויסגעקרעכצט קיסטונאָוו: איך וועל

שוין נאָכזעהן... איך וועל זיך פאר אייך סטארען... איצט געהט... שפּעטער, אַן אנדער מאָל!...

— און ווען, אייער עקסעלענץ, וועל איך בעקומען מיין געלד? איך דארף עס היינט נויטיג האָבען.

מיט אַ ציטערענדיגער האנד האָט קיסטונאָוו זיך אַ פּיהר געטהאָן איבער'ן שטערן, האָט אַ זיפץ געטהאָן און ווידער גענומען איהר ער־קלעהרען.

— מאַדאַם, איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט. דאָ איז אַ באַנק, אַ פּריוואַטער געשעפט... וואָס ווילט איהר פון אונז האָבען? און פאַר־שטעהט דאָך איין מאָל פאר אלע מאָל, אז איהר שטערט אונז, איהר לאָזט אונז ניט ארבייטען.

די פרוי שצוקין האָט אויסגעהערט און אַ זיפץ געטהאָן.

— יאָ, יאָ... האָט זי צוגעגעבען — אָבער איהר, עקסעלענץ, טהוט אַ טובה, לאָזט מיר אייביג פאר אייך גאָט בעטען, זייט אַ טאַטע, אַ געטרייער, נעהמט זיך אָן פאר מיר. אויב אייך איז נישט גענוג דעם דאָקטאָר'ס צייגניס, קען איך אייך נאָך צושטעלען אנדערע בעווייזע פון מיין קווארטאל... הייסט מיר ארויסגעבען דאָס געלד!

קיסטונאָוו'ן האָט גענומען שווינדלען פאר די אויגען. ער האָט שווער, שווער אָבגעאָטהעמט און איז אָהן קרעפטען געפאַלען אויף אַ שטול.

— וויפיעל געלד ווילט איהר קריגען? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שוואך קול.

— 24 רובעל מיט 36 קאָפּיקעס.

קיסטונאָוו האָט ארויסגענומען פון קעשענע זיין טייסטער, האָט פון דאָרט ארויסגעשלעפּט אַ פינף־און־צוואַנציגער און עס דערלאַנגט דער פרוי שצוקין.

— נעהמט און... און געהט אוועק!

פרוי שצוקין האָט איינגעוויקעלט דאָס געלד אין אַ טיכעלע, עס בעהאַלטען, און פארקרימט איהר פּנים אין אַ זיס, ערדעל, זאַגאר קאָ־קעטיש שמייכעלע, האָט זי געפרעגט:

—אייער עקסעלענץ, קען אפשר מיין מאַן אָנקומען צוריק אויף זיין פּלאַץ?

— איך'ל אוועקפאָהרען... בין קראַנק... — האָט געזאָגט קיס־

טונאָוו מיט אַ שוואַכער שטימע — איך האָב אַ שרעקליכען האַרץ־קלאַפּען.

אַז ער איז אַוועקגעפאָהרען, האָט אַלעקסעי ניקאָלאַיטש געשיקט ניקיטאַ'ן אין אַפּטהעק נאָך האָפמאַנס טראָפּענס, און אַלע אָנגעשטעלטע האָבען איינגענומען צו צוואַנציג טראָפּען דערנאָך ערשט האָבען זיי זיך ווידער געזעצט צו דער אַרבייט.

און די פרוי שצוקין איז נאָך גוטע צוויי שעה דערנאָך געזעסען אין קאָרידאָר און גערעדט מיט'ן שווייצאַר, וואַרטענדיג אויף קיסטאָר־נאָוו'ס צוריק קומען.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז זי ווידער געקומען.

א טהייערער הונד.

דער לייטענאַנט דובאָוו, וועלכער האָט שוין אַ צייט לאַנג געדיענט אין דער אַרמיי, און דער פּרייוואָליגער קנאַפּס זיינען געזעסען און האָבען געטרונקען.

— אַ גרויסאַרטיגער הונד! — האָט געזאָגט דובאָוו, אָנווייזענדיג קנאַפּס'ען אויף זיין הונד מילקאַ'ן — אַ מערקווירדיגער הונד! איהר טהוט נור אַ קוק אויף דער מאָרדע! אַזאַ מאָרדע אַליין איז ווערטה אַ פערמעגען! ווען מען זאָל באַפּען דעם ריכטיגען מבין, דאַרף מען פאַר דער מאָרדע אַליין קריעגען צוויי הונדערט רובעל! איהר גלויבט נישט? אויב אַזוי פערשטעהט איהר גאָר נישט...

— איך פערשטעה, נור...

— דאָס איז דאָך אַ סעטער, אַן ענגלישער סעטער פון ריינעם בלוט! וואָס פאַר אַ מערקווירדיגע אויסגעהאַלטענקייט, הײנט זיין שמעקער! זיין הערען! איבערהויפּט זיין שמעקער! ווייסט איהר, וויפיעל איך האָב בעצאָהלט פאַר מילקאַ'ן, ווען ער איז געוועזען נאָך גאָר אַ יונג הינטעל? הונדערט רובעל! אַ וואונדערבאַרער הונד! אַ שורקע פון אַ הונד! נאַ־אַ־רי־שער מילקאַ! קום אַהער, אַהער קום... הינטיש ביין, הינטעלע מיינס...

דובאָוו האָט צוגעצויגען מילקאַ'ן צו זיך און זי אַ קוש געטהאָן צווישען די אויערען. אויף זיינע אויגען זיינען ארויס טרעהרען.

— קייענם וועל איך דיך נישט אוועקגעבען... פאַרשווין מיינע... רויבער דו. דו האָסט דאָך מיך ליעב, מילקאַ? האָסט ליעב?... נו, אַצינד ארויס! — האָט פּלוצים אַ געשריי געטהאָן דער לייטענאַנט — מיט אַזעלכע שמוציגע לאַפּעס קריעכסטו גלייך אויף מיין יוניפאָרם ארויף! יאָ, יאָ, קנאַפּ'ס, הונדערט און פופציג רובעל האָב איך בעצאָהלט פאַר'ן הינטעל! און, אַז איך האָב בעצאָהלט, איז מסתמא געווען פאַרוואָס! איין זאַך איז נור אַ שאָד: איך האָב קיין צייט נישט

צו געהן אויף געיעג! און דער הונד געהט נעבאך אומזיסט און אומ־ נישט פערלאָרען, זיין טאַלאַנט ווערט בעגראָבען... אט צוליעב דעם טאַקע פאַרקויף איך איהם. קויפט איהם, קנאַפּס! איהר וועט מיר אייער גאַנצען לעבען דאַנקבאַר זיין! נור טאָמער האָט איהר נישט גענוג געלד, דאַן וועל איך אייך טהאָן א טובה און וועל אייך אָבלאַ־ זען פאַר א העלפט... נעהמט איהם פאַר פופציג רובעל! נעהמט! ראַ־ בעוועט!

— ניין, מיין טהייערינקער — האָט א זיפץ געטהאָן קנאַפּס — וואָלט אייער מילקא געווען פון מאַנסבילשען מין, וואָלט איך זי דאַן אפשר געקויפט, אזוי אָבער...

— וואָס, מילקא איז נישט פון מאַנסבילשען מין? — האָט זיך פערוואונדערט דער לייטענאַנט — קנאַפּס, וואָס רעדט איהר? מילקא נישט פון מאַנסבילשען... מין?! כאַ־כאַ! טאָ וואָס דען איז עס נאָך אייער מיינונג? א צויג? כאַ כאַ... א נישקשה'דיגער אינגעל כ'לעבען! ער ווייס נאָך אפילו ניט דעם חילוק צווישען א הונד און א צויג!

— איהר רעדט צו מיר עפּעס אזוי ווי איך וואָלט געווען בלינד אָדער א קינד... — האָט זיך בעליידיגט קנאַפּס — אודאי איז עס א צויג!

— איהר וועט נאָך באַלד זאָגען, אז איך בין אויך א דאַמע! אך, קנאַפּס, קנאַפּס! און איהר האָט נאָך געענדיגט א טעכנישע שוהלע! ניין, נשמה מיינע, דאָס איז א אמת'ער הונד פון דעם ריינסטען בלוט! א הונד פון הונדען לאַנד און איהר... נישט פון מאַנסבילשען מין! כאַ־כאַ!...

— ענטשולדיגט, מיכאַאיל איוואַניטש, עפּעס איהר, ווייזט אויס, האַלט מיך פאַר א פּשוטען גולם... דאָס בעליידיגט מיך...

— נו, דאַרף מען נישט, קויפט נישט, זאָל אייך דער טייפעל נעה־ מען... אייך וועט מען שוין אין קאָפּ ניט אריינקלאַפּען! אָט וועט איהר באַלד זאָגען, אז ביי איהר איז ניט קיין עק נור א פּוס... דאַרף מען נישט, קויפט נישט. איך האָב דאָך נור געוואָלט אייך טהאָן א טובה. וואַכראַמעיעוו, קאָניאַק אהער!

דער בעדיענטער האָט דערלאַנגט נאָך קאָניאַק. די חברים האָבען זיך אָנגעגאָסען צו גלאָז און זיך פערטראַכט. א האַלב שעה איז אוועק אין שוויגען.

— און ווען אפילו א ציינעל... — האָט דער לייטענאַנט איבער־געריסען די שטילקייט, קוקענדיג פערדראָסיג אויף דער פלעשעל. — א מערקווירדיגע זאַך! פאר איך איז דאָך בעסער! וועט איך ברענגען קליינע הינטעלאַך, און וואָס מעהר א הינטעלע, איז נאָך א פינף־און־צוואַנציגער... יעדער איינער וועט מיט פערגעניגען זיי ביי איך קויפען. איך ווייס נישט פאר וואָס געפעלען איך אזוי הינד! די צויגלאַך זיינען טויזענד מאָל בעסער. דער ווייבערשער מין איז אי מעהר איבער־געגעבען, אי מעהר צוגעבונדען.... נו, און נאָך אַלעמען, אויב איהר האָט אזוי מורא פאר דעם ווייבערשען מין, דאן נעהמט עס פאר א פינף און צוואַנציגער.

— ניין, מיין טהייערינקער... איך'ל אפילו א קאָפיקע אויך נישט געבען... — האָט געזאָגט קנאַפּס — ערשטענס, דארף איך דעם הונד ניט האָבען, און, צווייטענס, האָב איך קיין געלד נישט.

— האָט איהר באַלד אזוי געדארפט זאָגען. מילקא ארויס פון דאַ־נען!

דער בעדיענטער האָט דערלאַנגט א פאַן־קוכען. די חברים האָבען זיך צו דעם א נעהם געטהאָן און האָבען שווייגענדיג אויסגעלעדיגט די סקאָוואָראָדע.

— איהר זייט א וואוילער יונג, קנאַפּס, אן עהרליכער... — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט, אָבווישענדיג די ליפּען: — ס'איז מיר א שאָד אייך אָבצולאָזען אזוי... מיט גאָרנישט... נעהמט עס דער טייפעל... ווייסט איהר וואָס? נעהמט דעם הונד אומזיסט!

— וואָהין, טהייערינקער, זאָל איך זי נעהמען? — האָט געזאָגט קנאַפּס און א זיפץ געטהאָן — ווער וועט זיך דאָרט ביי מיר מיט איהר אָבגעבען?

— נו, איז נישט, דארף מען נישט... נעהמט אייך דער טייפעל, איהר ווילט נישט, איז נישט... אָבער וואָס איילט איהר? זיצט!

קנאַפּס האָט זיך גענומען ציהען, איז אויפגעשטאַנען און גענומען זיין היטעל.

— עס איז צייט, גוט נאַכט... — האָט ער געזאָגט און א גענעץ געטהאָן.

— טאָ וואַרט א ווייל, איך וועל אייך בעגלייטען.

דובאָוו און קנאָפּס האָבען זיך אָנגעטהאָן און זיינען ארויס אין גאַס. די ערשטע הונדערט טריט זיינען זיי געגאַנגען שווייגענדיג.

— ווייסט איהר נישט פון עמעצען וועמען מען זאָל קענען אָבגעבען דעם הונד? — האָט אָנגעהויבען דער לייטענאַנט — אפשר האָט איהר עפּעס אַזעלכע בעקאַנטע? דער הונד, איהר האָט דאָך געזעהן, איז אַ גוטער, פון אַ טהייערער פּאָראָדע, אָבער... איך האָב מיט איהם נישט וואָס צו טהאָן, איך דאַרף איהם ניט.

— ניין, מיין ליעבער, איך קען קיינעם נישט... איך האָב דאָ איבערהויפּט קיין בעקאַנטע נישט.

ביז צו קנאָפּ'ס וואָהנונג האָבען די חברים ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. נור בעת קנאָפּס האָט אַ דריק געטהאָן דעם לייטענאַנט די האַנד און האָט געעפענט זיין טהיר, האָט דובאָוו אַ הוסט געטהאָן און ניט דרייסט ארויסגערעדט:

— איהר ווייסט נישט, די היגע שינדער נעהמען אָן הינט צו ניין?

— מסתמא נעהמען זיי אָן... אויף זיכער קען איך אייך נישט זאָגען.

— מאָרגען שיק איך זי אוועק מיט וואַכראַמעיעוו'ן... נעהמט זי דער טייפעל, זאָלען זיי איהר אָפּשינדען די הויט... פערדאַמטע צויג! עקעלהאַפטע באַשעפעניש! נישט גענוג וואָס זי האָט אָנגעמאַכט שמוץ אין אַלע צימערען, האָט זי נאָך נעכטען אויפגעפרעסען דאָס גאַנצע פלייש אין קיך, אַזאַ ניעדערטרעכטיגע... וואָלט זי כאָטש געווען פון אַ רעכטער פּאָראָדע, אָבער זי איז דאָך עפּעס, דער טייפעל ווייס וואָס, אַ מין געמישאַכץ פון הויף־צויג מיט אַ חזיר. אַ גוטע נאַכט!

— גוט נאַכט! — האָט געזאָגט קנאָפּס.

די טהיר האָט זיך מיט אַ קלאַפּ צוגעמאַכט און דער לייטענאַנט איז געבליבען אַליין.

אוים די שריפטען פון א אויפגערעגטען מענשען.

איך בין בטבע אַן ערנסטער מענש, און מיין מוח האַט א פילאָזאָפישע ריכטונג. לויט מיין פּראָפעסיאָן בין איך א פינאַנסיסט, איך שטודיר דאָס פינאַנסען־רעכט און שרייב א דיסערטאַציאָן אונטער'ן נאָמען: „די פערגאַנגענהייט און צוקונפט פון דער טאַקסע אויף הינט" וועט איהר דאָך צוגעבען, אַז אַזעלכע נארישקייטען, ווי מיידלאָך, ראָמאַנסען, לבנה און אַזוי ווייטער ליגען מיר אפילו ניט אין דער פּיאַטע.

אין דער פריה. דער זייגער איז צעהן. מיין מאַמאַ גיעסט אָן פאַר מיר א גלאָז קאַפע. איך טרינק אויס און געה מיר ארויס אויפ'ן קליינעם באַלקאָן, אום זיך גלייך צו נעהמען פאַר דיסערטאַציאָן. איך נעהם א ריינעם בויגען פּאַפּיר, טונק איין די פעדער אין טינט און שרייב אָן דאָס קעפּעל: „די פערגאַנגענהייט און צוקונפט פון דער טאַקסע אויף הינט". א טראַכט געטהאָן א ווײלע, שרייב איך ווייטער: „א היסטאָרישער איבערבליק. לויט די אָנדייטונגען, וואָס מיר געפינען ביי הערא־דאָט'ן און קסענאָפאָנט'ן, האָט די טאַקסע אויף הינט איהר אָנפאַנג נאָך..."

אָבער דאָ דערהער איך זעהר פערדעכטיגע טריט. איך טהו א קוק פון באַלקאָן ארונטער און זעה א מיידעל מיט א לאַנגען פּנים און א לאַנגער טאַליע. איהר נאָמען איז, דאַכט זיך, נאַדענקע, אָדער וואַרינקאַ, וואָס דאָס אגב, איז לגמראי ניט וויכטיג. זי זוכט עפּעס, מאַכט זיך, אַז זי בעמערקט מיך ניט, און זינגט זיך אונטער:

„געדענקסטו יענעם ניגון, פול חיות..."

איך לעז איבער, וואָס איך האָב אָנגעשריעבען, וויל שרייבען ווייטער, נור דאָ מאַכט דאָס מיידעל א מינעלע, אַז זי האָט מיך בעמערקט, און רופט זיך אָן מיט א טרויעריגען קול:

— גוט מאָרגען, ניקאָלאַי אַנדרעאיטש! שטעלט זיך פאָר מיין אונגליק! געכטען אויפ'ן שפּאַציר האָב איך פערלאָרען די באָמבעלקע פון בראַסלעט.

איך לעז איבער נאָך אַמאָל דעם אָנפאַנג פון מיין דיסערטאַציאָן, פערריכט דעם שפּיץ ביי איינעם פון די בוכשטאַבען און וויל ארבייטען ווייטער, אָבער דאָס מיידעל וויל גאָר גיט אויפהערען.

— ניקאָלאַי אַלעקסעיאיטש—מאַכט זי—זייט אַזוי פריינדליך, בעגלייט מיך אהיים. איך האָב מורא צו געהן אליין אהיים, ביי די קאַרעלינס איז אַזאַ גרויסער הונד.

וואָס זאָל מען טהאָן? לייג איך אַוועק די פעדער און געה ארונטער פונ'ם באַלקאָן. נאַדענקא, אָדער וואַרינקא, ווי זי הייסט דאָרט, נעהמט מיך אונטער'ן אָרעם און מיר לאָזען זיך געהן צו איהר זומער-וואָוי-נונג.

יעדעס מאָל, ווען מיר איז בעשערט צו געהן געאָרעמט מיט אַ דאַמע צו מיט אַ מיידעל, פיהל איך עפּעס, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ העקעל, אויף וועלכען מען האָט אויפגעהאָנגען אַ גרויסען פּוטער; נאַדענקא אָבער, צו וואַרענקא, ווי זי הייסט דאָרט, איז אַ נאַטור, צווישען אונז גור זאָל דאָס בלייבען, אַ ליידענשאַפטליכע (איהר זיידע איז געווען אַן ארמענער), און זי האָט אַ בעזונדערע פעהיגקייט אָנצו-הענגען זיך אויף אייער אָרעם מיט דער גאַנצער משא פון איהר קערפּער און צודריקען זיך צו אייער זייט, ווי אַ פּיאַווקע, ממש.

און אַזוי געהען מיר... פערבייגעגאַנגען די קאַרעלינס, דערזעה איך אַ גרויסען הונד, וועלכער דערמאָנט אָן דער טאַקסע אויף הינט. מיט בענקעניש טהו איך אַ טראַכט וועגען מיין ארבייט און זיפץ.

— וואָס זיפצט איהר? פרעגט נאַדענקא, צו וואַרענקא, און לאָזט אליין ארויס אַ טיעפען זיפץ.

איך דארף אייך באַמערקען, אַז נאַדענקא, צו וואַרענקא (איצט דערמאָן איך זיך: מען רופט זי גאָר, דאַכט זיך, מאַשענקא), קורץ, אַז די זעלבע האָט זיך אין קאָפּ אריינגענומען, אַז איך בין פערליעבט אין איהר און האָט דערפאַר געהאַלטען אַלס אַ הייליג פפליכט צו קוקען אויף מיר מיט רחמנות און היילען מיין פערוואונדעטע הארץ מיט ווערטער.

— הערט אויס — מאַכט זי, און שטעלט זיך אָפּ: — איך ווייס, וואָרום איהר זיפצט. איהר זייט פערליעבט יאָ! אָבער איך בעט אייך

אין'ם נאָמען פון אונזער פריינדשאַפט, גלויבט מיר, דאָס מיידעל, וואָס איהר האָט ליעב, רעספּעקטירט אייך זעהר און זעהר! פאַר אייער ליעבע אָבער קען זי ניט צאָהלען מיט ליעבע. איז עס דען איהר שולד, וואָס איהר האָרץ געהערט שוין לאַנג אַנאַנדערן?

מאַשענקאַ'ס נאָז ווערט רויט און אויפגעלאָפען, איהרע אויגען פערלויפען מיט טרערען, הפּנים, זי וואַרט, איך זאָל איהר ענטפערען, אָבער, צום גליק, זיינען מיר שוין נעבען איהר וואוינונג...

אויפ'ן גאַניק זיצט מאַשינקאַ'ס מאַמע, א גוטהערציגע פרוי, נור מיט פאַראורטהיילע; דערזעהן דעם אויפגערעגטען פּנים פון איהר טאָכטער, שטעלט זי אָן אויף מיר א לאַנגען, לאַנגען בליק און טהוט א זיפץ, אזוי ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: „אַך, יונגוואַרג, אפילו בע־האַלטען ווי געהעריג קענט איהר ניט!"

אויסער איהר זיצען אויפ'ן גאַניק נאָך עטליכע מוידען פון פער־שיעדענע קאָלירען און צווישען זיי מיין שכן, וואָס וואוינט אין דער זעלבער זומער וואוינונג וואו איך און אן אויסגעדינטער אָפיציר וועלכער האָט אויף דער לעצטער מלחמה געקראָגען איין וואונד אין דעם לינקען שלייף און א צווייטע אין דער רעכטער זייט.

דיעזער אונגליקליכער האָט אויך בדעה געהאַט אָפּצוגעבען זיך דעם זומער צו ליטעראַרישער אַרבייט, ווי איך. ער שרייבט „די מעמוא־רען פון א מיליטער־מאַן". אזוי ווי איך, נעהמט ער זיך יעדען אין דער־פריה פאַר זיין בכבודיגע אַרבייט, אָבער ער האָט קוים צייט אָנצו־שרייבען: „איך בין געבאָרען אין..."; ווי פון אונטער'ן באַלקאָן שפּרינגט ארויס א וועלכע ניט איז וואַרנקאַ, צו מאַשענקאַ, און א סוף צו זיין אַרבייט!

אַלע, וואָס זיצען אויפ'ן גאַניק, רייניגען יאַגאָדעס פאַר איינגע־מאַכץ. איך פערנויג זיך און וויל אוועקגעהן, אָבער די מוידען פון פערשיעדענע קאָלירען כאַפּען צו מיט א קוויטשעריי מיין הוט און פאָ־דערען, איך זאָל בלייבען. איך זעץ זיך. מען דערלאַנגט מיר א טעלער מיט יאַגאָדעס און א שפּילקע. איך הויב אָן רייניגען.

די מוידען פון פערשיעדענע קאָלירען שמועסען וועגען מאַן, מענער. יענער איז א וואוילינקער. דער און דער איז שעהן, אָבער ניט סימפּאַ־טיש, דער דריטער איז ניט שעהן, אָבער סימפּאַטיש, דער פערטער

וואָלט געוועזן ניט מיאוס, ווען ער וואָלט ניט געהאַט אַזאַ נאָז ווי אַ פינגערהוט און אַזוי ווייטער.

— און איהר, מאַנסיאַר ניקאָלאַס — ווענדעט זיך צו מיר וואַרענקאַ'ס מאַמאַ — איהר זייט ניט שעהן, אָבער סימפּאַטיש... אין אייער געזיכט איז עטוואָס דאָ אַזוינס... איבריגענס — טהוט זי אַ זיפץ — ביי אַ מאַנספּערזאָן איז ניט שעהנהייט די הויפּטזאַך, נור שכל...

די מוידען זיפצען און לאָזען אַרונטער די אויגען... זיי זיינען אויך מסכים, אַז ביי אַ מאַן איז ניט שעהנהייט די הויפּטזאַך, נור שכל. איך טהו פער'גנב'עט אַ בליק אויף זיך אין'ם שפּיעגעל, אום זיך צו איבערצייגען, ווי וויט סימפּאַטיש איך בין. איך זעה אַ קאָלטענוואַטען קאָפּ האָאָר, אַ קאָלטענוואַטע באָרד, וואָנצעס, ברעמען, האָאָר אויף די באַקען, האָאָר אונטער די אויגען — אַ גאַנצער וואַלד, פון וועלכען, ווי אַ טהורם, שטעקט אַרויס מיין בעל הבית'שע נאָז. ניטאָ וואָס צו ריידען, אַ פאַרשוין פון פאַרשוינען־לאַנד בין איך!

— אגב, ניקאָלאַס איהר וועט געפעהלען מיט אייערע גייסטיגע אייגענשאַפטען — זיפצט נאַרענקאַ'ס מוטער. אַזוי ווי זי וואָלט אונטערשטיצט איהרען אַ געהיימען געדאַנק.

און נאַרענקאַ ליידעט פאַר מיר, אָבער אין דער זעלבער צייט זעהט מען בעשיינפּערליך, אַז דער געדאַנק, וואָס אַנטקעגען זיצט אַ מענש, וועלכער איז פערליעבט אין איהר, פערשאַפט איהר פיעל פערגעניגען.

פאַרטיג געוואָרען מיט די מענער, פערפיהרען די מוידען אַ שמועס וועגען ליעבע. נאָך אַ לאַנגען שמועס וועגען ליעבע, הויבט זיך אויף איינע פון די מוידען און געהט אַוועק. די אַנדערע, וואָס פערבלייבען, טהוען זיך דאַן אַ נעהם צו דער, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען, און וואַשען זי איבער ביינדעלאַך־ווייז. זיי אַלע זיינען מסכים, אַז זי איז נאַריש, אונאויסשטעהליך, העסליך און אַז די לאָפּאַטקע איז ביי איהר ניט אויף אָן אָרט.

נור אָט, דאַנקען גאָט, די דיענסט אונזערע איז ענדליך געקומען. מיין מאַמע האָט זי געשיקט נאָך מיר, איך זאָל געהן עסען מיטאָג. איצט קען איך פערלאָזען די אונאַנגענעהמע געזעלשאַפט און געהן שרייבען מיין דיסערטאַציאָן.

איך הויב זיך אויף און פערנייג זיך. אָבער וואַרענקאַ'ס מוטער,

װארענקא אליין און די מוידען פון פערשיעדענע קאלירען רינגלען מיך ארום און זיי ערקלערען, אז איך האב קיין רעכט ניט אװעקצוגעהן, װײל נעכטען האב איך זיי געגעבען אן עהרענ־װארט, צו עסען מיטאג מיט זיי און דערנאך געהן מיט זיי אין װאלד אריין, קלייבען שװעמלאך. פערנװיג איך זיך פאר זיי און זעץ זיך...

אין מיין נשמה קאכט דארט און ברױזט דער האס, איך פיהל, אז נאך איין מינוט, און איך בין פאר זיך ניט ערב — עס װעט אויס־פלאצען, אויפרייסען, נור די ערדעלקייט מיינע און די מורא ניט צו זיין גראב, חלילה, צװינגט מיך צו פאלגען די דאמען, און איך פאלג.

מיר זעצען זיך עסען. דער אפיציער, ביי װעמען פון דער װאונד אין שלייף האבען זיך די קינבאקען ארונטערגערוקט, עסט מיט אזא מינע, אזוי װי ער װאלט געװען פערצוימט מיט א צוים אין מויל. איך קנעט צװישען די פינגער קייקעלאך פון ברויט, טראכט װעגען דער טאק־סע אויף הינט און אזוי װי איך קען מיין אויפגערעגטען כאראקטער, סטארע איך זיך צו שװייגען. נאדענקא קוקט אויף מיר מיט רחמנות. ברויט, צונג מיט ארבעס, געבראטענע הוהן און קאמפאט. קיין אפע־טיט איז ניטא, נור איך עס, מחמת איך װיל זיין אן ערדעלמאן. נאך מי־טאג, בעת איך שטעה אליין אויף׳ן גאניק און רויכער, געהט צו צו מיר מאשענקא׳ס מאמא, דריקט מיר די הענד און זאגט פערשטיקט:

— אבער איהר דארפט ניט זיין פערצװייפעלט, ניקאלאס... זי האט אזא הערצעלע... אזא הערצעלע!...

געהן מיר אװעק אין װאלד נאך שװעמלאך. װארענקא הענגט אויף מיין ארעם און קלעבט זיך צו צו מיין זייט. איך לייד שרעקליך, אבער איך דולדע.

נעהען מיר אריין אין װאלד.

— הערט אויס, מאנסיאר ניקאלאס — זיפצט נאדענקא — װארום זייט איהר אזוי טרויעריג? װארום שװייגט איהר?

א מאדנע מיידעל: װעגען װאס קען איך מיט איהר ריידען? װאס האבען מיר געמיינשאפטליכעס?

— נו, רעדט, זאגט װאס ניט־איז... — בעט זי זיך ביי מיר.

הויב איך אן צו טראכטען, װײל אויסקלערען עטװאס אזוינס, װאס איהר שכל זאל קענען בענעהמען. געטראכט א װיילע, זאג איך:

— דאָס אויסהאַקען פון װעלדער ברענגט גרויסען שאָדען רוס־לאַנד . . .

— ניקאָלאַס ! — זיפצט װארענקא, און איהר נאָז ווערט רויט : — ניקאָלאַס, איך זעה, איהר מיידעט אויס אָן אָפענעם געשפּרעך . . . ווי איהר וואָלט וועלען מיך בעשטראָפען מיט אייער שווייגען . . . אייער געפיהל קריגט ניט קיין אָפּקלאַנג און איהר ווילט ליידען שטום, אליין, פערבאָרגען . . . דאָס איז שרעקליך, ניקאָלאַס ! — שרייט זי אויס, טהוט מיך אַ כאַפּ אָן פיעבריש פאַר אַ האַנד און איך זעה, ווי איהר נאָז ווערט אויפגעלאָפען : — וואָס וואָלט איהר געזאָגט, ווען יענע מיי־דעל, וואָס איהר האָט ליעב, זאָל אייך פאָרשלאָגען אייביגע פריינד־שאַפט ?

איך שטאַמעל ארויס עפּעס, איך ווייס אליין ניט וואָס. איבער־הויפּט ווייס איך ניט, וואָס איהר צו זאָגען . . . גאָט מיינער, וואָס וויל זי פון מיין קאָפּ האָבען : ערשטענס, ליעב איך ניט קיין מיידעל, צוויי־טענס, וואָס דאַרף איך האָבען איהר אייביגע פריינדשאַפט ? וואָס טויג עס מיר ? און, דריטענס, איך בין זעהר אַן אויפגערעגטער מענש.

מאַשענקא, צו װארענקא, ווי זי הייסט דאָרט, פערדעקט דעם פּנים מיט די הענד און רעדט שטיל, ווי פאַר זיך :

— ער שווייגט . . . הפּנים, ער וויל ניט קיין אָפּפער פון מיר. איך קען דאָך ניט ליעבען איהם, ווען איך האָב נאָך אַלץ ליעב אַנאַנ־דערן ! דאָך . . . איך וועל איבערדענקען . . . גוט, איך וועל איבערדענ־קען . . . איך וועל פּרובען זיך אָנטאָן אַ כּוח, אפשר וועט מיר מעגליך זיין מיט'ן פּרייז פון מיין גליק צו ראַטעווען דיעזען מענשען פון די שרעקליכע ליידען !

איך פערשטעה גאָר ניט ! עפּעס אַ מין סתרי תורה.

מיר געהען ווייטער און קלייבען שוועמלאַך. די גאַנצע צייט שווייגען מיר. אויף נאַדענקא'ס פּנים איז אַן אויסדרוק פון זעלען־קאַמפּף. עס הערט זיך אַ בילען פון הינט. דורך די בוימער זעה איך דעם פערוואונ־דעטען אָפיציער. דער אונגליקליכער הינקט אויף רעכטס און לינקס : רעכטס איז ביי איהם אַ פערוואונדעטער ביין, לינקס — הענגט אויף איהם איינע פון די מוידען. זיין פּנים דריקט אויס אונטערוואָרפענ־קייט.

פונ'ם וואַלד געהען מיר צוריק אויף די זומער־וואָנונג טהעע

טרינקען, דערנאָך שפּיעלען מיר אין קאָראָקעט און הערען ווי איינע פון די פערשיעדענ־קאָלירטע מוידען זינגט א ראָמאַנס:

„ניין דו ליעבסט מיך ניט! ניין! ניין!..״

ביי דאָס וואָרט „ניין״ קרימט זי דעם מויל ביז'ן סאמע אויער.

— שאַרמאַנט! — קרעכצען די איבריגע מוידען — שאַרמאַנט! בעצויבערענד!

דער פאַרנאַכט פאַלט צו. פון אַהינטער די בושעס קריכט ארויס א העסליכע לבנה. אין דער לופטען איז שטיל און עס טראָגט זיך אַן אונאַנגענעהמער גערוך פון פרישען היי.

איך נעהם די הוט און וויל אַוועקגעהן.

— איך דאַרף אייך עפּעס דערצעהלען — שעפּצעט צו מיר גע־היימניספול מאַשענקאַ — געהט נישט אַוועק.

איך האָב א פאָרגעפיהל וועגען עפּעס א צרה, אָבער איך בלייב פאָרט, מחמת עס ווילט זיך זיין אַן עדעלמאַן.

צום סוף נעהמט מיך מאַשענקאַ אונטער'ן אָרעם און פיהרט מיך ערגעץ איבער'ן אַלעע. איצט דריקט אויס איהר גאַנצע פיגור א קאַמפף. זי איז בלייך, אָטהעמט שווער, און וויל, דאַכט זיך, אָפּרייסען ביי מיר דעם רעכטען אָרעם.

וואָס איז עס מיט איהר?

— הערט אויס... — שטאַמעלט זי — ניין, איך קען ניט... ניין...

זי וויל עפּעס זאָגען, נור זי קווענקעלט זיך. אָבער אָט זעה איך אויף איהר פּנים אַן אויסדרוק פון ענטשלאָסענהייט.

און א בלישצע געטהאָן מיט די אויגען, מיט דער אויפגעשוואָלענער נאָז, טהוט זי מיך א כאַפּ אָן פאַר א האַנד און רעדט ארויס אין איין אָטהעם:

— ניקאָלאַס, איך בין אייערע! ליעבען אייך קען איך ניט, אָבער איך פערשפּרעך אייך, צו זיין א געטרייע ווייב!

דערנאָך דריקט זי זיך צו צו מיין ברוסט און פּלוצים שפּרינגט זי אָפּ.

— עמיצער געהט... — שטאַמעלט זי — אדיע... מאָרגען, פערגעס ניט, פּונקט עלף אין דער אַלטאַנקע... איך וועל וואַרטען אויף דיר... אדיע!

און זי פערשווינדעט.

ניט פערשטעהענדיג גאָר נישט, מיט א קלאפּענדיגען הארצען, געה איך צו זיך אהיים. עס וואַרט אויף מיר „די פערגאַנגענהייט און צוקונפט פון דער טאַקסע אויף הינט״, אָבער ארבייטען קען איך שוין ניט מעהר. איך בין ווילד אויפגעבראַכט, מען קען זאָגען, אז איך בין שרעקליך. טייפעל, איך וועל ניט ערלויבען, מען זאָל זיך מיט מיר בעגעהן, ווי מיט אַן אינגעל! איך בין אַן אויפגערעגטער מענש און צו שפּאַסען מיט מיר איז געפעהרליך! בשעת עס קומט אריין צו מיר די דיענסט רופען צום אבענד־ברויט, שריי איך צו איהר: „מאַרש ארויס!״ וואָס דען? וואָס קען מען ערוואַרטען פון אַן אויפגערעגטען מענשען!

אויף מאָרגען אין דער־פריה איז דאָס וועטער ריכטיג פאַר זומער־געסט, ד. ה. די טעמפּעראַטור איז אונטער נול, א קאַלטער, שניידענ־דער ווינד, א רעגען, בלאָטע און א גערוך פון נאַפטאַלין, ווייל מיין מאַ־מע האָט ארויסגענומען פון די קופערטס איהרע מלבושים. א חושכ׳די־גער פריהמאָרגען, פונקט דעם 7טען אויגוסט פון יאָהר 1887, ווען עס איז געווען ליקוי חמה.

איך דאַרף אייך באמערקען, אז בעת א ליקוי חמה קען יעדער פון אונז ברייגגען א סך נוצען, ניט זייענדיג אפילו קיין אסטראָנאָם. אזוי צום ביישפּיעל, קען יעדער פון אונז: ערשטענס, בעשטימען דעם דיאַ־מעטר פון דער זונן און לבנה. צווייטענס, אויפמאָהלען די קרוין פון דער זונן. דריטענס, אויסמעסטען די טעמפּעראַטור. פערטענס, בעאָבאַכטען ווי די ליקוי חמה רופט זיך אָפּ אויף חיות און פפלאַנצונגען. פינפטענס, פערשרייבען די אייגענע איינדריקע און א. וו.

דאָס אלעס איז אזוי וויכטיג, אז איך האָב דערווייל אָפּגעלייגט מיין ארבייט „די פערגאַנגענהייט און צוקונפט פון דער טאַקסע אויף הינט״ און בעשלאָסען צו בעאָבאַכטען די ליקוי חמה.

מיר אלע זיינען אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה. די פאַרשטעהענדע ארבייט האָב איך איינגעטהיילט אזוי: איך וועל בעשטימען דעם דיאַ־מעטר פון דער זונן און לבנה, דער פערוואונדעטער אָפיציער וועט אויפ־מאָהלען די קרוין און די אלע אנדערע בעאָבאַכטונגען וועלען מאַכען די מוידען פון די פערשיעדענע קאָלירען.

קורץ: מיר האָבען זיך אלע פערזאַמעלט און וואַרטען.

— פון וואַנען קומט די ליקוי חמה? — פרעגט מאַשענקאַ.

ערקלער איך איהר:

— ליקוי חמה איז דאן, ווען די לבנה, דרעהענדיג זיך אין דער פלעכע פון דער עקליפטיק, שטעהט אויף דער ליניע, וואָס פערבינדט די צענטרען פון דער זונן און לבנה.

— און וואָס איז אזוינס עקליפּטיק?

איך ערקלער. מאַשענקאַ הערט זיך צו זעהר אויפמערקזאם און דערנאָך פרעגט זי:

— קען מען דורך אַ פערראויכערטע גלאָז זעהן די ליניע, וואָס פערייניגט די צענטרען פון דער זון און לבנה?

איך ענטפער איהר, אַז די דאָזיגע ליניע ווערט געצויגען אין די געדאַנקען.

— אויב נור אין געדאַנקען — וואונדערט זיך וואַרענקאַ — היינט ווי קומט אויף איהר די לבנה?

איך ענטפער ניט. איך פיהל, ווי פון דער דאָזיגער נאַאיווער פראַגע וועט ביי מיר באַלד פּלאַצען די גאַל.

— דאָס איז אַלץ נאַרישקייטען — מישט זיך אריין וואַרענקאַ'ס מאַמאַ — מען קען ניט וויסען, וואָס וועט זיין, חוץ דעם זייט איהר דאָך קיין מאָל ניט געוועזן אויפ'ן הימעל, היינט פון וואַנען ווייסט איהר, וואָס עס וועט זיין מיט דער לבנה און זונן. ווייס איך, אויסגעטראַכטע מעשיות!

נור אָט רוקט זיך ארויף אַ שוואַרץ פינטעלע אויף דער זונן. עס ברעכט אויס אַ מהומה. די בהמות, שעפסען און פערד פערררייסען די ווידלען און הויבען זיך אָן צו טראָגען מיט אַ צושראָקענעם רעווען און מעקען איבער'ן פעלד. די הינט וואָיען. די וואַנצען, מיינענדיג, אַז עס איז נאַכט געוואָרען, זיינען ארויסגעקראָכען פון זייערע שפּאַלטען און גענומען בייסען יענע, וואָס זיינען געשלאָפען. דער דיאַקאָן, וועלכער האָט אין דיעזער צייט געפיהרט אוגערקעס פון זיין גאָרטען אהיים, האָט זיך דערשראָקען, איז ארונטערגעשפּרונגען פון וואָגען און זיך בעהאַלטען אונטער'ן בריק, און זיין פערד איז מיט'ן וואָגען ארויפגעפאָהרען אויף אַ פרעמדען הויף, וואו פרעמדע חזירים האָבען אויפגעפרעסען די אוגערקעס. אַן אַקציזנער, וועלכער האָט גענעכטיגט ניט ביי זיין ווייב אין דער היים, נור ביי אַ פרעמדער אויף דער זומער־וואוינונג, איז ארויסגעשפּרונגען אויף דרויסען אין איין אונטער־וועש, במחילה, און,

ארייגעלאָפען אין מיטען געזעמעל מענשען, האָט ער געגומען שרייען מיט א ווילדען קול. — ראטעוועט זיך, ווער עס קען!

א סך פון די פרויען, אפילו יונגע און שענע, פון דעם טומעל אויפ־געוועקט, זיינען ארויסגעשפרונגען אויף דער גאס אָהן שיך. נאָך א סך זאכען האָבען פאסירט, אפילו אזוינע זאכען, וואָס איך דערוועג זיך גאָר ניט צו דערצעהלען.

— אך, מורא'דיג! — קוויטשען די מוידען פון אַלע קאַלירען — אך! דאָס איז שרעקליך!

— מיינע דאמען, בעאָבאכטעט! — שריי איך צו זיי — די צייט איז טהייער!

און אליין אייל איך זיך, מעסט אוים דעם דיאמעטער... איך דער־מאָן זיך אָן דער קרוין און זוך מיט די אויגען דעם אָפיציער. ער שטעהט און טהוט גאָר נישט.

— וואָס ווארט איהר? — שריי איך — און די קרוין?

ער דריקט מיט אַקסלען און וויזט הילפלאָז מיט די אויגען אויף זיינע הענד. ביי דעם אונגליקליכען הענגען אויף ביידע אָרעמס מוידען פון פערשיעדענע קאַלירען, דריקען זיך צו איהם פאר מורא און לאָזען איהם ניט ארבייטען.

איך נעהם א בלייפעדער און פערשרייב די צייט מיט די רגע'ס. דאָס איז זעהר וויכטיג. איך פערשרייב די געאָגראפישע לאגע פון דעם בעאָבאכטונגס־פונקט. דאָס איז אויך זעהר וויכטיג. איך וויל שוין בע־שטימען דעם דיאמעטער, ערשט אין דיזען מאָמענט קומט מאשענקא, נעהמט מיך אָן פאר א האנד און זאָגט:

— פערגעסט־זשע ניט, היינט אום עלף!

איך ריים ארוים מיין האנד, יעדע מינוט איז ביי מיר טהייער, און וויל ווייטער מאכען מיינע בעאָבאכטונגען, אָבער ווארענקא טהוט פיעבריש א כאפ אָן מיך אונטער'ן אָרעם און קלעבט זיך צו צו מיין זייט. די בלייפעדער, גלעזעל, די צייכנונגען — אַלעס פאלט ביי מיר ארוים פון די הענד אויף די גראָז. דער רוח וויים, וואָס דאָס איז! עס איז שוין צייט, אז זי זאָל, ענדליך, פערשטעהן, אז איך בין אָן אויפגערעג־טער מענש און ווען איך ווער אויפגערעגט, ווער איך ווילד און דעמאָלט... דעמאָלט קען איך פאר זיך ניט ערב זיין.

איך קלייב זיך צו מאַכען וויטערע בעאָבאַכטונגען, ערשט אויס, נאָך דער ליקוי חמה!

— טהוט א קוק אויף מיר! — שעפּצעט זי צערטליך.

אה, דאָס איז שוין צופיעל! איהר וועט דאָך צוגעבען, אז אזא שפּיעלען זיך מיט'ן גערולד פון א מענשען קען האָבען א מיאוס'ן סוף. דעריבער זאָלט איהר מיך ניט בעשולדיגען, טאָמער וועט טרעפען עפּעס מורא'דיגעס, שרעקליכעס! איך וועל קיינעם ניט ערלויבען, צו שפּיעלען זיך אזוי מיט מיר, טרייבען שפּאַס פון מיר, און, נעהמט עס דער רוח, ווען איך ווער ווילד, דאן ראטה איך קיינעם ניט צוצוגעהן נאָהענט צו מיר, וואָרום דעמאָלט בין איך אויף אַלעס פעהיג!

איינע פון די מוידען, בעמערקט, ווי עס שיינט, אז איך בין אויפגעבראַכט, מאַכט צו מיר, אום צו בערוהיגען מיך, מסתמא:

— און איך ניקאָלאַי אַנדרעיאיטש, האָב ערפילט אייער אויפטראג. איך האָב בעאָבאַכטעט א הונד און א קאַטץ. איך האָב געזעהן, ווי פאַר דער ליקוי חמה האָט זיך דער גרויער הונד געגומען יאָגען נאָך א קאַטץ און האָט דערנאָך א לאַנגע צייט געדרעהט מיט זיין וויידעל.

און אזוי האָט זיך פון דער ליקוי חמה גאָר נישט ניט אויסגעלאָזט.

איך געה אהיים. א דאנק דעם רעגען, געה איך ניט ארויס אויפ'ן באַלקאָן ארבייטען. דער פּערוואונדעטער אָפיציער האָט איינגעשטעלט, איז ארויס אויפ'ן באַלקאָן און האָט אפילו, שוין אָנגעשריעבען: „איך בין געבאָרען אין..." און איצט זעה איך דורכ'ן פענסטער, ווי איינע פון די פערשיעדענע קאָלירען שלעפּט איהם צו זיך אויף דער זומערוואוינונג. ארבייטען קען איך ניט, וואָרום פאַר אויפרעגונג האָב איך געקראָגען א הארץ־קלאַפּעניש.

אין דער אַלטאַנקע געה איך ניט. עס איז טאַקי ניט העפליך, אָבער איהר מוזט צוגעבען, אז אין אזא גוס־רעגען קען איך דאָך ניט געהן! אזייגער צוועלף קריעג איך א בריעף פון מאַשענקאַ'ן מיט פאָרווירפע און א ביטע צו קומען אין דער אַלטאַנקע און זאָגט מיר אין דעם בריעף „דו"... א זייגער איינס קריעג איך א צווייטען בריעף און צוויי א דריטען...

מען מוז געהן... אָבער איידער איך געה, מוז איך ארומטראַכטען גוט, פון וואָס מיט איהר צו שמועסען. איך וועל האַנדלען, ווי אַן אנ־

שטענדיגער מאַן. ערשטענס, וויל איך איהר זאָגען, אַז אומזיסט שטעלט זי זיך פאָר, אַז איך בין פערליעבט אין איהר. דאָך אַזוינע זאַכען זאָגט מען ניט אַ פרוי. זאָגען אַ פרוי: „איך ליעב אייך ניט" איז פונקט אַזוי ניט העפליך, ווי צו זאָגען אַ שרייבער: „אייער שרייבען טויג אויף כפרות". עס וועט זיין פיעל בעסער, ווען איך וועל וואַרענקאַ'ן בעקאַנט מאַכען מיט מיין בליק אויף חתונה האָבען אין גאַנצען.

איך טהו אָן אַ וואַרימען אויבערראָק, נעהם אַ רעגענ־שירם און לאָז זיך אַוועק צו דער אַלטאַנקע.

קענענדיג מיין אויפגערעגטען כאַראַקטער, האָב איך מורא, איך זאָל איהר ניט זאָגען קיין איבריגע ווערטער, איך זאָל די מאָס ניט איבערכאַפּען און איך מאַך אָפּ ביי זיך, איינצוהאַלטען זיך.

אין דער אַלטאַנקאַ וואַרט נאַדענקאַ. זי איז בלאַס, מיט פערוויינ־טע אויגען. דערזעהן מיך, רייסט זיך ביי איהר ארויס אַ פריידענס־גע־שריי, וואַרפט זיך מיר אויפ'ן האַלז ארויף און זאָגט:

— ענדליך! דו שפּיעלסט מיט מיין געדולד. הער אויס, איך האָב אַ גאַנצע נאַכט מיט אָן אויג ניט צוגעמאַכט... איך האָב אַלץ גע־טראַכט. מיר שיינט, אַז ווען איך וועל דיך דערקענען נעהענטער, וועל איך דיך... אָנפאַנגען צו ליעבען...

איך זעץ זיך און הויב אָן צו ערקלעהרען מיין קוק אויף חתונה. אַפריהער, אום צו זיין ווי ווייט מעגליך קורץ און אום ניט צו פערקרי־כען אין די ווייטע דרכים, הויב איך אָן פון אַ קליינעם היסטאָרישען איבערבליק. איך דערצעהל איהר פון דער חתונה ביי די אינדוסען און די עגיפּטער, דערנאָך געה איך אַריבער אויף די שפּעטערע צייטען; זאָג איהר אַרויס עטליכע געדאַנקען פון שאָפּענהויער. מאַשענקאַ הערט זיך צו זעהר אויפמערקזאַם, נור פּלוצים ברעכט זי מיך אונטער:

— ניקאָלאַס, טהו מיך אַ קוש! — מאַכט זי.

איך בין צומישט, ווייס ניט, וואָס איהר אויף דעם צו זאָגען. זי ווידערהאָלט נאָך אַמאָל איהר פאָדערונג. מען קען זיך ניט העלפען: מען מוז זיין העפליך! הויב איך זיך אויף און לייג צו מיינע ליפּען צו איהר לאַנגען פּנים און בעת דעם פיהל איך דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געפיהלט אין מיינע קינדער־יאָהרען, ווען מען האָט מיך איינמאָל געצוואונגען אַ קוש צו טהאָן מיין טויטע באָבע'ן.

מיין קוש איז איהר וועניג, זי שפּרינגט אויף און כאַפּט מיך אַרום מיט היטץ, מיט פייער.

אין דיעזער צייט בעוויזט זיך אין דער טהיר פון דער אַלטאַנקע מאַשענקאַ'ס מאַמאַ... זי מאַכט אַ צושראָקענעם פּנים, זאָגט צו עמי־צען „ש־ש־ש!" און פערשווינדעט, ווי מעפיסטאָ, אונטער דר'ערד.

אַ צומישטער און אַן אויפגעבראַכטער, קעהר איך זיך אום צוריק אַהיים. איך טרעף דאָרט וואַרענקאַ'ס מאַמע, וועלכע מיט טרערען אין די אויגען נעהמט אַרום מיין מוטער, און מיין מוטער וויינט אויך און זאָגט:

— איך אַליין האָב עס אויך געוואונשען!

דערנאָך — ווי געפעהלט עס אייך? געהט צו צו מיר נאַדענ־קאַ'ס מאַמאַ, נעהמט מיך אַרום און מאַכט:

— איהר זאָלט געבענשט זיין פון גאָט! אָבער זעה, דו זאָלסט זי ליעבען... גערענק, אַז זי איז זיך מקריב פאַר דיר...

און איצט מאַכט מען מיר חתונה. אין דער צייט, ווען איך שרייב דיעזע צייילען, שטעהען איבער מיין קאָפּ די שאַפערס און טרייבען מיך אונטער. די דאָזיגע מענשען האָבען גאָר קיין בעגריעף ניט פון מיין כאַראַקטער! איך בין דאָך אַן אויפגערעגטער מענש און ווען איך ווער בייז, זאָל גאָט אויסהיטען! דער טייפעל זאָל דאָס נעהמען, איהר וועט שוין זעהן, וואָס שפּעטער וועט זיין! צו פיהרען אונטער דער חופּה אַן אויפגערעגטען מענשען, איז דאָס, נאָך מיין מיינונג, אַזוי נאַריש, ווי אריינצושטעקען די האַנד אין אַ שטייג פון אַ צורייצטען טיגער. מיר וועלען שוין זעהן, מיר וועלען שוין זעהן, וואָס שפּעטער וועט זיין!

— —

איך בין פערהייראַטעט. אַלע גראַטולירען מיך, און וואַרענקאַ דריקט זיך אַלץ צו מיר און רעדט:

— פערשטעה דאָך, אַז דו ביזט איצט מיינער, מיינער! זאָג־זשע, אַז דו האָסט מיך ליעב! זאָג!

און דערביי ווערט די נאָז ביי איהר אויפגעלאָפען.

איך האָב זיך דערוואוסט פון די שאַפערס, אַז דער פערוואונדע־טער אָפיציער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם חתונה־אונגליק דורך אַ קלוגען תירוץ: איינער פון די מוידען האָט ער צוגעשטעלט

אַ צייגנים פון אַ דאָקטאָר, אַז מחמת דער וואונד אין שלייף איז דער מוח ביי איהם אביסעל אָנגעריהרט און דעריבער האָט ער קיין רעכט ניט לויט'ן געזעץ חתונה צו האָבען. אַ בריליאַנטענע אידעע! איך האָב אויך געקענט צושטעלען אַ צייגנים. איין פעטער מיינער איז געווען אַ גרויסער שיכור, דער צווייטער אַ צודולטער, ער האָט אַמאָל אָנגעטאָן אַנשטאָט אַ היטעל אַ מופטע פון אַ דאַמע אויפ'ן קאָפּ. מיין מוהמע האָט געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ און אַז זי פלעגט זיך טרעפען מיט מאַנס־פּערזאָנען, פלעגט זי זיי די צונג ארויסשטעלען. דערצו מיין העכסט אויפגערעגטער כאַראַקטער — איז אויך זעהר אַ פערדעכטיגער סימפּ־טאָם.

אָבער וואָרום פאַלען ערשט אריין גוטע אידעען, ווען עס איז שוין צו שפּעט? וואָרום?

זומער געסט.

איבער דער פּלאַטפאָרמע פון זומער פּלאַץ האָט ארומגעשפּאַצירט אהין און צוריק א יונג, ניט לאַנג פערהייראַטהע פּאָאר׳ל. ער האָט זי גע־האַלטען ארומגענומען ביי דער טאַליע, זי האָט זיך צערטליך געדריקט צו איהם און ביידע זיינען געווען גליקלאַך. פון צווישען צוריסענע וואָל־קענס האָט געקוקט אויף זיי די לבנה און האָט זיך געכמורעט: הפנים אז זי האָט זיי מקנא געווען און איהר האָט פערדראָסען פאַר איהר לאַנגווייליגע און ניט נויטיגע מיידעלשע אונשולד. די אונבעוועגליכע לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם גערוך פון פויגעל־מילך און עלסבעער־בוימער. ערגעץ וואו, פון דער אנדערער זייט אייזענבאַהן־וועג, האָט געשריען א פעלד־זשוק...

— ווי גוט, זעה סאשא, ווי גוט! — האָט געזאָגט די פרוי — ווירקליך, מען קען מיינען, אז דאָס אלעס איז נור א שעהנער חלום דו גיב נור א קוק, ווי אַנגענעהם און ליעבליך עס זעהט אוים דער וועל־דעל! ווי ליעב די סאָלידע, שווייגענדיגע טעלעגראַף־סלופּעס! זיי בעלע־בען דעם לאַנדשאַפט און דערצעהלען, אז דאָרט, ערגעץ ווייט, זיינען דאָ מענשען... א ציוויליזאַציאָן... און זאָג, סאשא, איז דיר דען ניט אַנגענעהם, ווען דער ווינד פערטראָגט צו דיין אויער דעם טומעל פון א געהענדיגען צוג?

— יאָ... אָבער וואָס פאַר א הייסע הענד דו האָסט! דאָס איז דערפאַר, וואָס דו רעגסט זיך אויף, וואַריא... וואָס האָט מען היינט געקאָכט... ביי אונז צום אָבענד־עסען?

— קאַלטע זופּ און א ציפּליאָניק... פאַר אונז ביידען וועט זיין גענוג איין ציפּליאָניק׳ל. דיר האָט מען פון שטאָדט געבראַכט סאַרדינס און געראויכערטע פיש.

די לבנה, עפּעס ווי זי וואָלט טאַבאַק דערשמעקט... האָט זיך בע־

האַלטען הינטער אַ וואָלקען. דאָס מענשליכע גליק האָט איהר אָן איהר איינזאַמקייט דערמאָנט, אָן איהר איינזאַמע בעט הינטער וועלדער און טהאָלען...

— דער צוג געהט! — האָט געזאָגט וואַריאַ — ווי גוט!

פון ווייטען האָבען זיך בעוויזען דריי ברענענדיגע אויגען. דער בעאַמטער פון סטאַנציאָן איז ארויס אויף דער פּלאַטפאָרמע. אויף די רעלסען האָבען דאָ און דאָרט געגומען ווינקען סיגנאַל־פייערלאַך.

— מיר וועלען בעגלייטען דעם צוג און געהן אַהיים — האָט גע־זאָגט סאַשאַ, און אַ גענעץ געטהאָן: — ווי גוט אונז ביידען לעבט זיך, וואַריאַ, אַזוי גוט, אַז עס גלויבט זיך פּשוט נישט!

די שוואַרצע סטראַשידלע איז שטיל, אָהן געררויש צוגעקראָכען צו דער פּלאַטפאָרמע און זיך אָבגעשטעלט. אין די האַלב בעלויכטענע פענסטער פון די וואַגאָנעס האָבען זיך בעוויזען פאַרשלאָפענע פּנים'ער, היט, אַקסלען...

— אוי! אוי! — האָט זיך דערהערט פון איין וואַגאָן — וואַ־ריאַ מיט'ן מאַן איז ארויס אונז אנטקעגען! אָט זיינען זיי! וואַרענ־קאַ!... וואַרענקאַ! אַך!

פון וואַגאָן זיינען ארויסגעשפּרונגען צוויי מיידלאַך און האָבען זיך אָנגעהאַנגען וואַריאַ'ן אויפ'ן האַלז. הינטער זיי האָבען זיך בעוויזען אַ דיקע עלטערע דאַמע און אַ מאָגערער הערר מיט קליינע גרויע באַקענבאַרדען, דערנאָך צוויי גימנאַזיסטען בעלאָדען מיט פּעקלאַך, הינטער די גימנאַזיסטען די גובערנאַנטקע, הינטער דער גובערנאַנטקע די באָבע.

—און אָט זיינען מיר, אָט זיינען מיר דאָ, מיין פריינד! — האָט אָנגעהויבען דער הערר מיט די באַקענבאַרדען, דריקענדיג סאַשאַ'ס האַנד. — האָסט זיך שוין אודאי נישט געקענט דערוואַרטען, מסתמא געזידעלט דעם אָנקעל, פאַרוואָס ער פאָהרט נים! קאָליאַ, קאָסטיאַ, נינאַ, פיפאַ... אַהער קינדער! טהוט אַ קוש אייער קאָזין סאַשאַ! אַלע, זיינען מיר געקומען צו דיר מיט דער גאַנצער משפּחה, אויף אַ טאָג דריי, פיער. איך האָף, מיר וועלען אייך נים מאַכען ענג. דו צערע־מאָניע זיך נור נישט, איך בעט דיך.

דערזעהן דעם פעטער מיט דער משפּחה, איז אויף דער יונגער פּאָאָר פּאָלק אָנגעפאַלען אַ שרעק.

בעת דער פעטער האט גערעדט און זיך געקושט האט אין סאַ־שע'ם גערּאנקען געקומען שוועבען אזא מין בילד: ער און דאס ווייב גיעבען אוועק די געסט זייערע דריי צימערען, די קישענס, קאלדרעס; די גערויכערטע פיש, סארדינס און די קאלטע זופּ ווערט אויפגעגעסען אין איין הרף עין, די קאזינס רייסען בלומען, פערגיסען טינט, באלע־באטשען... די מוהמע, זאל געזונד זיין, רעדט גאנצענע טעג פון איהר קריינק (א וועהטאג אונטער'ן לעפעלע) און וועגען דעם, אז זי איז א געבארענע באראנעסע פאן־פינטיק...

און סאשא האט מיט האס געקוקט אויף זיין יונג ווייבעל און צו איהר געשעפּצעט אין דער שטיל:

— דאס זיינען זיי צו דיר געקומען... דער טייפעל זאל זיי אלע צונעהמען!

— ניין, צו דיר! — האט זי געענטפערט א בלאסע, און אין איהר קול האט זיך אויך געהערט האס און כעס — דאס זיינען דיינע קרובים, נישט מיינע!

און זיך אומגעקעהרט צו די געסט, האט זי געזאגט מיט א פריינד־ליכען שמייכעל:

— איהר זייט ביי אונז זעהר אנגעלעגטע געסט!

פון הינטער'ן וואלקען איז ווידער ארויסגעשוואומען די לבנה. זי האט, דאכט זיך, געשמייכעלט; איהר האט מסתמא הנאה געטהאן, וואס זי פערמאגט נישט קיין קרובים.

און סאשא האט זיך אבגעקעהרט, אום צו בעהאלטען פון די געסט זיין בייזען, פערצווייפעלטען פּנים און מיט א געמאכטען, כלומרש'ט פריינדליכען און הערצליכען קול, האט ער געזאגט:

— איהר זייט אונז זעהר ווילקאמען!... זעהר ווילקאמען, טהייערע געסט!...

א רעטהזעלהאפטע נאַטור.

א וואַגאָן פון ערשטען קלאַס.

אויף א קאַנאַפּע, בעשלאָגען מיט דונקעל רויטען סאַמעט, זיצט אָנגעשפּאַרט א יונגע שעהנע דאַמע. א טהייערער פּעכער מיט פּרענז שאַרקעט אין איהר נערוועז צוזאַמענגעדריקטער האַנד; די פּענסנע פאַלט אַלע ווײַלע אַרונטער פון איהר שעהן נעזעל, די בראָשקע אויף איהר ברוסט הויבט זיך דאָ אויף און דאָ לאָזט עס זיך ווידער אראָב, אַזוי ווי א קליין שיפעל צווישען כוואַליעס. זי איז אויפגערעגט...

אנטקעגען איהר אויף א קליינער זאָפע זיצט א בעאַמטער א יונ־גער שרייבער אַן אָנפאַנגער וועלכער דרוקט אין די שטאַ־אַטס־צייטונגען זיינע קליינע ערצעהלונגען אָדער, ווי ער אַליין רופט זיי אָן, „נאָוועללען פון די הויכע פענסטער"...

ער קוקט איהר גלייך אין פּנים אַריין, נעהמט איהר דורך מיט זיינע בליקען, ווי איינער, וואָס פאַרשטעהט זיך אויף מענשען... ער בע־אָבאַכטעט, שטודירט און לערנט דיעזע עקסצענטרישע, וואונדערליכע נאַטור, פערשטעהט זי, בעגרייפט זי און זי ווערט איהם קלאָהר... איהר נשמה, איהר גאַנצע פּסיכאָלאָגיע איז ביי איהם אויפ'ן לאַדאָן.

— אָה, איך פערשטעה אייך! — זאָגט דער בעאַמטער, קושענדיג איהר האַנד נעבען דעם בראַסליעט: — אייער צאַרטע, וואַרעמע נשמה זוכט זיך אַן אויסגאַנג פון דיעזען מיש־מאַש... יאָ! דער קאַמפּף איז א שרעקליכער, א משונה'דיגער, אָבער דאָך... פאַלט ביי זיך נישט אראָב! איהר וועט זיין די זיעגערין! יאָ, געוויס!

— בעשרייבט מיך, וואָלדעמאַר! — זאָגט די יונגע דאַמע מיט אַן אומעדיגען שמייכעל — מיין לעבען איז אַזוי פול, אַזוי פערשיעדענ־אַרטיג, אַזוי בולט... און דאָך — בין איך אונגליקליך! איך בין א

ליידענדע נאָך דאָסטאָיעווסקי'ס געשמאַק... ווייזט פאַר דער וועלט מיין נשמה, וואָלדעמאַר, ווייזט איהר דיזע אָרימע נשמה! איהר זייט אַ פּסיכאָלאָג. נאָך קיין שעה איז ניט אַוועק צייט מיר זיצען צוזאַמען אין וואַגאָן און רעדען, און איהר האָט מיך שוין פערשטאַנען, האָט מיך אין גאַנצען בעגריפען!

— רעדט, איך בעט אייך, רעדט, דערצעהלט!

— אַלזאָ הערט־זשע! געבאָרען בין איך אין אַן אָרימער בעאַמ־טען־פאַמיליע. דער פאָטער, אַ וואוילער יונג, אַ קלוגער, אָבער... בע־איינפלוסט פון דעם גייסט פון זיין צייט, פון דער אַרומיגער אומ־געבונג... איהר פערשטעהט דאָך מסתמא, איך בעשולדיג, נישט מיין אָרימען פאָטער. ער האָט געטרונקען, געשפּיעלט אין קאָרטען... גענומען כאַבאַר... און די מאַמע... אָבער וואָס איז דאָ צו רעדען! די נויט, דער קאַמפּף פאַר'ן שטיקעל ברויט, דאָס בעוואוסטזיין פון דער אייגענער נישטיגקייט... אַך, צווינגט מיך נישט זיך אָן דעם אָלעמען צו דערמאָנען! איך האָב זיך געמוזט אליין דורכשלאָגען אַ וועג... די פערקריפּעלטע ערציהונג אין אינסטיטוט, דאָס לעזען פון נארישע ראָמאַנען, די טעות'ן פון דער יוגענד, די ערשטע שטילע ליעבע... און דער קאַמפּף מיט דער אַרומיגער אומגעבונג? אַך, ווי שרעקליך! און דאַן די צווייפעל... די ליידען, דער אָנהויב פון ניט גלויבען אין לעבען, אין זיך אליין!... אַך! איהר זייט אַ שרייבער און קענט אונז, פרויען. איהר וועט פערשטעהן... צום אונגליק, בין איך בעשאָנקען מיט אַ ברייטער נאַטור... איך האָב געוואַרט אויף גליק און נאָך וואָס פאַר אַ גליק! איך האָב געדורשט צו זיין אַ מענש! יאָ! אַ מענש זיין — אין דעם האָב איך געזעהן מיין גליק!...

— וואונדערבאַרע! — שטאַמעלט דער שרייבער, קושענדיג איהר האַנד נעבען בראַסליעט: — ניט אייך קוש איך, איהר זעלטע־נע, וואונדערליכע, נור דאָס מענשליכע ליידען! איהר געדענקט ראַס־קאָלניקאָוו'ן? ער האָט אַזוי געקושט.

— אָה, וואָלדעמאַר, צו־וואָס זאָלען מיר זיך דאָ נאַרען? ווי יעדע אונגעוויינליכע נאַטור, האָב איך געמוזט האָבען ליעב, רוהם, טומעל און גלאַנץ... איך האָב געדורשט נאָך עפּעס אונגעוויינליכעס... ניט ווייבערשעס! און אָט... אָט... האָט זיך אויף מיין וועג אונ־

טערגערוקט אַ רייכער, אַלטער גענעראַל... פאַרשטעהט מיך גוט, וואַל־דעמאר! דאָס איז דאָך געוועזען אַן אויפאָפּפערונג פון מיין זייט, דאָס האָט געהייסען זיך פון אַלעם צו ענטזאגען, פאַרשטעהט דאָך! איך האָב אַנדערש ניט געקענט האַנדלען. איך האָב רייך געמאַכט מיין פאַ־מיליע, האָב גענומען רייזען, גוטעס טהאָן... און ווי האָב איך געליטען, ווי אונערטרעגליך ניעדריג, העסליך זיינען פאַר מיר געוועזען די אומ־ארמונגען פון דעם דאָזיגען גענעראַל, כאָטש, מען מוז צוגעבען, אַז אין זיין צייט האָט ער זיך מוטהיג געשלאָגען אויפ'ן שלאַכט־פעלד. עס זיינען געוועזען מינוטען... שרעקליכע מינוטען! איין געדאַנק נור האָט מיך געטרויסט, אַז דער אַלטער וועט היינט־מאָרגען אוועק־שטאַרבען און איך וועל אָנהויבען לעבען, ווי איך האָב פריהער גע־וואָלט, איך וועל זיך אָבגעבען צו אַ ליעבענדען מענשען, וועל זיין גליק־ליך... און איך האָב אַזאַ מענשען, וואַלדעמאר! גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב!

די יונגע דאַמע באַוועגט שטאַרק מיט'ן פעכער. איהר פּנים נעהמט אָן אַ וויינענדיגען אויסדרוק.

— און אָט איז דער אַלטער געשטאָרבען... האָט מיר פיעל־װעניג איבערגעלאָזען, איך בין פריי, ווי אַ פויגעל. ערשט איצט קומט מיר אוים צו לעבען און גליקליך זיין... אַ יאַ, וואַלדעמאַר? דאָס גליק קלאַפּט צו מיר אין פענסטער. מען דאַרף איהם נור אריינלאָזען, אָבער... ניין! וואַלדעמאַר, הערט אוים, איך בעשוועער אייך! איצט ערשט איז געקומען די צייט זיך אָבצוגעבען דעם געליעבטען מענשען, ווערען זיין חבר'טע, זיין העלפערקע, די טרעגערין פון זיינע אידעאַלען, זיין גליקלאַך... זיך אָברוהען... אָבער... ווי קליינליך, העסליך און נאַ־ריש איז אַלעס אויף אונזער וועלטעל! ווי ניעדערטרעכטיג איז אַלעס, וואַלדעמאַר! איך בין אונגליקלאַך! אונגליקלאַך! אונגליקלאַך! אויף מיין וועג שטעהט ווידער אַ שטערונג! און ווידער פיהל איך, אַז מיין גליק איז פון מיר ווייט, ווייט! אָך וויפיעל מאַטערניש, ווען איהר זאָלט נור וויסען! וויפיעל שרעקליכע ליידען!

— אָבער וואָס אַזוינס? וואָס האָט זיך געשטעלט אייך אין וועג? איך בעט אייך, זאָגט מיר! וואָס איז עס אַזוינס?

— אַ צווייטער רייכער אַלטינקער...

דער צובראָכענער פּעכער פאַרשטעלט דאָס שעהן פּנים'ל. דער שרייבער שפּאַרט אונטער מיט'ן פויסט זיין קלוגען, טיעפזיניגען קאָפּ, זיפצט אָפּ און מיט דעם אויסזעהן פון א פּסיכאָלאָג, וואָס וויים און פערשטעהט אַלעס, פערטראַכט ער זיך.

דער לאָקאָמאָטיוו פייפט און הוזשעט, פון דער פאַרגעהענדער זונן ווערען רויט די פאָרהאַנגלאַך אויף די פענסטער...



דער טויט פון א בעאמטען.

אין איין שעהנעם אויף דער־נאַכט, איז דער נאָך שעהנערער עק־זעקוטאָר, איוואַן דמיטריטש טשערוויאַקאָוו געזעסען אין טהעאטער אויף א שטול אין דער צווייטער רייהע און געקוקט אין בינאָקל, ווי מען שפּיעלט „די גלאָקען פון קאָרנעוויל". ער האָט געקוקט און זיך געפיהלט אויף דעם זיבעטען הימעל. אָבער פּלוצים... אין מעשות טרעפט מען זעהר אָפט דעם דאָזיגען „אָבער פּלוצים" די פערפאַסער זיינען גערעכט: דאָס לעבען איז אַזוי פול מיט פּלעצליכע פּאַסירונ־גען! אַלזאָ, פּלוצים האָט זיך זיין פּנים צוקנייטשט, די אויגען פאַר־דרעהט, דער אָטהעם פערכאַפּט... ער האָט אָבגעקעהרט די אויגען פון בינאָקל, זיך איינגעבויגען און... אפּטשיק!!! האָט, ווי איהר זעהט, א נים געטהאָן. ניסען ווערט קיינעם אין ערגעץ נישט פאַרוועהרט. עס ניסען אי פּויערים, אי פּאָליציי־מאַסטערס, און אמאָל אפילו גע־היימע שטאַאטס־רעטהע. אלע ניסען. טשערוויאַקאָוו האָט זיך גאָר ניט פאַרשעהמט, האָט זיך אָבגעווישט מיט א טיכעלע און, ווי עס פּאַסט פאַר א העפליכען מענשען, האָט ער זיך ארומגעקוקט ארום: צו האָט ער נישט בעאונרוהיגט וועמען עס איז מיט זיין ניסען? נור דאָ איז איהם שוין אויסגעקומען פאַרשעהמט צו ווערען. ער האָט דערזעהן, ווי דער אַלטינקער, וואָס איז געזעסען פאַר איהם, אין דער ערשטער רייהע, האָט זיך פאָרזיכטיג אָבגעווישט זיין פּליך און דעם האַלז מיט א האַנד־שוה און האָט עפּעס געבורטשעט. אין דעם אַלטען האָט טשער־וויאַקאָוו דערקענט דעם שטאַאטס־גענעראַל בריזשאַלאָוו'ן, וועלכער האָט געדיענט אין דעם דעפּאַרטמענט פון אייזענבאַהנען.

— איך האָב איהם פערשפּריצט! — האָט א טראַכט געטהאָן טשערוויאַקאָוו — עס איז אָפילו ניט מיין אָבער ־ בעאמטער, א פרעמדער, נור פון דעסטוועגען פּאַסט נישט. מען דאַרף זיך ענטשול־דיגען.

טשערוויאַקאָוו האָט אַ הוסט געטהאָן, האָט זיך אויסגעבויגט אין פאָראויס און האָט גענומען שעפּטשען דעם גענעראַל אויפ'ן אויער:

— ענטשולדיגט מיר, אייער עקסעלענץ, איך האָב אייך פאַר־שפּריצט... איך האָב נישט ווילענדיג...

— עס מאַכט נישט. עס מאַכט נישט...

אום גאָטעס ווילען, ענטשולדיגט. איך האָב דאָך... עס נישט געוואָלט!

— אַך זיצט רוהיג, איך בעט אייך! לאָזט הערען!

טשערוויאַקאָוו איז צומישט געוואָרען, האָט נאַריש אַ שמייכעל געטהאָן און גענומען קוקען אויף דער ביהנע. ער האָט געקוקט, אָבער קיין שטאַרקע הנאה האָט ער שוין נישט געהאַט. איהם האָט גענומען מאַטערן די אונרוהיגקייט. אין צייט פון אַנטראַקט איז ער צוגעגאַנגען צו בריזשאַלאָוו'ן, האָט זיך אַרום איהם אַ ווײַלע אַרומגעדרעהט און מיט פערשטיקטער מורא האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט:

— איך האָב אייך פערשפּריצט, עקסעלענץ... פערצייהט... איך בין דאָך נישט... איך האָב גאָרנישט געמיינט... איך...

— אַך, הערט אויף.. איך האָב עס שוין פערגעסען און איהר רעדט אַלץ וועגען דאָס אייגענע! — האָט געזאָגט דער גענעראַל און האָט אונגעדולדיג אַ מאַך געטהאָן מיט דער אונטערשטער ליפּ.

— ער האָט פאַרגעסען און זיינע אויגען זיינען ווי ביי אַ מערדער — האָט אַ טראַכט געטהאָן טשערוויאַקאָוו, קוקענדיג פערדעכטיג אויף דעם גענעראַל: — ער וויל אפילו נישט ריידען. מען האָט איהם נויטיג געדאַרפט ערקלעהרען, אַז איך האָב עס ניט געוואָלט, ניט געמיינט... אַז דאָס איז אַ נאַטור געזעץ, אַז ניט וועט ער דענקען, אַז איך האָב געוואָלט אַ שפּיי טהאָן. וועט ער עס איצט ניט דענקען, וועט עס איהם מאָרגען איינפאַלען!..

נעקומענדיג אהיים, האָט טשערוויאַקאָוו דערצעהלט דער ווייב וועגען זיין אומגעלומפּערטקייט. דאָס ווייב, ווי איהם האָט זיך געדאַכט, האָט זיך זעהר לייכטזיניג פערהאַלטען צו דער גאַנצער געשיכטע; זי האָט זיך נור דערשראָקען, און דערנאָך, ווען זי האָט זיך דער־וואוסט, אַז בריזשאַלאָוו איז אַ „פרעמדער" האָט זי זיך אין גאַנצען בערוהיגט.

— פונדעסטוועגען געה אריבער, ענטשולדיג זיך, — האָט זי

געזאָגט — ער וועט נאָך מיינען, אז דו קענסט זיך נישט האַלטען צוויי־שען מענשען!

— אָט דאָס איז עס דאָך טאַקע! איך האָב זיך ענטשולדיגט, און ער האָט עפּעס מאָדנע... קיין איין רעכטען וואָרט האָט ער נישט געזאָגט און עס איז איבערהויפּט קיין צייט נישט געוועזן צו ריידען.

אויף דעם צווייטען טאָג האָט טשערוויאַקאָוו אָנגעטהאָן זיין נייעם פאַראַדנעם מונדיר, האָט זיך אָרומגעשאָרען און איז אַוועק צו בריזשאַלאָוו'ן זיך ערקלעהרען...

אריינגעקומען צום גענעראַל אין עמפּפאַנגס־צימער, האָט ער דאָרט דערזעהן אַ סך מענשען, וואָס זיינען געקומען מיט פערשיעדענע בי־טעס, און צווישען זיי אויך דעם גענעראַל אליין, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבען אויפצונעהמען די וויזיטאָרס.

אויסגעפרעגט עטליכע מענשען, האָט דער גענעראַל אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף טשערוויאַקאָוו'ן.

— נעכטען אין טהעאַטער, אויב איהר געדענקט, אייער עקסע־לענץ — האָט אָנגעהויבען צו ערקלעהרען דער עקזעקוטאָר — האָב איך אַ ניס געטהאָן און... ניט ווילענדיג איך פערשפּריצט... ענט־שולדיגט...

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייטען... גאָט וויים וואָס! וואָס פער־לאַנגט איהר? — האָט דער גענעראַל זיך געווענדעט צו דעם נעקסטען וויזיטאָר.

— ער וויל גאָר מיט מיר נישט ריידען! — האָט אַ טראַכט געטהאָן טשערוויאַקאָוו, און איז בלאַס געוואָרען: — ער איז, הייסט עס, גוט אין כעס... ניין, אַזוי טאָר מען נישט לאָזען... איך מוז איהם ערקלעהרען...

ווען דער גענעראַל האָט געענדיגט ריידען מיט'ן לעצטען וויזיטאָר און האָט שוין גענומען געהן צו זיך אין די ווייטערע צימערען, האָט טשערוויאַקאָוו געטהאָן אַ טראָט נאָך איהם און גענומען שטאַמ־לען:

— אייער עקסעלענץ! אויב איך וואָג צו בעאונרוהיגען אייער עקסעלענץ, איז עס נור פון אַ געפיהל, מען קען זאָגען, פון חרטה!... איך בין נישט שולדיג, איהר פאַרשטעהט דאָך אליין, אז ניט אומיסטנע האָב איך עס געטהאָן!

דער גענעראל האָט געמאַכט אַ וויינענדיגען פּנים און אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האנד.

— איהר לאַכט הפּנים פון מיר, ווערטהער הערר! — האָט ער געזאָגט, און איז פערשוואונדען הינטער דער טהיר.

— וואָס איז דאָ פאר אַ לאַכען! — האָט אַ טראַכט געטהאָן טשערוויאַקאָוו — ווער לאַכט? ווען עס גאָר איינפאַלען צו לאַכען? אַ גענעראל, דאַכט זיך, און קען ניט פארשטעהן! אויב אַזוי וועל איך זיך מעהר נישט ענטשולדיגען פאר אַזאַ מענשען! זאָל איהם דער טייפעל נעהמען! איך וועל איהם אָנשרייבען אַ בריעף, אָבער אליין געה איך צו איהם ניט מעהר! אויף מיין וואָרט, איך געה נישט!

אַזוי האָט געטראַכט טשערוויאַקאָוו, געהענדיג אַהיים.

קיין בריעף צו׳ם גענעראל האָט ער נישט אָנגעשריעבען. ער האָט געטראַכט און געטראַכט און בשום אופן נישט געקענט אויסטראַכטען, ווי צו שרייבען דעם דאָזיגען בריעף.

אויף דעם צווייטען טאָג האָט ער ווידער געמוזט אליין געהן ער־קלעהרען.

— איך בין נעכטען געקומען בעאונרוהיגען אייער עקסעלענץ — האָט ער גענומען שטאַמלען, ווען דער גענעראל האָט אויפגעהויבען אויף איהם זיינע פרעגענדיגע אויגען: — ניט אום צו לאַכען, ווי איהר האָט געזאָגט. איך האָב זיך ענטשולדיגט דערפאר, וואָס ניסענדיג, האָב איך פארשפּריצט אייער עקסעלענץ... און לאַכען האָב איך אפילו אין זינען ניט געהאַט. האָב איך דען אַזאַ העזה צו לאַכען? ווען מיר זאָלען נעהמען לאַכען, דאַן וועט, הייסט עס, קיין שום אכטונג ניט זיין צו די העכערע בעאַמטע... צו די העכערע פּערזענליכקייטען... דאַן איז...

— ארויס פון דאַנען! — האָט אַ געשריי געטהאָן דער גענעראל, וועלכער איז פּלוצים אַזש בלוי געוואָרען און זיך גענומען טרייסלען.

— וואָ־אָ־אָס? האָט שטיל געפרעגט טשערוויאַקאָוו און איז אַ טויטער געוואָרען פאר שרעק.

— ארויס פון דאַנען! — האָט ווידער געזאָגט דער גענעראל, טופּענדיג מיט די פיס.

ביי טשערוויאַקאָוו׳ן אין בויך האָט זיך עפּעס אָבגעריסען ער האָט

שוין מעהר גאָרנישט געזעהן, גאָרנישט געהערט און גענומען געהן היני־טערוויילעכץ צו דער טהיר, איז ארויס אויף דער גאַס און זיך אוועק געשלעפּט... געקומען מעכאַניש אהיים, האָט ער ניט אויסטהאָנדיג דעם פאַראַדנעם מונדיר, געלעגט זיך אויף דער זאָפע און... איז געשטאָר־בען.

די מכשפה.

די נאַכט איז צוגעפאַלען. דער דיאַקאָן סאַוועלי גיקין איז געלעגען ביי זיך אין וועכטער־שטיבעל ביים קלויסטער אויף אַ גרויסער בעט און האָט נישט געשלאָפען, כאָטש ער האָט תמיד געהאַט די געוועהנ־הייט איינצושלאָפען אין איין צייט מיט די היהנער.

פון איין עק קאָלדרע, וועלכע איז צוזאַמענגענעהט געווען פון פערשיעדענפאַרביגע שטיקלאַך ציץ, האָבען ארויסגעקוקט זיינע רויטע, הארטע האָאָר, פון דעם אנדער'ן עק האָבען ארויסגעשטאַרטשעט גרויסע, שוין לאַנג ניט געוואַשענע פיס. ער האָט זיך צוגעהערט... זיין וועכטער־שטיבעל איז געשטאַנען נעבען צוים און דאָס איינציגע פענסטער'ל זיינס איז ארויסגעקומען צום פעלד צו. און אין פעלד איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַן אמת'ע מלחמה. עס איז שווער געווען צו פערשטעהן ווער עס האָט דאָרט וועמען פון דער וועלט פערטריעבען און צוליעב וועמענס מפלה עס האָט זיך אין לופטען פארקאָכט אַזאַ קאַשע. אָבער לויט דעם אונאויפהערליכען, מורא'דיגען טומעל האָט מען געקענט פערשטעהן, אַז עמעצער אין דער נאַטור האַלט גאַנץ שמאָל.

עפּעס אַמעכטיגע זיעגרישע קראַפט האָט זיך דאָרט געיאָגט נאָך עמעצען איבער'ן פעלד, האָט געבושעוועט אין וואַלד און אויפ'ן דאַך פונ'ם קלויסטער, האָט בייז געקלאַפּט אין דעם פענסטער, האָט גע־קעהרט און געריסען און עטוואָס בעזיגטעס האָט געדעוועט און גע־וויינט... דער רחמנות'דיגער געוויין האָט זיך געהערט דאָ הינטער'ן פענסטער, דאָ איבער דעם דאַך און דאָ אין אויווען. אין דעם דאָזיגען וויינען האָט געקלונגען ניט קיין הילף־געשריי, נור אַ אומעט, דאָס בע־וואוסטזיין, אַז עס איז פארפאַלען, נישטאָ קיין רעטונג...

די בערגלאַך שנעע האָבען זיך איבערגעצויגען מיט אַ דינער הייטעל פון אייז; אויף זיי און אויף די בוימער האָבען געציטערט טרעה־

רען, איבער די וועגען און שטעגלאך האָבען זיך צוגאָסען טונקעלע לי־זשעס פון בלאָטע און צוגאַנגענעם שנעע.

מיט איין וואָרט, אין דרויסען האָט דער פראָסט געהאַט אָפּגעלאָזט און די ערד האָט געטאיעט, אָבער צוליעב דער פינסטערער נאַכט, האָט דער הימעל עס נישט געקענט זעהן און האָט מיט אַלע קרעפטען גע־שאָטען אויף דער צוטאיעטער ערד נייע הויפענס שנעע. און דער ווינד האָט געהוליעט, ווי אַ שיכור׳ער... ער האָט דעם שנעע ניט געלאָזט זיך לייגען אויף דער ערד און האָט איהם געדרעהט אין דער פינסטער ווי ער האָט נור געוואָלט.

גיקין האָט זיך צוגעהערט צו דער דאָזיגער מוזיק און האָט זיך געבלאָזען. ער האָט געוואוסט, אָדער וועניגסטענס האָט ער זיך אָנגע־שטויסען, צו־וואָס דער גאַנצער עסק הינטער׳ן פענסטער איז געמאַכט געוואָרען און ווער דאָס האָט געמאַכט.

— איך ווייס־ייס־ס! — האָט ער געמורמעלט, סטראשענדיג עמעצען אונטער דער קאָלדרע מיט אַ פינגער: — איך ווייס אַלץ!

ביים פענסטער אויף אַ קליין בייגקעל איז געזעסען זיין ווייב, ראַאיסאַ נילאָוונאַ. אַ בלעכען לעמפּעלע, וועלכעס איז געשטאַנען אויף אַ צווייטען בייגקעל, האָט עפּעס אַזוי אונזיכער, ווי נישט גלויבענדיג אין די אייגענע כוחות, געגאָסען אַ קליין, שיטער, צוקענדיג שיין אויף איהרע ברייטע אַקסלען, די שעהנע פולע פאָרמען פון איהר קערפּער און אויף איהר דיקען צאָפּ, וואָס האָט געגרייכט ביז דער ערד.

זי איז געזעסען און פון גראָבען לייווענד זעקלאך גענייהט. איה־רע הענד האָבען זיך פלינק באַוועגט, נור דער גאַנצער קערפּער, דער אויסדרוק פון די אויגען, די ברעמען, די פעטע ליפּען, דער ווייסער האַלז זיינען געוועזען אריינגעטהאָן אין גאַנצען אין דער איינטאָניגער, מעכאַ־נישער אַרבייט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שלאָפען. נור ווען־גט־ווען האָט זיך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אום אויסצוגלייכען איהר פערמאַטערטען נאַקען, האָט פון דער זייט געוואָרפען אַ בליק אויף דעם פענסטער, הינטער וועלכען עס האָט געבושעוועט דער שטורם און דערנאָך זיך ווידער איבערגעבויגט איבער דעם לייווענד. איהר שעהנער פּנים מיט דעם פאַרריסען נעזעל און חן־גריבעלאך אויף די באַקען האָבען גאָרנישט ניט אויסגעדריקט, נישט קיין פערלאַנג, נישט קיין

אומעט און נישט קיין פרייד. אַט אַזוי דריקט אויך גאָר נישט אויס אַ שעהנער פאַנטאַן, ווען ער שלאָגט נישט.

נור אַט האָט זי געענדיגט איין זאַך, האָט איהם אַ וואָרף געטהאָן אַן אַ זייט און, אַ ציה געטהאָן זיך מיט הנאה, האָט זי אָנגעשטעלט איהר פערלאָשענעם אונבעוועגליכען בליק אויף דעם פענסטער...

אויף די שויבען האָבען געציטערט טרעהרען און שוואַכינקע וויי־סינקע שנעעלאַך האָבען געשיינט. אַ שנעעלע פאַלט ארויף אויפ׳ן שויב, גיט אַ קוק אויף דער דיאַקאָניכע און צוגעהט...

גנעה, לעג זיך! — האָט אַ בורטשע געטהאָן דער דיאַקאָן.

די דיאַקאָניכע האָט געשוויגען. נור פּלוצים האָבען זיך איהרע ברעמען גענומען באַוועגען און אין די אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויפמערקזאַמקייט. סאַוועלי, וועלכער האָט זי די גאַנצע צייט בעאָב־אַכטעט פון אונטער דער קאָלדרע האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געפרעגט:

— וואָס איז?

— גאָרנישט... דאַכט זיך, עמעצער פאָהרט... — האָט שטיל געענטפערט די דיאַקאָניכע.

מיט די הענד און די פיס האָט דער דיאַקאָן פון זיך אראָבגעשליי־דערט די קאָלדרע, האָט זיך געשטעלט אין בעט אויף די קניע און האָט טעמפּ אָנגעקוקט דאָס ווייב.

דער בלייבער שיין פון דעם לעמפּעלע האָט בעלייכטעט זיין האָ־ריג, געשטופּעלט פּנים און דעם צופּאַטעלטען, הארטען קאָפּ.

— דו הערסט? — האָט געפרעגט דאָס ווייב.

דורך דעם איינטאָניגען יאָמער פונ׳ם שטורם האָט ער דערהערט אַ שוואַכען, דינעם קרעכץ, וואָס איז עהנליך געוועזען צו דעם הוזשען פון אַ קאָמאַר, ווען ער וויל זיך זעצען אויף אַ באַק און בייזערט זיך, פאַרוואָס מען שטערט איהם.

דאָס איז די פּאָסט... — האָט ארויסגעבורטשעט סאַוועלי און זיך געזעצט אויף די פּיאַטעס.

אַ דריי וויאָרסט פונ׳ם קלויסטער איז געלעגען דער פּאָסט־וועג. ווען עס איז געווען אַ ווינד און עס האָט געבלאָזען פונ׳ם גרויסען וועג אויף דעם קלויסטער, האָבען די איינוואָהנער פונ׳ם וועכטער־שטיבעל געהערט דאָס קלינגען פון גלעקלאַך.

— גאַטעניו, האָבען נאָך מענשען אַ פערלאַנג צו פאָהרען אין אַזא וועטער! — האָט אַ זיפץ געטהאָן די דיאַקאָניכע.

— דאָס איז רעגיערונגס־זאַך! ווילסט יאָ, ווילסט ניט, מוזט פאָהרען...

דער קרעכץ האָט זיך געהאַלטען אַ ווײַלע אין דער לופטען און איז פערשטאָרבען.

— פאַרביי געפאָהרען! — האָט געזאָגט סאַוועלי לייגענדיג זיך.

ער האָט אָבער נאָך נישט צייט געהאַט זיך צו צודעקען מיט דער קאָלדרע, ווי צו זיין אויער האָט זיך דערטראָגען אַ העלער קלונג פון אַ גלעקעל. דער דיאַקאָן האָט אונרוהיג אַ קוק געטהאָן אויף דער ווייב, איז אַראָבגעשפּרונגען פון בעט און, שאָקלענדיג זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, האָט ער גענומען געהן אַרום אויוועץ.

דער גלעקעל האָט געקלונגען אַ ווײַלע און איז ווידער פערשטאָרבען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך איבערגעריסען.

— עס הערט זיך נישט מעהר... — האָט אַרויסגעשטאַמעלט דער דיאַקאָן, האָט זיך אָבגעשטעלט און גענומען זשמורען די אויגען אויף דער ווייב.

נור אין דערזעלבער צייט האָט דער ווינד אַ קלאַפּ געטהאָן איבער דעם פענסטער און האָט דערטראָגען אַ דינעם קלינגענדיגען קרעכץ... סאַוועלי איז בלייך געוואָרען, האָט אַ הוסט געטהאָן און ווידער גענומען שליאָפּען איבער דער פּאָדלאָגע מיט די באָרוועסע פיס.

— די פּאָסט בלאָנדזשעט! — האָט ער גענומען כריפּען, קריימענדיג זיך בייז אויף דער ווייב: — דו הערסט? די פּאָסט בלאָנדזשעט!... איך... איך וויים! שוין־זשע... מיינסטו... פאַרשטעה איך ניט? — האָט ער געשטאַמעלט — איך וויים אַלץ, איינגעזונקען זאָלסטו ווערען!..

— וואָס ווייסטו? — האָט שטיל געפרעגט די דיאַקאָניכע, ניט אָברייסענדיג די אויגען פונ'ם פענסטער.

— אָט דאָס וויים איך, אַז דאָס זיינען אַלץ דיינע אויפטהועכצען, מכשפה! דיין אַרבייט, איינגעזונקען זאָלסטו ווערען! אי אָט דער שטורם, אי דאָס, וואָס די פּאָסט בלאָנזשעט... דאָס האָסטו אַלץ אָנגעמאַכט! דו!

— רעדסט פון היץ, גולם... — האָט רוהיג בעמערקט די דיאַקאָניכע.

— איך האָב דאָס לאַנג ביי דיר בעמערקט! ווי נור איך האָב חתונה געהאַט, גלייך, דעם ערשטען טאָג, האָב איך שוין בעמערקט, אַז ביי דיר איז הינטיש בלוט!..

— פוי! — האָט געזאָגט ראַאיסאַ, דריקענדיג מיט די אַקסלען, און איבער'געצלמ'ט זיך: — דו צלם זיך איבער, גולם איינער!

— אַ מכשפה בלייבט אַ מכשפה — האָט ווייטער גערעדט סאַוועלי מיט אַ הייזעריגען, וויינענדיגען קול און זיך פלינק געשנייצט די נאָז און פאָלע פון זיין העמד — כאָטש דו ביזט מיין ווייב, און כאָטש דו שטאַמסט פון גלחים, נור איך וועל אפילו אין מיין ווידוי וועגען דיר אַזוי זאָגען, אפילו דעמאָלט וועל איך זאָגען, וואָס פאַר אַ סחורה דו ביזט... יאָ, ווי זשע־דען? גאָטעניו אין הימעל, נעהם זיך פאַר אונז אָן און פאַרגיעב! פאַר־אַ־יאָהרען, אין דעם יום טוב פון נביא דניאל און די דריי בחורים איז געווען אַ שטורם, און — וואָס איז געשעהן? דער בעל מלאכה איז פאַרפאָהרען אהער זיך אָנוואַרעמען... דערנאָך, אין דעם טאָג פונ'ם געטליכען אַלעקסעי, האָט אויפגעריסען דעם טייך און פאַרשלעפּט אהער דעם אוריאַדניק... אַ גאַנצע נאַכט איז ער דאָ אָבגעזעסען, דער פערפלוכטער, און מיט דיר געשמועסט... און ווען ער איז אויף מאָרגען אין דער־פריה ארויס און איך האָב אויף איהם אַ קוק געטהאָן, איז ביי איהם אונטער די אויגען געווען בלויע פאַסען און די באַקען איינגעצויגען! אהא! איך האָב געזעהן, נישקשה!.. שפּעטער, אין אַנדערע יום טובים איז צוויי מאָל געווען אַ שטורם און ביידע מאָל איז אַ יעגער אהער געקומען נעכטיגען.. איך האָב אַלץ געזעהן, אַז איינגעזונקען זאָל ער ווערען! אַלץ! אהא, ביזט רויט געוואָרען, ווי אַ ראַק! אהא!

— דו האָסט גאָרנישט ניט געזעהן...

— נו, יאָ! און היינטיגען ווינטער, פאַר וויינאַכטען, ווען דער שנעע־שטורם האָט אָנגעהאַלטען טאָג און נאַכט... געדענקסט? — דער שרייבער האָט פערלאָרען דעם וועג און עס האָט איהם אָנגעטראָגען אהער, דעם הונד... און אויף וועמען האָסטו זיך דאָ געקוואָפּעט? פוי, אויף אַ שרייבערל! כדאי געווען צוליעב אַזעלכען איבערקעהרען גאָט'ס נאַטור! אָנמאַכען אַזאַ וועטער! אַ שטיק גאָר־

נישט, אַ סמאַרקאַטש, אַ קליינציקער, פון דער ערד נישט אָבגעוואַק־סען, די גאַנצע מאָרדע אין פרישצעס, און די האַלז אַ קרומע... מילא, וואָלט ער כאָטש געווען אַ שעהנער, אָבער אַזוי — פוי! טייפעל!

דער דיאַקאָן האָט אָבגעצויגען דעם אָטהעם, ארומגעווישט די ליפען און זיך צוגעהערט. דער גלעקעל האָט זיך מעהר נישט געהערט, אָבער עס האָט אַ ריס געטהאָן איבער'ן דאַך דער ווינד און אין דער פינסטערניש הינטער דעם פענסטער האָט ווידער געגומען קלינ־גען.

— און אצינד אויך! — האָט ווייטער גערעדט סאַוועלי — ניט אומזיסט בלנאָדזשעט דאָרט די פּאָסט! שפּיי מיר אָן פולע אויגען, אויב נישט דיך זוכט עס דאָרט די פּאָסט! נישקשה, דער שד ווייס שוין זיין ארבייט, אַ גוטער מיטהעלפער, איז ער! וועט דרעהען, דרעהען און אהער פאַרדרעהען! איך ווייס־יי־ס! איך זעה־ה! ועסט שויז פון מיר נישט בעהאַלטען, טייפעלשע חבר'טע, אויסגעלאַסענע חצופה דו! ווי דער שטורם האָט זיך נור אָנגעהויבען, האָב איך גלייך פערשטאַנען, וואָס דו טראַכסט זיך!

— אָט איז אַ גולם! — האָט אַ שמייכעל געטהאָן די דיאַקאָ־ניכע — קומט אוים, הייסט עס, נאָך דיין נארישען שכל, אַז איך מאַך אָן די זאַווערוכעס?

— הם!.. דו מעגסט זיך לאַכען — דו, צי נישט דו, אבי איך באַמערק: ווי נור אין דיר הויבט אָן צו שפּיעלען דאָס בלוט, גלייך ווערט דאָס וועטער שלעכט, און ווי נור עס ווערט שלעכט דאָס וועט־טער, גלייך פארשלעפּט אהער דער שוואַרץ יאָהר אַ וועלכען ניט איז משוגענעם. יעדעם מאָל קומט אַזוי אוים! הייסט עס, אַלזאָ, אַז דו!...

אום נאָך מעהר זי צו איבערצייגען, האָט דער דיאַקאָן צוגעלעגט אַ פינגער צום שטערן, פערמאַכט דאָס לינקע אויג און ארויסגערעדט מיט אַ זינגענדיגען קול:

— אָה, משוגעת! אָה, פערעטהערישע אויסגעלאַסענהייט! ווען דו וואָלסט אויך אָן אמת געווען אַ מענש און ניט קיין מכשפה, וואָלסטו דעמאָלט אַ טראַכט געטהאָן: אפשר זיינען גאָר יענע, אי דער בעל מלאכה, אי דער יעגער, אי דער שרייבער גאָר קיין מענ־

שען ניט, נור שדים, וואָס האָבען זיך פערשטעלט פאר אזוינע מענ־
שען! הא? וואָלסטו דען דעמאָלט אזוי ניט א טראכט געטהאָן?

— גוואלד, וואָס פאר א נאר דו ביזט, סאוועלי! — האָט א זיפץ געטהאָן די דיאקאָניכע, קוקענדיג מיט רחמנות אויף איהר מאַן:

—ווען דער פּאפּא האָט געלעבט און דאָ געוואוינט, פלעגען צו איהם קומען אָהן א שיער מענשען, צו היילען זיך פון קדחת: אי פון די דערפער, אי פון די שטעדטלאַך, אי פון די ארמענישע קווארטאלען פלעגען מענשען צו אונז קומען, יעדען טאָג, און קיינעם איז גאָר ניט איינגעפאלען, אז דאָס געהען צו אונז שדים. און ביי דיר, אז עמיצער פערפאָהרט צו אונז אמאָל אין א נאָווינע ווען דאָס וועטער איז שלעכט, אנצו־ווארעמען זיך, פאלט דיר איין באלד פער־שיעדענע ווילדע געדאנקען.

זיין ווייב'ס שכל'דיגע ווערטער האָבען גערירט סאוועליע'ן. ער האָט צושפּרייט די באָרוויסע פיס, ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פערטראכט. אין גאנצען איז ער נאָך ניט געווען זיכער, אז זיין פרוי איז א מכשפה און דער אויפריכטיגער, רוהיגער טאָן פון זיין פרוי האָט איהם גאָר אין גאנצען צומישט. דאָך, אז ער האָט די זאַך נאָך אמאָל ארומגעטראכט, האָט ער א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

— ווארום עפּעס קומען ניט אהער זיך ווארעמען אלטע לייט, אָדער קאליקעס, פארוואָס עפּעס אלע מאָל דוקא יונגע לייט... פארוואָס, הא? און וואָלטען זיי כאָטש געקומען אהער זיך נור ווא־רעמען, זיי קומען דאָך אָבער אהער צוליעב עפּעס אנדערש. ניין, פרוי, ביטרער פון אייער ווייבערשען פאָלק איז גאָר קיין בעשע־פעניש אויף דער וועלט ניטאָ! דאָס הייסט, אמת'ן שכל איז ביי אייך טאקי דאָ ווענינער ווי ביי א קאַץ, דערפאר אָבער זייט איהר ביטרע, אוי, זייט איהר ביטרע, אז איין גאָט זאָל פון אייך שומר ומציל זיין! אָט קלינגט די פּאָסט ווידער! ווי נור אין דרויסען האָט גענומען דרעהען, אזוי גלייך האָב איך שוין געוואוסט אלע דיינע גע־דאנקען! דו האָסט עס אָנגע'כישופ'ט, מכשפה!...

— אָבער וואָס בינדסטו זיך צו מיר, אנשיקעניש דו? — האָט זי די געדולד פערלאָרען — וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט, קלעק דו?

— איך וויל, דו זאָלסט וויסען, אז אויב היינט ביי־

נאכט וועט עפּעס זיך טרעפען... זאָלסטו וויסען, אז מאָרגען גאנץ פריה געה איך אריבער צום גלח ניקאדים און דערצעהל איהם אלעס. פאָטער־ניקאדים — וועל איך זאָגען — אזוי און אזוי, מיין ווייב, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, איז א מכשפה. וואָס הייסט א מכשפה? וועל איך איהם דערצעהלען די גאנצע מעשה. אָט אזוי איז די מעשה, פאָטער־ניקאדים... און אז אָך און וועה וועט דיר דעמאָלט זיין, פרוי! ניט נור וועסטו בעקומען דיין שכר אויף יענער וועלט, אין גהינום, נור אויף דער וועלט וועט מען דיך אויך ניט שאָנעווען! ניט אומזיסט זיינען וועגען אייך, פרויען, אָנגעשריעבען געוואָרען תפלות!

פלוצים האָט מען אָנגעקלאָפּט איג'ם פענסטער און אזוי שטארק און ניט געוועהנליך, אז סאַוועלי איז בלייך געוואָרען און זיך ארונ־טערגעלאָזט אויף דער בעט פאר שרעק. זיין ווייב איז אויפגעשפרונ־גען און איז אויך בלייך געוואָרען.

— האָט רחמנות, לאָזט אריין זיך אָנוואַרעמען! — האָט זיך דערהערט א ציטערענדיגע באס־שטימע — מיר האָבען פערבלאָנ־דזשעט!

— ווער זייט איהר? — האָט די דיאַקאָניכע געפרעגט, מורא האָבענדיג א קוק צו טהאָן אויפ'ן פענסטער.

— די פּאָסט! — האָט געענטפערט א צווייטע שטימע.

— אָט איז דיר! — האָט א מאך געטהאָן סאַוועלי מיט א האנד — איך האָב עס פריהער געוואוסט. דיין כישוף האָט געהאָל־פען... איך בין געוועזען גערעכט... הער אויס, דו וועסט שוין זעהן!

ער איז א פּאָאָר מאָל אונטערגעשפרונגען אויף דער בעט, האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויפ'ן פּערינקע און, סאָפּענדיג בייז, האָט ער זיך אומגעקעהרט מיט'ן פנים צו דער וואנד.

באלד האָט איהם אָן אָטהעם געטהאָן אויפ'ן רוקען א קעלט. די טהיר האָט א סקריפּע געטהאָן, און אויפ'ן שוועל האָט זיך בעווי־זען א הויכע מענשישע געשטאַלט, פערשאָטען פון קאָפּ ביז די פיס מיט שנעע. א הינטער איהר האָט זיך בעוויזען א צווייטע, אויך אין גאנצען א פערשנעעטע.

— די פּעק אויך אריינטראָגען? — האָט געפרעגט די צווייטע געשטאַלט מיט א הייזעריגען באס.

— וואָס דען? אין דרויסען זיי איבערלאָזען, וואָס?

און געזאָגט עס, האָט די ערשטע געשטאַלט גענומען אָפּבינדען דעם באַשליק פונ'ם קאָפּ און, ניט האָבענדיג קיין געדולד איהם אין גאַנצען פונאַנדערצוקניפּלען, האָט ער דעם באַשליק אַרונטערגעריסען פונ'ם קאָפּ צוזאַמען מיט'ן היטעל און מיט כעס עס אַ שליידער געטהאָן צו דער אויווען. דערנאָך האָט ער אַרונטערגעוואָרפען פון זיך דעם אויבער־ראָק, איהם אויך אַ שליידער געטהאָן אַהין און, ניט בעגריסט זיך, האָט ער גענומען געהן איבער'ן שטוב הין און צוריק.

דאָס איז געווען אַ יונגער בלאָנדער פּאָטשטאַליאָן אין אַן אַלטען, אָפּגעטראָגענעם רעקעל און אין געלע, שמוציגע שטיוועל.

אָנגעוואַרעמט זיך אַביסעל פונ'ם געהן, האָט ער זיך אַנידער־געזעצט בײם טיש, אויסגעצויגען די שמוציגע שטיוועל צו די זעק און אונטערגעשפּאַרט מיט אַ פויסט דעם קאָפּ.

אויף זײן בלייך פּנים מיט רויטע פלעקען זיינען נאָך קענטיג געווען די שפּורען פון די נור־וואָס דורכגעלעבטע וועהטאָגען און שרעק. אויסזעהענדיג בייז און אויסגעמוטשעט, מיט נאַסע שנעעלאַך אויף די ברעמען, וואָנצעס און רונד בערדעל, האָט דער פּאָטשטאַליאָן אויסגעקוקט שעהן.

— אַ הינטיש לעבען — האָט ער אַ בורטשע געטהאָן, קוקענדיג ארום זיך אויף די ווענד, אַקוראַט ווי איהם וואָלט זיך גאָר ניט גע־גלויבט, אַז ער געפינט זיך אין אַ וואַרעם הויז: — מיר זיינען שיעור נישט אומגעקומען! ווען ניט אייער פייער, ווייס איך ניט, וואָס מיט אונז וואָלט פּאַסירט... און ווייס דער טייפעל, ווען דאָס אַלעס וועט אַ סוף נעהמען! עס נעהמט גאָר קיין סוף ניט צו דעם דאָזיגען הינטישען לעבען! וואו געפינען מיר זיך? — האָט ער זיך פּלוצים אונטערבראָכען, אומבייטענדיג דעם טאָן, און אַ קוק געטהאָן אויף דער דיאַקאָניכע.

—אין דעם גוט פון דעם גענעראַל קאַלינאָווסקי — האָט די דיאַ־קאָניכע געענטפערט, האָט אַ ציטער געטהאָן און איז רויט געוואָ־רען.

— דו הערסט, סטעפּאַן? — האָט דער פּאָטשטאַליאָן זיך אַ קעהר געטהאָן צום פוהרמאַן, וועלכער האָט זיך פערטשעפּעט אָן דער טהיר מיט אַ גרויסען רימענעם פּאַק אויפ'ן רוקען: — מיר האָבען פערבלאָנדזשעט אין דעם גוט פון דעם גענעראַל קאַלינאָווסקי!

— יאָ... גאַנץ ווייט!

און ארויסגערעדט עס, האָט דער פוהרמאַן נאָך ארויסגעלאָזט א הייזעריגען קורצען זיפץ, איז ווידער ארויסגעגאַנגען און האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט מיט דעם פּאָטשטאַליאָנ'ס שווערד אויף א ברייטען רימען, וואָס מיט זיין פאָרמע איז עהנליך געווען צו דעם לאַנגען, פלאַכען שווערד, מיט וועלכען מען שטעלט פאָר געוועהנליך אויף די ביליגע בילדער יהודית'ן נעבען האָלאָפערנוס'עס שלאָף־געלעגער.

אויסגעלייגט די פּעק אַרום דער וואַנד, איז דער פוהרמאַן ארויס אין פיהר־הויז, האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט און פערראויכערט א פּיפּקע.

— אפשר וועט איהר טהעע טרינקען ביי אונז? — האָט די דיאַקאָניכע געפרעגט.

— ווער האָט עס צייט פאַר טהעע? — האָט זיך דער פּאָטשטאַליאָן אָנגעכמורעט — מען דאַרף גלייך פאָהרען, אָנגעוואַרעמט זיך נור אביסעלע, א ניט וועלען מיר נאָך דעם צוג פערשפּעטיגען. א מינוט צעהן וועלען מיר דאָ ביי אייך זיין און דערנאָך פאָהרען. איהר וועט נור אזוי גוט זיין, אונז דעם וועג ווייזען...

— האָט גאָט אָנגעשיקט אביסעל א וועטער! — האָט די דיאַקאָניכע א זיפץ געטהאָן.

— יאָ־יאָ!.... און ווער זייט איהר?

— מיר? היגע, פונ'ם קלויסטער... מיר זיינען פון גלח'שען שטאַנד. אָט דאָרט ליעגט מיין מאַן! סאַוועלי, שטעה־זשע אויף, קום בעגרים זיך! פריהער האָט דער קלויסטער געהאַט זיין געמיינדע און זייט א יאָהר און א האַלב איז אויס. כל זמן די פריצים האָבען דאָ געוואוינט, זיינען מענשען געווען, איז געווען א געמיינדע, האָט עס עפּעס אונז אריינגעטראָגען און מיר האָבען געהאַט פון וואָס צו לעבען. זייט אָבער די פריצים זיינען ארויסגעפאָהרען, איז אויס געמיינדע, די נאָהענטסטע דאָרף פון דאַנען איז א וויאָרסט פינף! איצט איז מיין סאַוועלי אויסער דיענסט און... איז דאָ אַנשטאָדט א וועכטער. מען האָט איהם איבערגעגעבען צו היטען דעם קלויסטער.

און באַלד האָט דער פּאָטשטאַליאָן זיך דערוואוסט, אז ווען סאַוועלי וואָלט אריבערגעפאָהרען צו דער גענעראַלשע און וואָלט ביי איהר געבעטען א בריעף צום ארכירעי, וואָלט מען איהם געגעבען א

גוטע שטעלע ביי אַנאַנדער געמיינדע; צו דער גענעראַלשע פאַהרט ער ניט דערפאַר, ווייל ער פוילט זיך און האָט מורא פאַר מענ־שען.

— מיר זיינען פאַרט פון גלח'שען שטאַנד... האָט צוגעלייגט די דיאַקאָניכע.

— היינט פון וואָס לעבט איהר? — האָט דער פּאָטשטאַליאָן געפרעגט.

— צום קלויסטער זיינען דאָ לאַנקעס און גערטנער. מיר שניי־דען הייה און פערזייהען די גערטנער. מיר האָבען אָבער פון דעם זעהר ווענִיג — האָט אַ זיפץ געטהאָן די דיאַקאָניכע — דאָ איז דאָ אַ גלח פאָטער ניקאָדים, האָט ער גרויסע אויגען, צוויי מאָל אַ יאָהר קומט ער אהער גאָטעס־דיענסט האַלטען, דעמאָלט נעהמט ער ביי אונז אוועק כמעט אַלעס. נישטאָ ווער זאָל זיך פאַר אונז אָננעהמען!

— דו לייגסט! — האָט ארויסגעכריפּעט סאַוועלי — דער פּאָ־טער ניקאָדים איז אַ הייליגע נשמה, אַ שיין פאַר'ן קריסטענטהום, און אויב ער נעהמט, מסתמא קומט איהם!

— וואָס פאַר אַ בייזען מאַן דו האָסט! — האָט אַ שמייכעל גע־טהאָן דער פּאָטשטאַליאָן — ביזט שוין לאַנג פערהייראַטעט?

— שוין פיער יאָהר. פריהער האָט דאָ געדיענט אַלס דיאַקאָן מיין פּאַפּאַ און דערנאָך, אַז עס איז געקומען זיין צייט צו שטאַרבען, איז ער, אום צו פערזיכערען מיך, אריבערגעפאָהרען אין קאָנסיסטאָ־ריע און געבעטען, מען זאָל פאַר מיר שיקען אַ חתן אַן אונפערהייראַ־טעטען דיאַקאָן. האָב איך חתונה געהאַט.

— אהא, הייסט עס, אַז דו האָסט מיט איין קלאַפּ געקראָגען צוויי זאַכען, אי אַ שטעלע, אי אַ ווייב! — האָט דער פּאָטשטאַליאָן זיך אָנגערופען, קוקענדיג אויף סאַוועליע'ס רוקען.

סאַוועלי האָט אונגעדולדיג אַ דריגעווע געטהאָן מיט אַ פוס און זיך ווייטער אוועקגערוקט צו דער וואַנד צו.

דער פּאָטשטאַליאָן האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט, אַ ציה געטהאָן זיך און זיך געזעצט אויף אַ פּאַק. דערנאָך האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, האָט איבערגעטאַפּט מיט די הענד די פּעק, איבערגעלייגט זיין שווערד אויף אַנאַנדער פּלאַץ און האָט זיך אויסגעצויגען, אַרונ־טערלאָזענדיג איין פוס אויף דער פּאָדלאָגע.

— א הינטיש לעבען... — האָט ער ארויסגעמורמעלט, פערלייגט די הענד אהינטער'ן נאַקען און צוגעמאַכט די אויגען: — אפילו א טאַטער וואָלט איך אזא לעבען ניט געוואונשען.

באַלד איז געוואָרען שטיל. עס האָט זיך נור געהערט דאָס כראָפּען פון סאַוועלי'ן און די טענער, וואָס דער אנשלאָפענער פּאָטשטאַליאָן האָט דורך די ליפּען ארויסגעלאָזט, די טענער, גראָבע און לאַנגע, וואָס האָבען געקלונגען „ק־ק־ק־ק...."

צייטענווייז האָט אין זיין האַלז געסקריפּעט עפּעס א מין רעדעלע און איבער'ן פּאַק האָט געשאַרקעט די אויפּציטערענדיגע פוס.

סאַוועלי האָט זיך גענומען קעהרען אונטער דער קאָלדרע און האָט זיך לאַנגזאַם אומגעקוקט. זיין ווייב איז געזעסען אויף איהר אָרט און, דריקענדיג איהרע באַקען מיט די לאַדאָנעס, האָט זי געקוקט דעם פּאָטשטאַליאָן גלייך אין פּנים אריין. איהר בליק איז געווען אַן אונרוהיגער, ווי ביי א צושראָקענעם מענשען.

— וואָס האָסטו דאָרט אויסגעגלאָצט דיינע אויגען? — האָט סאַוועלי בייז ארויסגעשעפּצעט.

— איז עס דיין דאגה? ליעג! — האָט געענטפערט די דיאַקאָניכע, ניט אָפּרייסענדיג איהרע אויגען פון דעם בלאָנדען קאָפּ.

סאַוועלי האָט טיעף אָפּגעזיפצט און האָט מיט כעס זיך אומגעקעהרט צו דער וואַנד.

אין א מינוט דריי ארום האָט ער זיך ווידער גענומען אונרוהיג וואַרפען אונטער דער קאָלדרע, האָט זיך אוועקגעשטעלט אין דער בעט אויף די קניע און, אָנשפּאַרענדיג זיך מיט די עלענבויגענס אַן די קישענס, האָט ער קרום א קוק געטהאָן אויף זיין פרוי.

יענע האָט זיך ניט א ריהר געטהאָן און האָט אַלץ געקוקט אויפ'ן גאַסט. איהרע באַקען זיינען בלייך געוואָרען און אין איהרע אויגען האָט געבלישצעט א מאָדנער פייערל.

סאַוועלי האָט א הוסט געטהאָן, איז אַרונטערגעקראָכען פון בעט אויפ'ן בויך, צוגעגאַנגען צו דעם פּאָטשטאַליאָן און האָט צוגעדעקט זיין פּנים מיט א טיכעל.

— צו־וואָס טהוסטו עס? — האָט זיין ווייב געפרעגט.

— אום דאָס פייער פונ'ם לעמפּעל זאָל איהם די אויגען ניט שניידען.

— פערלעש דעם פייער אין גאַנצען!

סאַוועלי האָט מיט א חשד אָנגעקוקט זיין פרוי, האָט זיך א ציה געטהאָן מיט די ליפּען צום לעמפּעל, האָט זיך אָבער גלייך א כאַפּ געטהאָן און א פּאַטש געטהאָן מיט די הענד.

— נו ביזטו דען ניט כיטרע אזוי ווי א טייפעל, הא? — האָט ער אויסגעשריען — נו, איז דען דאָ אויף דער וועלט נאָך אזא כיטרע בעשעפעניש, ווי דו?

— וואַרט, וואַרט, שטן מקטרוג דו — האָט זי ארויסגעשעפּטשעט מיט כעס — דו וועסט מיך שוין געדענקען, וואַרט!

און פעררוכטענדיג אונטער זיך איהר זיץ, האָט זי ווידער גענומען קוקען אויפ'ן פּאָטשטאַליאָן.

עס האָט נישט אויסגעמאַכט, וואָס דער פּנים איז צוגעדעקט געווען. איהר האָט אינטערעסירט ניט נור זיין פּנים, נור זיין גאַנצער אויסזעהן, די נייעקייט פון דעם דאָזיגען מאַן. א ברוסט האָט ער געהאַט א ברייטע און א מעכטיגע, הענד שעהנע, עדעלע, און זיינע שלאַנקע מוסקוליסטע פיס זיינען געווען פיעל שעהנער און מענישער, ווי סאַוועלי'ס צוויי קלעצלאַך, גאָר קיין פערגלייך ניט.

— כאָטש איך בין א שטן מקטרוג — האָט ארויסגערעדט אין א ווײַלע ארום סאַוועלי — פונדעסטוועגען, זיי דארפען דאָ ניט שלאָפען... יאָ... זייער זאַך איז א רעגיערונגס זאַך און מען וועט אונז בעשטראָפען, ווארום מיר האַלטען זיי דאָ. ווען דו פיהרסט די פּאָסט, שלאָף נישט! העי דו! — האָט סאַוועלי א געשריי געטהאָן אין פיהרהויז אריין — פּוהרמאַן.. ווי הייסטו דאָרט? איך וועל דיר דעם וועג ווייזען, שטעה אויף, שלאָף נישט מיט דער פּאָסט!

און דער צוקאָכטער סאַוועלי איז צוגעלאָפען צום פּאָטשטאַליאָן און איהם א צופּ געטהאָן פאַר'ן ארבעל:

— העי, אייער וואויל-געבורט! אויב פאָהרען, דאַרף מען פאָהרען, אויב ניט פאָהרען, איז דאָס... פּאַסט ניט צו שלאָפען.

דער פּאָטשטאַליאָן איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך געזעצט, אומגעקוקט זיך ארום מיט פערשלאָפענע אויגען און זיך ווידער אװעקגעלייגט.

— און ווען וועט איהר פאָהרען? — האָט סאַוועלי גענומען קלאַפּען מיט דער צונג, און געצופּט איהם פאר'ן ארבעל: — עס

איז דאָך די פּאָסט, מען טאָר דאָך ניט פערשפּעטיגען? איך וועל אייך דעם וועג ווייזען, איהר הערט?

דער פּאָטשטאַליאָן האָט די אויגען געעפענט. דערוואָרעמט און אָפּגעשוואַכט פון דעם ערשטען זיסען שלאָף, נאָך אין גאַנצען ניט אויסגעטשוכעט, האָט ער דערזעהן, ווי אין אַ נעבעל, דעם ווייסען האַלז און דעם אויסגעגלאָצטען, פּוטערדיגען בליק פון דער דיאַקאָניכע; ער האָט פערמאַכט די אויגען און אַ שמייכעל געטהאָן, אַקוראַט ווי דאָס אַלעס וואָלט זיך איהם גע'חלום'ט.

— נו, ווי אַזוי פאָהרט מען אין אַזאַ וועטער! — האָט ער דערהערט אַ ווייכען, פרויען קול — איהר וואָלט זיך בעסער אויסגע־שלאָפען געזונטערהייט!

— און די פּאָסט? — האָט זיך אונרוהיג אַ כאַפּ געטהאָן סאַ־וועלי — ווער וועט די פּאָסט אָפּפיהרען? דו, האַ?

דער פּאָטשטאַליאָן האָט ווידער די אויגען געעפענט, האָט אַ קוק געטהאָן אויף די חן־גריבעלאָך ביי דער דיאַקאָניכע אויפ'ן פּנים, וואָס האָבען זיך באַוועגט, און ער האָט זיך דערמאָנט, וואו ער איז אויף דער וועלט און האָט פערשטאַנען סאַוועליע'ן אויך. ביי דעם געדאַנק, אַז ער וועט דאַרפען פאָהרען אין דער קאַלטער פינסטערניש, האָט ער דערפיהלט, ווי אַ קעלט איז איהם אריבער פון קאָפּ איבער'ן גאַנצען קערפּער, און ער האָט זיך אַ קאָרטשע געטהאָן.

— אַ פינף מינוט קען מען נאָך אַ דרעמיל טהאָן — האָט ער גע־זאָגט — סיי־ווי־סיי האָבען מיר פערשפּעטיגט...

— און אפשר וועלען מיר נאָך קומען אין דער צייט — האָט זיך דערהערט דעם פוהרמאַנ'ס קול פון פיהרהויז — עס קען נאָך זיין אויף אונזער גליק, זאָל זיך דער צוג היינט אויך האָבען פערשפּע־טיגט.

דער פּאָטשטאַליאָן האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך מיט הנאה אַ ציה געטהאָן און גענומען אָנטאָן דעם אויבער־ראָק.

דערזעהן, אַז די געסט גרייטען זיך צו אָפּצופאָהרען, האָט סאַ־וועלי זיך אַזש צוהירזשעט פאַר פרייד.

— העלף, וואָס שטעהסטו! — האָט אַ געשריי געטהאָן צו איהם דער פוהרמאַן, אויפהויבענדיג פון דר'ערד אַ פּאַק.

סאָוועלי איז צוגעשפּרונגען צו איהם און האָט איהם געהאָלפען ארויסטראָגען פונ'ם שטוב די פּעק.

דער פּאָטשטאַליאָן האָט גענומען פונאַנדערקניפּלען דעם באַש־ליק.

די דיאַקאָניכע האָט פון איהם די אויגען ניט אַרונטערגענומען, אַקוראַט ווי זי וואָלט צו איהם אין דער נשמה געוואָלט אריינקריכען.

— איהר וואָלט אַ גלעזעלע טהעע אויסגעטרונקען... — האָט זי געזאָגט.

— ביי מיר וואָלט איהר געפּועלט.. אָבער איהר זעהט דאָך... מען טראָגט שוין די פּעק ארויס...

— בלייבט! — האָט זי ארויסגעשעפּצעט, ארונטערגעלאָזט די אויגען און אָנגעריהרט איהם פאר'ן ארבעל.

דער פּאָטשטאַליאָן האָט פונאַנדערגעקניפּעלט, ענדליך דעם באַשליק — און אונענטשלאָסען איהם אַ וואָרף געטהאָן איבער'ן אָרעם. איהם איז געוועזן אַזוי וואַרעם צו שטעהן נעבען דער דיאַ־קאָניכע.

— וואָס פאַר אַ שעהנע האַלז.. דו האָסט...

און ער האָט מיט צוויי פינגער זי אָנגעריהרט ביים האַלז.

דערזעהן, אַז זי לאָזט זיך, האָט ער אַ גלעט געטהאָן מיט דער האַנד דעם האַלז, די פּלייצע...

— אַהאַ, וואָס פאַר אַ...

—איהר וואָלט זיך דאָ אָפּגעשטעלט... טהעע געטרונקען...

— וואו ליגסטו דאָרט? דו, פּוכילע דו! — האָט זיך דערהערט פונ'ם הויף דעם פּוהרמאַנ'ס שטימע — לייג צווישען.

— בלייבט דאָ... הערט, וואָס פאר אַ שטורם איז אין דרויסען!

און דער פּאָטשטאַליאָן, נאָך ניט אין גאַנצען אויסגעטשוכעט פונ'ם זיסען דרימעל, האָט זיך פּלוצים אָנגעצונדען, אַ פערלאַנג האָט אין איהם ערוואַכט, אַ פערלאַנג, צוליעב וועלכען מען פערגעסט די פּעק, די פּאָסט־צוגען און אַלעס אויף דער וועלט... צושראָקען, אַקו־ראַט ווי ער וואָלט וועלען אַנטלויפען, צו בעהאַלטען זיך, האָט ער זיך אומגעקוקט אויף דער טהיר, האָט אַ כאַפּ געטהאָן די דיאַקאָניכע

ביי דער טאַליע און זיך איינגעבויגען איבער'ן לעמפּעל, אום דאָס פייער צו פערלעשען, ערשט אין פיהרהויז האָבען זיך דערהערט שווע־רע טריט און אויף'ן שוועל האָט זיך בעוויזען דער פוהרמאַן.. פון אהינטער דעם פוהרמאַן'ס אַקסעל האָט ארויסגעקוקט סאַוועלי.

דער פאַטשטאַליאָן האָט שנעל ארונטערגעלאָזט די הענד און איז שטעהן געבליבען, ווי פערטראַכט.

— פאַרטיג ! — האָט דער פוהרמאַן געזאָגט.

דער פאַטשטאַליאָן איז נאָך א ווײַלע געשטאַנען, האָט ענערגיש א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אזוי ווי אין גאַנצען זיך אויסגעטשו־בעט, און איז אוועק נאָכ'ן פוהרמאַן. די דיאַקאָניכע איז געבליבען אליין.

— זעץ זיך, ווייז אונז דעם וועג ! — האָט זי דערהערט.

פויל האָט א הילך געטהאָן איין גלעקעלע, דערנאָך א צווייטער און די הילכענדיגע טענער האָבען זיך באלד געטראָגען אלץ ווייטער און ווייטער פון איהר שטיבעל.

ווען זיי זיינען ביסלעכווייז פערשטאָרבען געוואָרען אין דער ווײַ־טער ווייטקייט, האָט די דיאַקאָניכע זיך א ריעס געטהאָן פון איהר אָרט און נערוועז גענומען לויפען איבער'ן שטוב פון איין ווינקעל אין דעם אַנדערן.

אפריהער איז זי געווען בלייך, דערנאָך איז זי אין גאַנצען רויט געוואָרען. איהר פּנים האָט אויסגעדריקט האַס, איהר אָטהעם האָט גע־ציטערט, די אויגען האָבען געבלישצעט מיט א ווילדען בייזען פייערל און, ארומלויפענדיג איבער'ן שטוב, ווי א שטייג, איז זי עהנליך גע־ווען צו א טיגערין, וועלכע מען שרעקט מיט אַן אָנגעברענטען איי־זען.

אויף א רגע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און א קוק געטהאָן אויף איהר וואוינונג. כמעט א האלבען צימער האָט פערנומען די בעט, וואָס האָט זיך געצויגען פּאַזע וואַנד און וועלכע איז בעשטאַנען פון א שמוציגער פערינקע, גרויע הארטע קישענס, א קאָלדרע און פון פער־שיעדענע אַנדערע שמאַטעס, וואָס האָבען גאָר קיין נאָמען ניט. די דאָזיגע בעט האָט אויסגעזעהן ווי עפּעס א צופלאָנטערטע, מיאוסע זאַך, אָהן שום פאָרמע, אָהן שום פּאַסאָן, כמעט ווי דאָס, וואָס זי

האָט אימער געזעהן ביי סאַוועליע'ן אויפ'ן קאָפּ, בעת איהם האָט זיך פערגלוסט צו בעשמירען זיינע האָאָר מיט אויל.

פון דער בעט צו דער טהיר, וואָס איז אַרויס צו דעם קאַלטען פיהרהויז, האָט זיך געצויגען אַ דונקעלע אויוועז מיט טעפּ און אויס־געהאַנגענע שמאַטעס. אַלעס, צוזאַמען מיט סאַוועליע'ן, וואָס איז איצט געהאַט ניט געווען אין שטוב, האָט דאָרט אויסגעזעהן אַזוי שמוציג, פערסמאַרקעט און פעררויכערט, אַז עס איז נור געווען אַ חידוש, ווי עס קומט דאָרט, אין אַזאַ אומגעבונג, אַ ווייסער האַלז און אַן עדעלע, צאַרטע הויט פון אַ פּרויענצימער.

די דיאַקאָניכע איז צוגעלאָפען צו דער בעט, האָט די הענד אויס־געשטרעקט, אַקוראַט ווי זי וואָלט בדועה געהאַט צורייסען און צופלי־קען דאָס אַלעס, אַ תּל פון דעם אַלעס מאַכען, נור דערנאָך, אַזוי ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען פון דער בעריהרונג מיט דעם דאָזיגען שמוץ, איז זי אָפּגעשפּרונגען צוריק און גענומען ווידער לויפען איבער'ן שטוב...

שפּעטער אין אַ צוויי שטונדען, בעת סאַוועלי האָט זיך צוריקגע־קעהרט אַהיים אַן אויסגעמוטשעטער און אַ פערשאָטענער מיט שנעע, איז זי שוין געלעגען אַן אויסגעטאָגענע אין בעט. די אויגען זיינען ביי איהר צוגעמאַכט געווען, אָבער נאָך דעם צוקען פון איהר פּנים האָט ער פערשטאַנען, אַז זי שלאָפט ניט.

אויפ'ן וועג אַהיים איז ביי איהם געבליבען, ביז מאָרגען זי ניט צו טשעפּען און אַ וואָרט מיט איהר ניט אויסרייִדען, אָבער ער האָט זיך פאָרט ניט געקענט איינהאַלטען, אום ניט צו געבען איהר אַ שטאָך.

— אומזיסט דיין כישוף געווען: אוועקגעפאָהרען! — האָט ער געזאָגט און מיט צולהכעיס געטהאָן אַ לאַך.

זי האָט געשוויגען, איהר קינבאק האָט נור אַ ציטער געטהאָן.

סאַוועלי האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעטאָן, איז אַריבערגעקראָכען איבער איהר און האָט זיך אוועקגעלייגט צו דער וואַנד.

— און מאָרגען וועל איך אַלעס דערצעהלען דעם פאָטער ני־קאָדים, זאָל ער וויסען, וואָס פאַר אַ ווייב דו ביזט מיר — האָט ער אַרויסגעמורמעלט און זיך צונויפגעדרעהט אונטער דער קאָלדרע.

די דיאַקאָניכע האָט שנעל אַ קעהר געטהאָן צו איהם דעם פּנים און אַ בלישצע געטהאָן אויף איהם מיט די אויגען.

— גענוג אַז דו האָסט דעם פּלאַץ — האָט זי געזאָגט — און אַ ווייב זוך זיך אויף אין וואלד! וואָס פאר אַ ווייב בין איך דיר? פּלאַצען זאָלסטו! אַזאַ פערשלאָפענער שלים־מזל אויף מיין קאָפּ, זאָל מיר גאָט מוחל זיין!

— נו, נו, שלאָף... שלאָף!

— איך בין די אונגליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט! — האָט זי זיך צויאָמערט — ווען ניט דו וואָלט איך אפשר חתונה געהאט מיט אַ סוחר אַן אָנשטענדיגען! ווען ניט דו, וואָלט איך איצט מיין מאַן ליעב געהאט! פאַרוואָס האָט דיך דער שנעע ניט פערשאָטען, פאַרוואָס ביזטו דאָרט אויפ׳ן וועג ניט פערפראָרען געוואָרען, מלאך המות מיינער!

לאַנג האָט זי געוויינט. צום סוף האָט זי טיעף אַ זיפץ געטהאָן און איז אַנשוויגען געוואָרען.

הינטער׳ן פענסטער האָט דער שטורם נאָך אַלץ געיושעט. אין דער אויוועז, אינ׳ם קוימען, הינטער אַלע ווענד האָט עפּעס געוויינט און געיאָמערט, און סאַוועלי׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וויינט און קלאָגט אינווענינ אין איהם און אין זיינע אויערען.

היינטיגע נאַכט האָט איהם אין גאַנצען איבערצייגט, אַז זיין חשד, דאָס זיין ווייב איז אַ מכשפה, איז ניט געווען קיין פאַלשער. זי איז אַ מכשפה. זי מיט איהר כשוף רופט עס ארוים די ווינטען, פערשלעפּט די פּאָסט־פערד אַהער. און, צו זיין גרויסער צער, האָט די דאָזיגע געהיימע קראַפט, דער דאָזיגער איבערנאַטירליכער כישוף צוגעגעבען אַ בעזונדערען רייץ, אַן אונפערשטענדליכען רייץ, דער פרוי, וואָס איז געלעגען נעבען איהם. ער האָט גאָר פריהער קיינמאָל ניט בעמערקט, ווי שעהן זי איז. דורך דעם געהיימען פּאָעטישען שלייער, וואָס זיין דומהייט האָט איבער איהר צושפּרייט, האָט זי זיך איהם אויסגעוויזען עפּעס ווייסער, גלאַטער, ניט צוגענגליכער...

— מכשפה! — האָט ער זיך געקאַכט — פוי, מיאוסקייט!

און אין דערזעלבער צייט, דערוואַרט זיך, ביז זי איז רוהיג געוואָרען און האָט גענומען אָטהעמען גלייך, האָט ער זיך צוגעריהרט

מיט א פינגער צו איהר נאקען... האט גענומען איהר דיקען צאפ אין האנד אריין. זי האט ניט געהערט... דעמאלט איז ער געווארען דרייסטער און האט איהר א גלעט געטהאן דעם האלז.

— אוועק! — האט זי אויסגעשריען און איהם אזא קלאפ געגעבען מיט׳ן עלענבויגען איבער׳ן קרייץ, אז ער האט דערזעהן פייער פאר די אויגען.

דער וועהטאג אינ׳ם קרייץ איז באלד פאראיבער, אבער צו די פאטערניסען איז נאך לאנג קיין סוף ניט געוועןֿ.

נערוועז.

דמיטרי אָסיפאָוויטש וואַקסין, אַן ארכיטעקטאָר, האָט זיך אומ־געקעהרט פון שטאָדט צו זיך אַהיים אויף דער זומער־וואָהנונג אונ־טער דעם פרישען איינדרוק פון אַ ספּיריטואַליסטישען סעאַנס. אויס־געטהאָן זיך און אויף דעם איינזאַמען געלעגער זיך שלאָפען געלעגט (די מאַדאַם באַקסין איז אַוועקגעפאָהרען אין קלויסטער), האָט באַקסין ניט ווילענדיג גענומען זיך דערמאָהנען אָן אַלץ, וואָס ער האָט ניט לאַנג געהערט און געזעהן.

קיין סעאַנס איז אייגענטליך נישט געווען, און דער אבענד איז אַוועק אין איינע שרעקליכע געשפּרעכען. איינע אַ פריילין האָט, דיר נישט מיר נישט, פלוצים גענומען ריידען וועגען טרעפען פרעמדע מחשבות. פון מחשבות איז מען גאַנץ אונבעמערקט אריבערגעגאַנגען צו גייסטער, פון גייסטער צו געשפּענסטער, פון געשפּענסטער צו לע־בעדיג בעגראָבענע...

עפּעס אַ הערר האָט איבערגעלעזען אַ שרעקליכע ערצעהלונג וועגען אַ בר מנן, וואָס האָט זיך איבערגעקעהרט אין זיין קבר. וואַקסין אליין האָט פערלאַנגט אַ טעצעלע און האָט געוויזען די פריילינס, ווי אַזוי צו אונטערהאַלטען זיך מיט גייסטער. דערווייַלע האָט ער ארויס־גערופען זיין פעטער קלאַוודי מיראָנאָוויטש און האָט איהם אין די געדאַנקען געפרעגט: „אפשר איז שוין צייט איבערצושרייבען דאָס הויז אויף דער ווייבס נאָמען?" — אויף וואָס דער פעטער האָט גע־ענטפערט: „אין דער ריכטיגער צייט איז אַלעס גוט".

— עס איז דאָ אַ סך געהיימניספולעס און... שרעקליכעס אין דער נאַטור... — האָט געטראַכט וואַקסין, זיך לעגענדיג אונטער דער קאָלדרע. — ניט טויטע זיינען שרעקליך, נור די אונבעשטימט־קייט...

עס האָט געשלאָגען איינס אַ זייגער ביי נאַכט.

וואַקסין האָט זיך איבערגעקעהרט אויף דער אַנדערער זייט און אויסגעקוקט פון אונטער דער קאָלדרע אויף דעם בלויען פייערל פון לעמפּעל. דאָס פייער'ס האָט געטוקט און קוים בעלויכטען דעם פעטער קלאַוודי מיראָנאָוויטש'עס גרויסע בילד, וועלכעס איז געהאנגען אנטקעגען וואַנד.

— און וואָס וואָלט זיין, ווען אין דער דאָזיגער האַלב פינסטער־ניש, זאָל זיך פּלוצים בעווייזען דעם פעטער'ס שאָטען? — איז דורכ־געלאָפען ביי וואַקסין'ען אין קאָפּ — ניין, דאָס קען נישט זיין!

דאָס גלויבען אין געשפּענסטער איז אַ פאָראורטהייל, נור מענ־שען מיט אַ שוואַכען נישט רייפען שכל גלויבען אין דעריין; פונ־דעסטוועגען האָט וואַקסין ארויסגעצויגען די קאָלדרע איבער'ן קאָפּ און וואָס שטייפער צוגעמאַכט די אויגען.

פאַר זיין פאַנטאַזיע האָט זיך פאַרבייגעטראָגען דער טויטער, וועלכער האָט זיך איבערגעקעהרט אין זיין קבר... האָבען גענומען שוועבען בילדער פון זיין געשטאָרבענער שוויגער, אַ געהאַנגענעם חבר, אַ מיידעל, וועלכע האָט זיך דערטרונקען...

וואַקסין האָט גענומען טרייבען פונ'ם קאָפּ די פינסטערע גע־דאַנקען, נור וואָס שטאַרקער ער האָט זיי געטריעבען, אַלץ העלער און קלאָהרער זיינען געוואָרען די בילדער, אַלץ שרעקליכער די גע־דאַנקען. איהם איז מורא'דיג געוואָרען.

— דער טייפעל וויים דאָס... שרעקסט זיך עפּעס, ווי אַ קליין קינד... נארישקייטען!

— טיק.. טיק.. טיק — האָט הינטער דער וואַנד געקלאַפּט אַ זייגער.

דער וועכטער אויף דעם בית עולם נעבען קלויסטער האָט גע־נומען קלינגען. דער קלאַנג איז געווען אַ לאַנגזאַמער, אַ טרויעריגער, האָט ארויסגעצויגען די נשמה... איבער וואַקסינ'ס נאַקען און רוקען האָבען אזש גענומען לויפען מוראשקעס. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז איבער זיין קאָפּ אָטהעמט עמעצער זעהר שווער, עפּעס אזוי ווי דער פעטער וואָלט פון ראַם ארויס און איבער דעם פּלימעניק זיך אריבערגעבויגט...

וואַקסין'ען איז געוואָרען מורא'דיג, ניט אויסצוהאַלטען. פאַר

שרעק האָט ער צוזאַמענגעדריקט די צייהן און איינגעהאַלטען דעם אָטהעם. צום סוף, ווען אין דעם אָפענעם פענסטער איז אריינגעפלויגען א מאַיאָווער זשוק און געגומען הוזשען איבער זיין בעט, האָט ער שוין מעהר ניט געקענט אריבערטראָגען און האָט פערצווייפעלט א ציה געטהאָן דעם גלעקעל.

— דמיטרי אָסיפּיטש, וואָס ווילען זי? — האָט זיך אין א מינוט ארום דערהערט הינטער דער טהיר דער גובערנאַנטקעס קול.

— אָך, דאָס זייט איהר, ראָזאַליא קאַרלאָוונא? — האָט זיך דערפרעהט וואַקסין — צו־וואָס בעאונרוהיגט איהר זיך? גאַווריל'א האָט געקענט...

— גאַווריל'אַן האָט איהר אַליין אָבגעלאָזען אין שטאָדט אריין, און גלאַפירא איז נאָך פאַרנאַכט וואו־עס־איז אוועקגעגאַנגען... קיינער איז אין דער היים נישטאָ... וואָס ווילען זי דאָך?

— איך, מאַמעלע מיינע, האָב וואָס געוואָלט זאָגען . . . אָט... אָבער קומט אריין, שעהמט זיך נישט! ביי מיר איז פינסטער...

אין שלאָף־צימער איז אריין ראָזאַליא קאַרלאָוונא, א דיקע דייטשקע מיט רויטע באַקען און האָט זיך אָבגעשטעלט אין א ער־ווארטענדער פּאָזע.

— זעצט זיך, מאַמעלע מיינע... די זאַך, ווי איהר זעהט, איז די... — וועגען וואָס פרעגט מען איהר? — האָט א טראַכט געטהאָן וואַקסין, קרימענדיג זיך אויף דעם פּעטער'ס בילד, און פּיהלענדיג, ווי עס ווערט איהם ביסלאַכווייז רוהיגער אויף דער נשמה: — איך האָב אייגענטליך געוואָלט אייך בעטען, אָט וואָס . . . ווען עמעצער וועט מאָרגען געהן אין שטאָדט אריין, זאָלט איהר ניט פערגעסען איהם אָנזאָגען צו ברייננגען ... ברייננגען... ער זאָל מיר ברייננגען גילזען... אָבער זעצט זיך!

— גילזען? גוט! וואָס ווילען זיך נאָך?

— איך וויל? . . . גאָרנישט וויל איך, נור... אָבער איהר זעצט זיך צו! איך וועל נאָך עפּעס אויסטראַכטען..

—עס איז ניט אָנשטענדיג פאַר א מיידעל צו שטעהן אין א מאַנס־בילשען צימער... איהר, דמיטרי אָסיפּיטש, זייט, ווי איך זעה א שטיפער.. א אָבלאַכער... איך פאַרשטעה, נישקשה... צוליעב גילזען

וועקט מען ניט קיין מענשען אין מיטען נאַכט... איך פערשטעהה..

ראָזאַליאַ קאַרלאָוונאַ האָט זיך אומגעקעהרט און איז ארויס.

פון דער אונטערהאַלטונג מיט איהר, האָט זיך וואַקסין געפיהלט אביסעל בערוהיגט און האָט זיך אַצינד געשעהמט פאַר זיין כאַראַקטערלאָזיגקייט. ער האָט ארויפגעצויגען די קאָלדרע אויפ'ן קאָפּ און צוגעמאַכט די אויגען.

אַ מינוט צעהן האָט ער זיך געפיהלט נישקשה'דיג, נור דערנאָך האָט איהם אין קאָפּ ווידער גענומען קריכען דער אונזין... ער האָט אַ שפּיי געטהאָן, אָנגעטאַפּאַט די שוועבעלאַך און, ניט עפענענדיג די אויגען, האָט ער אָנגעצונדען אַ ליכט. דאָס האָט אָבער אויך נישט געהאָלפען. דעם צושראָקענעם וואַקסין'ען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עפּעס עמעצער קוקט פון ווינקעל, און דער פעטער ווינקט מיט די אויגען.

— איך וועל איהר ווידער אָנקלינגען, דער טייפעל זאָל זי נעהמען... — האָט ער בעשלאָסען — איך וועל איהר זאָגען, אַז איך בין קראַנק... וועל בעטען טראָפּענס.

וואַקסין האָט אָנגעקלונגען. קיין ענטפער איז ניט געקומען. ער האָט נאָך אמאָל אָנגעקלונגען און עפּעס אזוי ווי אַלס ענטפער אויף זיין קלונג, האָט מען גענומען קלינגען אויף דעם בית עולם.

אַ צושראָקענער, פיהלענדיג אַ קעלט אין אַלע זיינע ביינער האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן פונ'ם שלאָף־צימער און, צלם'ענדיג זיך און זידלענדיג זיך פאַר זיין כאַראַקטערלאָזיגקייט, איז ער אַ באָרוועסער, אין אַ הוילע אונטערוועש, געלאָפען צו דער גובערנאַנטקע אין צימער אריין.

— ראָזאַליאַ קאַרלאָוונאַ! — האָט ער גענומען ריידען מיט אַ ציטערדיגען קול, קלאַפּענדיג אין טיר: — ראָזאַליאַ קאַרלאָוונאַ איהר... שלאָפט? איך... בין... קראַנק... טראָפּענס!

קיין ענטפער. ארום האָט געהערשט שטילקייט...

— איך בעט אייך... איהר פערשטעהט? איך בעט! און צוואָס פאַסט דאָ די... איך פערשטעה נישט צו־וואָס איהר מאַכט אזאַ אָנשטעל, איבערהויפּט נאָך, אַז אַ מענש איז... קראַנק?... ווירקליך, איהר זייט עפּעס אַ מאָדנע... צירליך־מאַנירליך. אין אייערע יאָהרען . . .

— איך וועל דערצעהלען אייער ווייב... — האָט הינטער דער טהיר געגומען ריידען די דייטשע גובערנאַנטקע אין אַ געבראָכענער רוסישער שפּראַך — לאָזט נישט רוהען אַן אַנשטענדיגער מיידעל... ווען איך בין געווען ביי דעם באַראָן אַנציג און דער באַראָן האָט געוואָלט ביי דערנאַכט קומען צו מיר נאָך אַ שוועבעלע, האָב איך באַלד פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ שוועבעלע דאָס איז... און איך האָב דערצעהלט דער באַראָנעסע... איך בין אַ אַנשטענדיגע מיידעל...

— אויף וואָס פאַר אַ שוואַרץ־יאָהר טויג מיר אייער אַנשטענדיגקייט? איך בין קראַנק... און בעט טראָפּענס. איהר פערשטעהט? איך בין קראַנק!

— אייער ווייב איז אַן עהרליכע, גוטע פרוי, און איהר דאַרפט זי ליעבען. יאַ, זי איז אַן עדעלע דאַמע! איך וויל ניט זיין איהר שונא!

— אַ נאַר זייט איהר, אַט וואָס! איהר פאַרשטעהט? אַ בהמה!

וואַקסין האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן קליאַמקע, האָט פאַרלייגט די הענד, ווי אַ צלם, און געגומען וואַרטען, זיין שרעק זאָל אַריבער.

אומקעהרען זיך אין זיין צימער, וואו עס האָט געטוקט דאָס לעמפעל און אַרויסגעקוקט פון ראַהם דער פעטער, איז ביי איהם קיין כחות נישט געווען, און שטעהן אַ הוילער אין אונטערוועש ביי דער גובערנאַנטקעס טהיר איז אונטער אַלע אומשטענדען געווען ניט גאָר אָנגענעהם. וואָס זאָל ער טהאָן? עס האָט געשלאָגען צוויי אַ זייגער און דער שרעק איז נאָך אַלץ געווען גרויס און האָט איהם נישט איבערגעלאָזט...

אין'ם קאָרידאָר איז געווען פינסטער און פון יעדען ווינקעל האָט אַרויסגעקוקט עטוואָס פינסטערעס, מוראַדיגעס... וואַקסין האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צו דער קליאַמקע, אָבער באַלד האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז עמעצער האָט איהם פון הינטער לייכט אַ ציה געטהאָן ביים העמד און איהם אָנגעריהרט ביים אַקסעל...

— דער טייפעל זאָל דאָס נעהמען... ראָזאַליאַ קאַרלאָוונאַ! קיין ענטפער.

וואַקסין האָט אונזיכער געעפענט די טהיר און אַריינגעקוקט אין צימער. די טוגענדהאַפטע דייטשקע האָט רוהיג געשלאָפען. אַ קליין

נאכט־לעמפּעלע האָט בעלויכטען די פאָרמען פון איהר פולען, געזונדען קערפּער.

וואקסין איז אריין אין צימער און זיך געזעצט אויף א געפלאָכטענעם קופערט, וועלכער איז געשטאנען נעבען דער טהיר. אין דער געגענוואַרט פון א שלאָפענדיגען, אָבער פאָרט לעבעדיגען מענשען, האָט ער זיך געפיהלט לייכטער.

— זאָל זי שלאָפען, די דייטשקע... — האָט ער געטראכט — איך וועל ביי איהר זיצען אביסעל און ווען עס וועט טאָג ווערען, וועל איך ארויסגעהן... איצט ווערט פריה טאָג.

און ווארטענדיג אויף טאָג, האָט זיך וואקסין צוזאמענגעדרעהט אויף דעם קופערט, האָט אונטערגעלעגט די האנד אונטער'ן קאָפּ און זיך פערטראכט.

— עס איז עפּעס א מאָדנע זאך, פון דעסטוועגען, די נערווען! א ענטוויקעלטער מענש, א דענקענדער און דאָך... דער טייפעל ווייס וואָס! פאר זיך אליין איז נישט שעהן...

אָבער צוהערענדיג זיך צום שטילען, רוהיגען אָטהעם פון ראַזאליא קארלאָווגאַ'ן, האָט ער זיך שנעל אין גאנצען בערוהיגט...

א זייגער זעקס אין דער־פריה האָט זיך וואקסינס ווייב אומגעקעהרט פון קלויסטער און ניט געפונען דעם מאַן אין שלאָף־צימער, איז זי אַוועק צו דער גובערנאנטקע בעטען ביי איהר קליינגעלד, אום צו בעצאָהלען דעם פוהרמאַן.

אריינגעקומען צו דער דייטשקע, האָט זי דערזעהן אזא מין בילד:

אויף דער צו־וואָרפענען בעט איז געלעגען צולעגט ראָזאליע קאַרלאָווגא א צוהיצטע און געשלאָפען. ניט ווייט פון איהר, צוזאמענגעדרעהט, ווי א בייגעל אויף א געפלאָכטענעם קופערט, האָט געשמאַק געכראָפּעט איהר מאַן. ער איז געווען א באָרוועסער און אין הויזען אונטערוועש.

וואָס עס האָט געזאָגט דאָס ווייב און וואָס פאר א נאריש פּנים דער מאַן האָט געהאט, ווען האָט זיך אויפגעכאפּט, דאָס לאָז איך איבער פאר אנדערע צו מאָהלען...

דאָס איז געווען זי.

— דערצעהלט אונז עפּעס, פּיאָטער איוואַנאָוויטש! — האָבען די מוידען געזאָגט.

דער קאָלאָנעל האָט אַ דרעה געטהאָן זיינע גרויע וואָנצעס, אַ הוסט געטהאָן און אָנגעהויבען:

— דאָס איז געווען אינ'ם יאָהר 1843, בעת אונזער רעגימענט איז געשטאַנען הינטער'ן שטעדטעל שענסטאָכאָוו. איהר דאַרפט וויסען, מיינע פרייליינס, אַז דער ווינטער איז אין יענעם יאָהר געווען זעהר אַ בייזער; עס איז ניט אַוועק אַ טאָג, אַז די סאָלדאַטען אויף דער וואַך זאָלען ניט האָבען אָפּגעפראָרען די נעז, אָדער אַז דער שטורם זאָל ניט האָבען פערשאָטען מיט שנעע די וועגען. דער בייזער פראָסט האָט נישט אָפּגעלאָזט פון סוף אָקטאָבער ביז סאַמע אַפּריל.

איך דאַרף אייך באַמערקען, אַז אין יענער צייט האָב איך ניט אויסגעזעהן אַזאַ אַלטער, פערדרויכערטער ציביק, ווי היינט, נור אַ העלד אַ יונג, בלוט און מילך, מיט איין וואָרט, אַ מאַן אַ פּאַרשוין. בין געווען אַ גרויסער פראַנט, האָב געשאָטען מיט געלד אויף אַלע זייטען און מיינע וואָנצעס זיינען אַזוי פערדרעהט געווען, פרעגט שוין גאָר נישט!

אין יענער צייט האָב איך נור געדאַרפט מיט אַן אויג אַ ווינק טהאָן, אַ הילך טהאָן מיט די שפּאָרעס און אַ דרעה טהאָן די וואָנצעס, און פון דער שטאָלצעסטער שעהנהייט ווערט באַלד אַ געהאָרכזאַמע לעמעלע אין מיינע הענד.

אויף פרויען בין איך געווען אַ גרויסער בעלן, נישט ווענינער ווי אַ שפּין אויף פליעגען, און, ווען איך זאָל אייך וועלען, מיינע פרייליינס, אויסרעכענען די אַלע פּוילישע און אידישע מיידלאַך, וואָס האָבען אַמאָליגע יאָהרען זיך געהאַנגען מיר אויפ'ן האַלז, פערזי־

בער איך אייך, אז אין דער מאטהעמאטיק וואָלט ניט געסטאיעט אזוי פיעל ציפערען...

איך בין געווען דער אדיוטאנט פונ'ם רעגימענט, האָב אויסגע־צייכענט געטאנצט א מאזורקע און בין פערהייראטעט געווען מיט זעהן א שעהן ווייבעלע, רוהען זאָל זי אין פריעדען.

איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס פאר א ביטערער יונג איך בין געווען, פלאם און פייער. אויב אינ'ם שטעדטעל האָט פאסירט א שורע־מורע געשיכטעלע פון עפּעס א ליעבע, אויב עמיצער האָט אויסגעריסען די פאות ביי אידען, אָדער געשלאָגען א פוילישען שליאכטיץ איבער דער מאָרדע — האָט מען שוין געוואוסט, אז דאָס האָט דער אדיוטאנט וויוועלטאָוו געטהאָן.

אלס אדיוטאנט, איז מיר אויסגעקומען פיעל ארומצורייזען איבער די ארומיגע געגענדען. אמאָל האָב איך געדארפט פאָהרען איינקויפען הייה און האָבער, אנאנדערסמאָל האָב איך געדארפט פערקויפען צו די אידען און פריצים די פערבראקירטע פערד פון דעם רעגימענט און נאָך אָפטער, מיינע פריילייגס, פלעג איך אוועקרייטען צו די פוילישע פאניענקעס אויף א ראנדע־וויאו, אָדער צו די רייכע פריצים, מאכען א קערטעל...

און איינמאָל — דאָס איז געווען ערב וויינאכטען — פאָהר איך פון שענסטאכאָוו נאָך דער דאָרף שעוועלקי, וואו איך האָב גע־דארפט עפּעס האָבען. דאָס וועטער איז שרעקליך, איינפאך ניט אויס־צוהאלטען. דער פראָסט שניידט אזוי, אז די פערד אפילו קרעכצען און כריפּען און פון מיר און מיין פוהרמאן ווערט אין וועניגער פון א האלב שעה צוויי אייז־רעהרלאך...

מילא, דער פראָסט ווי דער פראָסט, מען פריהרט טאקי, אָבער מען קען פאָהרען, דעם וועג זעהט מען; אָבער שטעלט זיך פאָר, אז פלוצים טהוט אונז א כאפּ אויפ'ן מיטען וועג א שנעע־שטורם... א ווייסער קיטעל האָט זיך גענומען דרעהען און טאנצען, ווי דער טייפעל פאר א גאָטס־געבעט, א ווינד האָט גענומען קרעכצען און יאָמערן, אקוראט ווי מען וואָלט ביי איהם דאָס ווייב צוגענומען, דער וועג איז פערשוואונדען...

אין איינע צעהן מינוט בין איך און דער פוהרמאן מיט די פערד אין גאנצען פערשאָטען מיט שנעע.

— אייער וואָויל געבורט, מיר האָבען דעם וועג פערלאָרען! — מאַכט דער פוהרמאַן.

— אַך, דער טייפעל זאָל עס נעהמען! האָסטו ניט געקענט אכטונג געבען, גולם? נו, פאָהר שוין גלייך, אפשר וועלען מיר זיך צושלעפּען צו אַ הויז!

זיינען מיר געפאָהרען און געפאָהרען, געדרעהט זיך און געדרעהט זיך, אַזוי ביז האַלבע נאַכט. צום סוף האָבען זיך די פערד אָפּגעשטעלט נעבען טויער פון אַ גוט, וועלכע האָט געהערט דעם גראַף באַיאַדלאָווסקי'ן, אַ רייכען פּאָליאַק. פּאָליאַקען און אידען זיינען פאַר מיר, ווי כריין נאָך אַ זאַטען מיטאָג, אָבער איך מוז צוגעבען, אַז די פּוילישע פּריצים זיינען אַ גאַסט־פריינדליך פאָלק און אַז קיין פרוי אויף דער וועלט איז ניט אַזוי היציג און זודיג, ווי אַ פּוילישע פּאַניענקע...

מען האָט אונז אריינגעלאָזט... דער גראַף באַיאַדלאָווסקי אליין האָט דעמאָלט געוואוינט אין פּאַריז און אונז האָט אויפגענומען זיין פערוואַלטער, אַ פּאָליאַק מיט'ן נאָמען קאַזימיר כאַפּצינסקי.

איך געדענק, עס איז קיין האַלב שעה נישט פאַראיבער, בין איך שוין געזעסען ביים פערוואַלטער אין הויז, האָב זיך גע'חן'דעלט מיט זיין ווייב, געטרונקען און אין קאָרטען געשפּיעלט.

שפּעטער, אַז איך האָב געוואונען אביסעל קליין־געלד און זיך אָנגעשנאַפּסט, האָב איך געזאָגט, אַז איך וויל שלאָפען. ביים פערוואַלטער אין הויז איז קיין פּלאַץ ניט געווען פאַר מיר, האָט מען מיר אָפּגעגעבען אַ צימער אין דעם גראַף'ס פּאַלאַץ.

— איהר האָט ניט מורא פאַר גייסטער? — האָט זיך אָנגערופען דער פערוואַלטער, אריינפיהרענדיג מיך אין אַ קליין צימער, וואָס האָט ארויסגעקוקט אין אַ גרויסען, לעדיגען, קאַלטען און פינסטערען זאַאַל.

— זיינען דען דאָ פאַראַן גייסטער? — האָב איך געפרעגט, הערענדיג, ווי מיינע ווערטער און טריט הילכען אָפּ פערשטיקט אין דעם לעבעדיגען זאַאַל.

— איך ווייס ניט — האָט זיך דער פּאָליאַק צולאַכט — אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דיעזער פּלאַץ איז דער בעסטער פאַר שדים און גייסטער.

איך בין אפילו געווען גוט שיכור, דאָך, מוז איך זיך מודה

זיין, אז פון זיינע װערטער איז מיר געװאָרען אביסעל קאלעמוטנע. טייפעל, איך װאָלט ליעבערשט געװאָלט האָבען אן עסק מיט הונדערט טשערקעסען, װי מיט איין גייסט! נור העלפען האָב איך זיך ניט געקענט, האָב איך זיך אויסגעטאָן און זיך געלעגט....

מיין ליכט האָט קוים בעלייכטעט די װענד, און אויף די װענד, שטעלט זיך פאָר, זיינען נאָך געהאַנגען די בילדער פון דעם גראַפ׳ס אור-עלטערען, איינס שרעקליכער פאר׳ן צװייטען, אלטע געװעהר, געיעג-טראָמפּעטען, און נאָך אזוינע טייפעלשע מאכאַראַיקעס...

און שטיל איז דאָרט געװען, װי אין א קבר; נור פונ׳ם צװייטען זאַאל האָט זיך געהערט א שאָרשקען און גראַבלען זיך פון מייז און א טרעסצען פונ׳ם צוטריקענטעם מעבעל.

און הינטער די פענסטער האָט זיך געטהאָן חושך... דער װינד האָט עמיצען בעקלאָגט, די בוימער האָבען זיך געבויגט מיט א גע־װיין און יאָמער; עפּעס, מסתמא א ריגעל פון א לאָדען, האָט געקלאַפּט און געקרעכצט איבער די ראַהמען פון א פענסטער. דערצו בין איך נאָך געװען שיכור, דער קאָפּ האָט געדרעהט און צוזאַמען מיט׳ן קאָפּ — די גאַנצע װעלט... אז איך האָב די אויגען צוגעמאַכט, האָט זיך מיר אויסגעװיזען, אז מיין בעט האָט זיך געטראָגען איבער׳ן גאַנ־צען הויז און געשפּיעלט אין זשמורקעס מיט שדים און רוחות.

אום איך זאָל זיך אזוי ניט שרעקען, האָב איך די ערשטע זאַך פערלאָשען דאָס ליכט, װאָרום לעדיגע צימערען זעהען ניט אויס אזוי מורא׳דיג אין דער פינסטער, װי בעת זיי זיינען בעלייכטעט...

די דריי מוידען, װאָס האָבען זיך צוגעהערט צום קאָלאָנעל, האָ־בען זיך צוגערוקט נעהענטער צום דערצעהלער און איינגעגעסען זיך אין איהם מיט די אויגען.

— קורץ — האָט דער קאָלאָנעל דערצעהלט װייטער — איך האָב בשום אופן ניט געקענט איינשלאָפען. דאָ האָט זיך מיר געדאַכט, אז גנבים קריכען אין די פענסטער, דאָ — אז עמיצער שעפּצעט און דאָ — אז עמיצער האָט מיך אָנגעריהרט ביים אקסעל, מיט איין װאָרט, מיר האָבען זיך אויסגעדאַכט פערשיעדענע נאַרישקייטען...

און פּלוצים, שטעלט זיך נור פאָר, אין מיטען דעם גאַנצען מיש־מאַש פון טענער, דערהער איך קלאָר, װי עמיצער שליאַמפּערט אין שטעק-שיך. איך הער זיך איין — און װאָס דענקט איהר? — איך

הער, עמיצער געהט צו צו מיין טהיר, הוסט און עפענט זי אויף...

— ווער איז דאָרט? — פרעג איך און טהו זיך א זעץ אויף אויף דער בעט.

— איך... שרעק זיך ניט! — ענטפערט מיר א פרויען־קול.

איך האָב זיך א וואָרף געטהאָן צו דער טהיר... און גלייך האָב איך דערפיהלט, ווי צוויי פרויען־הענטעלאַך, ווייכינקע, ווי פויגעל־פוך, האָבען זיך ארומגעלייגט אויף מיינע אַקסלען.

— איך ליעב דיך... דו ביזט ביי מיר טהייערער פון'ם לעבען — האָט געזאָגט א מעלאָדישער פרויען־קול.

א הייסער אָטהעם האָט א בריה געטהאָן מיר דעם פנים... איך האָב פערגעסען וועגען די שדים און די גייסטער, וועגען דעם שנעע־שטורם און אַלעם אויף דער וועלט, און האָב געטהאָן א כאַפּ אָן א טאַליע... און וואָס פאַר א טאַליע! אזוינע טאַליעס קען די נאַטור אויסארבייטען סיידען נור אויף ספּעציעלע בעשטעלונגען, איינמאָל אין צעהן יאָהר... אַ ערעלע, ווי אַן אויסגעשניצטע, א זודיגע און א לייכטע, ווי דער אָטהעם פון אַן עופהלע!

איך האָב ניט אויסגעהאַלטען, האָב זי געדריקט פעסט־פעסט אין מיינע אָרעמס... אונזערע ליפּען האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין לאַנגען, ברענעדיגען קוש און... איך שווער איך ביי אַלע פרויען אויף דער וועלט, אז דעם דאָזיגען קוש וועל איך געדענקען ביז'ן קבר.

דער קאָלאָנעל איז אַנשוויגען געוואָרען, אויסגעטרונקען א האַלבע גלאָז וואַסער און ווידער אָנגעהויבען מיט א שטילערען קול:

— אויף מאָרגען, בעת איך האָב א קוק געטהאָן פון'ם פענסטער, האָב איך דערזעהן, אז דער שנעע־שטורם איז נאָך שטאַרקער געוואָרען. דאַן בין איך פערבליבען נאָך א טאָג ביים פערוואַלטער, האָב ווידער געטרונקען און אין קאָרטען געשפּיעלט. ביינאַכט האָב איך ווידער געגעבטויגט אין דעם לעדיגען פּלאַץ און פּונקט האַלבע נאַכט האָב איך ווידער געדריקט די בעקאַנטע טאַליע.. יאָ, מיינע פריילייגס, ווען ניט די דאָזיגע ליעבע, וואָלט איך פאַר לאַנגווייליגקייט גע'פגר'ט, צו איך וואָלט זיך צו'שיכור'ט.

— און... וואָס ווייטער? — האָט געפרעגט איינע פון די פריי־ליינס מיט א קלאַפּענדיגען האַרצען פאַר אונגעדולד און נייגעריגקייט.

— גאָר נישט. דערנאָך בין איך אװעקגעפאָהרען.

— אָבער... װער איז געװען יענע פרוי? — האָבען די פריי־ליינס ניט גאָר דרייסט געפרעגט.

— איהר קענט ניט פערשטעהן, װער?

— מען קען גאָר נישט פערשטעהן...

— דאָס איז מיין װייב געװען!

אַלע דריי פרייליינס זיינען אויפגעשפרונגען, אַזוי װי עמיצער װאָלט זיי אַ ביס געטהאָן.

— װאָס הייסט... װי אַזוי? — האָבען זיי געפרעגט.

— אַך, מיין גאָט, װאָס פערשטעהט איהר דאָך ניט? — האָט דער קאָלאָנעל זיך אָנגערופען מיט פערדרוס אינ'ם קול, און אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען: — איך האָב צו אייך, דאַכט זיך, גערעדט אין אַ קלאָרער שפּראַך! איך בין געפאָהרען נאָך שעװעלקי מיט מיין װייב... זי האָט גענעכטיגט אין אַ פערלאָזענעם פּלאַץ, אין אַ צװייטען צימער... דאַכט זיך, גענוג קלאָר!

— מ־מ־מ — האָבען זיך פערקרימט די פרייליינס, און האָבען ענטוישטע אַרונטערגעלאָזט די הענד: — אָנגעהויבען האָט איהר שעהן, און געענדיגט גאָט װייס װי... אייער װייב... ענטשולדיגט, דאָס איז אָבער אפילו ניט אינטערעסאַנט און ניט אויף אַ האָאָר קלוג...

— מערקווירדיג! און איהר װאָלט בעסער געװאָלט, אַז זי זאָל זיין ניט מיין געזעצליכע פרוי, נור אַ פרעמדע? אַך, פריילענס! אַז איהר טראַכט איצט אַזוי, היינט װאָס װעט איהר שוין טהאָן שפּע־טער, װען איהר װעט האָבען געהייראַטעט?

די פרייליינס האָבען זיך פערשעהמט און זיינען אַנשװייגען געװאָ־רען.. זיי האָבען זיך אָנגעבלאָזט, אָנגעכמורעט זיך און, ענטוישטע אין גאַנצען, האָבען זיי גענומען גענעצען הויך אויפ'ן קול...

ביים אָבענד־ברויט האָבען זיי גאָר נישט געגעסען, געקייקעלט קייקעלאַך פונ'ם ברויט און האָבען געשװיגען.

— ניין, עס איז אפילו... געװויסענלאָז! — האָט ניט אויסגע־האַלטען איינע פון זיי — צו־װאָס האָט איהר עס גאָר דערצעהלט אין גאַנצען?... אַזאַ סוף... אַ װילדע געשיכטע, אַ נאַרישקייט!..

— איהר האָט אָנגעפאַנגען אַזוי אינטערעסאַנט און... פלוצים

גאָר נישט מיט גאָר נישט... — האָט צוגעלייגט אַ צווייטע — איהר האָט זיך פון אונז אויסגעלאַכט, און דאָס אַלעס.

— נו, נו, נו... איך האָב געמאַכט שפּאַס — האָט געזאָגט דער קאָלאָנעל — מיינע פרייליינס, זייט ניט בייז, איך האָב שפּאַס געמאכט. דאָס איז געווען ניט מיין ווייב, נור דעם פּערוואַלטערס ווייב...

— יאָ?!....

די פרייליינס זיינען מיט אַמאָל פרעהליך געוואָרען, זייערע אויגעלאַך האָבען זיך אָנגעצונדען... זיי האָבען זיך אַלע צוגערוקט נעהענטער צום קאָלאָנעל, איהם מכבד געווען מיט וויין און פערוואָרפען איהם מיט פראַגען.

די לאַנגווייליגקייט איז פערשוואונדען, דאָס אַבענד־ברויט איז אויך באַלד פערשוואונדען, וואָרום די פרייליינס האָבען זיך צוגעכאַפּט צום עסען מיט גרויסען אַפּעטיט.

איבערגעזאלצען.

דער פעלד־מעסטער סמירנאָוו איז אַרונטערגעקראָכען אויף דער סטאַנציאָן „גנילישקי” ביז דעם פאָרוועקרי וואָהין ער איז איינגעלאַדען געוואָרען, אָפּצומעסטען די פעלד, האָט ער געהאַט צו פאָהרען נאָך אַ וויאָרסט דרייסיג־פערציג מיט׳ן פוהר.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך — האָט ער זיך געווענדעט צו אַ זשאַנדאַרם אויף דער סטאַנציאָן — וואו קריג איך דאָ פאָסט־פערד?

— וואָס? פאָסט־פערד? פאַר הונדערט וויאָרסט וועט איהר אין דער געגענד ניט קריגען ניט נור פאָסט־פערד, נור אפילו אַזוי אַ פוהרל... וואָהין דאַרפט איהר?

— אין דעם גוט פונ׳ם גענעראל כאָכאָטאָוו.

— אַזוי? — האָט דער זשאַנדאַרם אַ גענעץ געטהאָן — געהט אַהין, דאָרט אויפ׳ן הויף, הינטער דער סטאַנציאָן, קען מען אַמאָל געפינען אַ פויער, וואָס פיהרט אָפּ פּאַסאַזשירען.

דער פעלד־מעסטער האָט אַ זיפץ געטהאָן און אַוועקגעשלעפּט זיך הינטער דער סטאַנציאָן. דאָרט, נאָך אַ לאַנגער צייט זוכען און טענה׳ן, און קווענקלען זיך, האָט ער געפונען אַ געזונדען פויער, מיט אַ בייזען און געשטופּעלטען פנים, אין אַ צוריסענער סערמיאַגע און טשאָבאָטעס.

— דער רוח ווייס, וואָס ביי דיר איז פאַר אַ וואָגען! — האָט זיך פערקרימט דער פעלד־מעסטער, אריינקריכענדיג אינ׳ם וואָגען: עס איז שווער צו זאָגען, וואו ביי איהם איז דער פאָרענט און וואו דער הינטען...

— עס איז גאָר ניט אַזוי שווער — האָט דער פויער געענטפערט — דאָרט, וואו עס איז דער שקאַפּע׳ס עק, איז דער פאָרענט, און דאָרט, וואו עס זיצט אייער גנאָד, איז דער הינטען...

די שקאַפּע איז געווען אַ יונגע, נור אַ מאָגערע, מיט צושפּרייטע פיס און אָבגעביסענע אויערען.

אז דער פוהרמאַן האָט זיך אונטערגעהויבען און זי אַ שמיץ געטהאַן מיט דער בייטש, האָט זי נור אַ שאָקעל געטהאַן מיט'ן קאָפּ, אַז ער האָט זי אויסגעזידעלט און מכבד געווען אַ צווייטען מאָל מיט דער בייטש, האָט דער וואָגען אַ קוויטשע געטהאַן און זיך גענומען טרייסלען, ווי אין אַ קדחת. נאָך דעם דריטען מאָל שמייסען האָט זיך דער וואָגען אַ שאָקעל געטהאַן און ערשט נאָכ'ן פערטען האָט זיך דער וואָגען פונ'ם אָרט געריהרט.

— וועלען מיר זיך אַזוי שלעפּען דעם גאַנצען וועג? — האָט דער פעלד־מעססער געפרעגט, פיהלענדיג, ווי עס טרייסעלט איהם די נשמה ארויס, כאָטש דער וואָגען האָט זיך קוים־וואָס געשלעפּט.

— מיר וועלען שוין קומ־מ־ען! — האָט איהם בערוהיגט דער פויער — די שקאַפּקע איז אַ יונגינקע, אַ פלינקע... וואַרט נור, זי זאָל זיך אַביסעל פונאַנדערלויפען, וועסטו זי דערנאָך ניט קענען איינהאַלטען... הע־יאָ־אָ, פערפלוכטע!

ווען דער וואָגען האָט פערלאָזען די סטאַנציאָן, איז שוין געווען פאַרנאַכט. רעכטס פון דעם פעלד־מעססער האָט זיך געצויגען אַ דונקעלע, פערפראָרענע פלאַכע שטיק לאַנד, אָהן אַ ברעג און ענד... ווען מען זאָל איבער איהם פאָהרען און פאָהרען, וואָלט מען אודאי אַזוי געקענט דערפאָהרען צו די שדים אויף אַ מאַהלצייט. אויפ'ן גאָריזאָנט, וואו דאָס ווייטע פלאַכע שטיק לאַנד האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט'ן הימעל, האָבען זיך פויל געלאָשען די לעצטע שטראַהלען פון דער קאַלטער, פערגעהענדיגער יעסין־זונן... לינקס פונ'ם וועג זיינען ארויסגעטראָטען אין דעמערענדער לופט עפּעס ווי בערגלאָך, צי פאַר־אַ־יאָהרעדיגע קופּעס היי, צי גאָר דערפער. וואָס אין פאָרויס האָט דער פעלד־מעססער נישט געקענט זעהן, ווייל דעם פויער'ס ברייטער רוקען האָט איהם פון דער זייט אַלעס פערשטעלט. ארום איז געווען שטיל, אָבער קאַלט, פראָסטיג.

— איז אָבער דאָ אַ ווילדערניש! — האָט געטראַכט דער פעלד־מעססער, אויפשטעלענדיג דעם קראַגען פון זיין אויבער־ראָק איבער די אויערען: — קיין סימן פון אַ וואוינונג, פון אַ לעבעדיגער זעעל. ווען מען זאָל חלילה, בעפאַלען און בערויבען, וועט קיינער ניט הערען,

אפילו וואו די ביינער זיינען אהינגעקומען, וועט קיינער ניט וויסען... און דער פוהרמאַן געפעהלט מיר אויך עפּעס ניט... אַ רוקען אביסעל! אַזאַ נאַטור־קינד וועט מיט איין פינגער די נשמה פון דיר ארויסקלאַפּען! און די מאָרדע זיינע איז אויך עפּעס אַ מאָדנע, ווי ביי אַ ווילדער חיה.

— הער אויס, מיין פריינד — האָט דער פעלד־מעסטער געפרעגט — ווי איז דיין נאָמען?

— מיין נאָמען? קלים.

— הער נור, קלים, איז ביי אייך דאָ עפּעס רוהיג? ניט געפעהרליך? איך מיין: מען שטיעפּט ניט ביי אייך?

— רוהיג, גאָט האָט אונז ביז אהער אויסגעהיט... קיינער שטיעפּט ניט.

— גוט, וואָס מען שטיעפּט ניט... פונדעסטוועגען האָב איך — מאַלע וואָס עס קען זיך מאַכען! — מיט זיך גענומען דריי פּיסטאָלעטען — האָט אַ בלאָף געטהאָן דער פעלד־מעסטער — און מיט אַ פּיסטאָלעט, ברודערקע, צו שפּיעלען זיך, קען מען כאַפּען אַ מיאוס'ען אָפּשניט. מיט צעהן רויבער קען איך פאַרטיג ווערען...

די נאַכט איז צוגעפאַלען. דער וואָגען האָט פּלוצים אַ סקריפּע געטהאָן, גענומען קוויטשען און טרייסלען זיך און, אַזוי ווי ניט ווילענדיג, פערקירעוועט זיך לינקס.

— וואָהין שלעפּט ער מיך? — האָט דער פעלד־מעסטער אַ טראַכט געטהאָן — געפאָהרען אַלץ גלייך און מיט אַמאָל לינקס... ער קען נאָך מיך פערשלעפּען ערגעץ און חלילה... עס פּאַסירען דאָך אַזוינע זאַכען!...

— הער נור — האָט ער זיך געווענדעט צום פוהער — דו זאָגסט, הייסט עס, אַז דאָ איז ניט געפעהרליך?.. אַ שאָד... איך האָב זעהר ליעב צו שלאָגען זיך מיט מערדער... אויפ'ן אויסזעהן בין איך, דאַכט זיך, אַ מאָגערער, אַ פּגר, און כוחות האָב איך, וויפיעל אַן אָקס... איינמאָל זיינען מיך בעפאַלען דריי מערדער... וואָס מיינסטו? איינעם האָב איך אַזאַ רייב געגעבען מיט דער האַנד, אַז... אַז ער האָט די נשמה אויסגעשפּייט... און די צוויי אַנדערע זיינען פערשטיקט געוואָרען אין סיביר אויף קאַטאָרגע... און פון וואַנען נעהמט זיך ביי מיר אַזאַ כוח, ווייס איך ניט... איך קען אַ נעהם טהאָן מיט איין

האנד אזא גבור, למשל, ווי דיך, און... און צוברעכען איהם, ווי א שפענדעלע.

קלים האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם פעלד־מעסטער, געגומען פינטלען מיט'ן גאַנצען פּנים און א שמייכל געטהאָן די שקאַפּע.

— יאָ, ברודערקע — האָט דער פעלד־מעסטער גערעדט ווייטער — זאָל גאָט אויסהיטען פון אָנצוהויבען זיך מיט מיר. אויסער וואָס דער מערדער וועט בלייבען אָהן הענד און פיס, וועט מען איהם נאָך פערשיקען אויף קאַטאָרגע אויך... וואָרום אַלע ריכטער און די גאַנצע פּאָליציי קענען מיך. איך בין א נויטיגער מענש, איינער פון דער רעגיערונג... איך פאָהר מיט דיר, און „נאַטשאַלסטוואָ" ווייס פון דעם, גיט אַכטונג, אַז מיר זאָל קיין בייז ניט געשעהן... אומעדום איבער'ן וועג זיינען היינטער די בושעס פערדעקט אוריאַדניקעס און אַנדערע... ה־ה־א־ל־לט! — האָט פּלוצים אויפגעהויבען א גוואלד דער פעלד־מעסטער — וואָהין ביזטו פערפאָהרען? וואָהין שלעפּסטו מיך?

— איהר זעהט דען ניט? דאָס איז א וואלד!

— טאַקי א וואלד... — האָט דער פעלד־מעסטער א טראַכט געטהאָן — און איך האָב זיך דערשראָקען! מען דאַרף איהם אָבער ניט ארויסווייזען, אַז איך שרעק זיך... ער האָט שוין בעמערקט, אַז איך האָב מורא. וואָרום קוקט ער זיך אום אויף מיר אַזוי אָפט? מסתמא טראַכט ער שוין ארום, ווי אַזוי... פריהער איז ער געפאָהרען אַזוי שטיל, קוים זיך געשלעפּט, און איצט פליהט ער, יאָגט זיך!...

— הער נור, קלים, וואָרום יאָגסטו אַזוי די שקאַפּע?

— איך יאָג זי ניט, זי האָט זיך אליין צויאָגט... אַז זי צויאָגט זיך אַמאָל, וועט מען זי בשום אופן שוין ניט איינהאַלטען... זי אַליין איז אויך ניט צופריעדען, וואָס זי האָט אַזוינע פיס.

— דו לייגסט, ברודער! איך זעה, אַז דו לייגסט! איך ראטה דיר אָבער ניט אַזוי צו טרייבען די קליאַטשע. האַלט זי איין... דו הערסט? האַלט זי איין!

— צו־וואָס?

— צו־וואָס?... ווייל איך ערוואַרט פיער פריינד פון דער סטאַנציאָן... איך וויל, זיי זאָלען מיך דעריאָגען... זיי האָבען מיר פערשפּראָכען, אַז זיי וועלען מיך דעריאָגען אין דעם וואלד... צוזאַמען מיט זיי וועט זיין פרעהליכער צו פאָהרען... געזונדע חברה־לייט, גבורים, און

יעדער פון זיי האָט ביי זיך אַ פּיסטאָלעט... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? און וואָס רוקסטו זיך אָרום, ווי אויף נאָדלען? האַ? איך, ברודערקע, בין דאָס... ברודערקע... ניטאָ וואָס צו זעהן אויף מיר... איך האָב אַ נאָז ווי אַלע... סיידען די פּיסטאָלעטען מיינע... זעהסטו, זיי איז גראָד כדאי צו זעהן.. אַז דו ווילסט, קען איך זיי ארויסנעהמען און... ווייזען דיר... ווילסט, האַ?...

דער פעלד־מעסטער האָט געמאַכט אַ מינע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געגראָבען אין זיינע קעשענעס, און פּלוצים האָט פּאַסירט עטוואָס, וואָס ער האָט ביי זיין פייגהייט גאָר ניט ערוואַרטעט: קלים האָט זיך ארויסגעקוליעט פונ'ם וואָגען און איז אויף אַלע פיער אַנטלאָפען צווישען די געדיכטע בוימער.

— גוואַלד! — האָט ער גענומען שרייען — גוואַלד! נעהם צו אַלעס: אי די שקאַפּע, אי דעם וואָגען, נור מיך אליין לאָז לעבען! גוואַ־אַלד!

עס האָבען זיך דערהערט שנעלע, לויפענדיגע טריט, אַ טרעסקען פון טרוקענע צווייגען — און עס איז שטיל געוואָרען... דער פעלד־מעסטער, וואָס האָט זיך אויף אַזאַ סוף ניט געריכט, האָט די ערשטע זאַך אָפּגעשטעלט דעם פערד, פעריכט דעם זיץ אונטער זיך אויפ'ן וואָגען און גענומען טראַכטען.

— אַנטלאָפען... האָט זיך דערשראָקען, דער נאַר.. נו, וואָס טהוט מען איצט? פאָהרען אליין קען איך ניט: ערשטענס, ווייס איך ניט דעם וועג און, צווייטענס, קען מען אויסטראַכטען, אַז איך האָב ביי איהם די שקאַפּע גע'גנב'עט... וואָס טהוט מען?...

— קלים! קלים! — האָט ער גענומען רופען.

— קלים! — האָט אָפּגעהילכט די עכאָ.

פון דעם געדאַנק, אַז ער וועט אַזוי מוזען אָפּזיצען אַ גאַנצע נאַכט אינ'ם פינסטערען וואַלד אין אַזאַ קעלט און נור הערען דעם וואָיען פון די וועלף, די עכאָ און דעם סאָפּען פון דער מאָגערער שקאַפּע, איז דעם פעלד־מעסטער מורא'דיג געוואָרען.

— קלימושקע! — האָט ער גענומען שרייען — טהייערינקער! וואו ביזטו, קלימושקאַ?

אַ שעה צוויי האָט דער פעלד־מעסטער אַזוי געשריען און גערופען, ערשט, ווען ער איז גוט הייזעריג געוואָרען און ביי זיך שוין

געפועל'ט איבערצוגעכטיגען אינ'ם וואלד, האָט א שוואך ווינטעלע דערטראָגען צו איהם עמיצענ'ס א קרעכץ.

— קלים! דאָס ביזטו, ליעבינקער? קום פאָהרען!

— וועסט מיך הרג...ענען!... — האָט זיך דערהערט קלים'ס קול.

— איך האָב שפּאַס געמאכט, ליעבינקער! זאָל מיר גאָט אזוי העלפען, ווי איך האָב שפּאַס געמאכט! איך האָב ביי זיך ניט קיין פּיסטאָלעטען, דאָס האָב איך פאר שרעק אויסגעטראכט! האָב רחמנות, קום פאָהרען! איך פריר!

קלים האָט מסתמא פערשטאַנען, אז א ריכטיגער גזלן וואָלט שוין לאַנג פערשוואונדען מיט דער שקאַפּע און דעם וואָגען, און ער איז ארויסגעגאנגען פון צווישען די בוימער און איז ניט־דרייסט צוגע־גאַנגען צו זיין פּאסאזשיר.

— נו, וואָס, בהמה, האָסטו זיך דערשראָקען? איך... איך האָב שפּאַס געמאכט און דו האָסט זיך דערשראָקען... זעץ זיך!

— ווער ווייס דיך, פריץ'ל! — האָט קלים ארויסגעשטאמעלט, ארויפקריכענדיג אויפ'ן וואָגען: — ווען איך זאָל פריהער וויסען, וואָל איך פאר הונדערט רובל אפילו ניט געפיהרט. איך בין שיער נישט געשטאָרבען פאר שרעק...

קלים האָט א שמיץ געטהאָן די שקאַפּע. דער וואָגען האָט זיך א טרייסעל געטהאָן. קלים האָט א שמיץ געטהאָן א צווייטען מאָל, דער וואָגען האָט זיך א קעהר געטהאָן. ערשט נאָך דעם פערטען מאָל שמייסען, האָט זיך דער וואָגען פונ'ם אָרט געריהרט. דער פעלד־מעס־טער האָט אויפגעשטעלט דעם קראַגען איבער די אויערען און זיך פערטראכט. מעהר האָט ער זיך שוין ניט געשראָקען.

איבעריגע מענשען.

עס איז א זייגער זיעבען פארנאכט אין מאָנאט יוני.

פון דער סטאנציאָן „בילקאָווא” אויף דעם וועג צו די זומער־פלעטצער, שלעפט זיך אַן עולם זומער געסט, וועלכע האָבען נור־וואָס פערלאָזען די וואַגאָנען, דאָס זיינען מעהרסטענס פאמיליען־פאָטערס, אָנגעלאָדענע מיט פעקלאך, פאָרטפעל'ן און ווייבערשע שאכטלאך. קוקען קוקען זיי אַלע אויס מיעד, הונגעריג און בייז, עפעס אזוי ווי נישט פאר זיי וואָלט געשיינט די זונן און געגרינט דאָס גראָז.

צווישען דעם דאָזיגען עולם שלעפט זיך אויך פּאַוועל מאטוועיעאיטש זאיקין, א געריכטס־בעאמטער, א הויכער, איינגעהויקערטער מענש, אין א ביליגען אנצוג מיט א קאָקארדע אויף דעם אָבגעקראָכענעם היטעל. ער איז פערשוויצט, רויט און אָנגעכמורעט.

— איהר פאָהרט דען אַלע טאָג ארויס אויף דעם זומער־פּלאַץ? — ווענדעט זיך צו איהם א זומער־גאַסט אין רויטע הויזען.

— ניין, ניט יעדען טאָג — ענטפערט זאיקין מיט פערדרוס — דאָס ווייב און דער זוהן וואָהנען דאָ שטענדיג, און איך קום צו פאָהרען א פּאָאָר מאָל אין וואָך. עס איז נישטאָ קיין צייט צו פאָהרען יעדען טאָג און עס קאָסט צו טהייער.

— יאָ, אמת טאקע, עס קאָסט צו טהייער — זיפצען די רויטע הויזען — פון שטאָדט צום וואָקזאַל קען מען ניט געהן צופוס, מוז מען נעהמען א דראָזשקע, דערנאָך א בילעט קאָסט צוויי און פערציג קאָפּיקעס... היינט ווילט זיך קויפען א צייטונג, א גלעזעל בראָנפען, מען איז דאָך מעהר נישט, ווי א לעבעדיגער מענש... דאָס אַלץ איז, דאכט זיך נור א קליינע, גראָשעדיגע הוצאה — און אַז דו קוקסט זיך אָרום, קלייבט זיך פאר'ן זומער אַן א צוויי הונדערט רובעל.

עס איז אפילו אמת, אויפ'ן שוים פון דער נאַטור מוז קאָסטען טהייע־

רער, איך וועל זיך ניט שפּאַרען... ס'איז אַ אידיליע און אַזוי ווײַ־טער, אָבער ביי דעם געהאַלט, וואָס מיר טשינאָווניקעס, בעאַמטע הייסט עס, קריעגען, איז יעדע קאָפּיקע אַן אויסגערעכענטע. וועסט אויסברייינגען איין קאָפּיקע אונפּאַרזיכטיג, וועסטו דערנאָך נישט שלאָפען אַ גאַנצע נאַכט... יאַ, אַזוי איז דאָס... איך, ווערטהער הערר האָב נישט די עהרע צו וויסען אייער נאָמען און פאַמיליע, איך קריעג געגויע צוויי טויזענד רובעל אַ יאָהר, בעזיץ דעם טיטול פון אַ שטאַ־אַטס־ראַטה, און טאַבאַק רויכער איך פון צווייטען סאָרט, און האָב נישט קיין איבעריגען רובעל זיך צו קויפען ווישי־וואַסער, וואָס די דאָקטוירים האָבען מיר פערשריעבען געגען לעבער־שטיינער.

— עס איז בכלל פּאַסקודנע — האָט געזאָגט זאַיקין נאָך אַ קליינעם שטיל־שווייגען — איך, מיין הערר, מיין, אַז דאָס לעבען אין זומער־פּלעצער האָבען אויסגעטראַכט שדים און ווייבער. די שדים האָבען אין דיעזען פאַל אַזוי געהאַנדעלט אויס בייזקייט און די ווײַ־בער אויס לייכטזיניגקייט. ביי גאָט, דאָס איז דאָך נישט קיין לעבען נור עפּעס אַ קאַטאָרגע, אַ גהינום! עס שטיקט, הייס, דעם אָטהעם שווער אָבצוציהען, און דו וואַלגערסט זיך אַרום פון איין אָרט אויף דעם צווייטען, ווי אַ זינדיגע נשמה, און קענסט זיך בשום אופן קיין אָרט נישט געפינען. דאָרט, אין שטאָדט, איז נישטאָ קיין מעבעל, ניט קיין דיענסט אַלעס האָט מען צוגענומען אויף דעם זומער־פּלאַץ... קאָרמעסט זיך, דער טייפעל ווייס מיט וואָס, טרינקסט קיין טהעע ניט, ווייל עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל דעם סאַמאָוואַר שטעלען, וואַשט זיך יעצט, ווי עס בעדאַרף צו זיין און קומסטו אַהער, אין דעם דאָזיגען שויס פון דער נאַטור, טאַ גיעה, זיי מוחל, צופוס, אין שטויב, אין היץ... פוי! איהר זייט פערהייראַטעט?

— יאָ... דריי קינדערלאַך — זיפצען אָב די רויטע הויזען.

— אין אַלגעמיין איז העסליך... עס איז איינפאַך אַ וואונדער, וואָס מיר לעבען נאָך...

אויפ'ן סוף קומען די זומער־געסט צו צו זייערע הייזער. זאַיקין זעגענט זיך אָב מיט די רויטע הויזען און געהט אַוועק צו זיך אויפ'ן זומער־פּלאַץ.

אין דער־היים טרעפט ער אַ טויטע שטילקייט. עס הערט זיך נור, ווי עס זשוזשען די קאָמאַרעס, און עס בעט זיך רחמים אַ פליעג, וואָס

איז אריינגעפאלען צו א שפּין אויף מיטאָג. די פענסטער זיינען פער־האנגען מיט קיסעינע פּאַרהאַנגלאַך, דורך וועלכע עס רויטלען זיך די פאַרוועלקטע בלומען פון די גערויניום וואזאָנעס. אויף די הילצערנע ניט־געפאַרבטע ווענט דרימלען פליעגען. אין פּיהר־הויז, אין קיך, אין עס־צימער — איז נישטאָ קיין לעבעדיגער מענש.

אינ'ם צימער, וועלכער איז אי א זאַל, אי א גאַסט־צימער, טרעפט זאַיקין זיין זוהן, פּעטיאַ, א קליין זעקס־יאָהריג איינגעל. פּע־טיא זיצט ביים טיש, סאָפּעט אין דער הויך, און אויסציהענדיג די אונטערשטע ליפּ, שניידט ער אויס מיט א שער פון א קאָרט דעם אונ־טער רייטער.

— אַה, דאָס ביזסטו, פּאַפּאַ! — זאָגט ער, ניט אומקעהרענדיג זיך: — גוטען אבענד!

— גוטען אבענד.. און וואו איז די מאַמע?

— די מאַמע? זי איז אוועקגעפאָהרען מיט אָלגאַ קירילאָוונא אויף דער פּראָבע שפּיעלען טהעאַטער. איבער־מאָרגען וועלען זיי האָ־בען א פאָרשטעלונג. מיך וועט מען אויך נעהמען... און דו וועסט געהן?

— הם!... איז ווען־זשע וועט זי צוריק קומען?

— זי האָט געזאָגט, אז זי וועט קומען אין אבענד.

— און וואו איז נאַטאַליע?

— נאַטאַליען האָט די מאַמע גענומען מיט זיך, זי זאָל איהר העלפען זיך אָנטהאָן אין צייט פון דער פאָרשטעלונג, און אקולינא איז אוועק אין וואַלד נאָך שוועמלאַך. פּאַפּאַ, פּאַרוואָס איז דאָס, ווען די קאָמאַרעס בייסען זיך, ווערען ביי זיי די בייכלאַך רויט?

— איך ווייס נישט... מסתמא פון דעם, וואָס זיי זויגען בלוט. איז, הייסט עס, קיינער אין דער היים נישטאָ?

— קיינער נישט. נור איך אליין בין אין דער היים.

זאַיקין זעצט זיך אויף א פּאָטיעל און מיט טעמפּע אויגען קוקט ער ווײַלע אין פענסטער.

— ווער וועט אונז דערלאַנגען מיטאָג עסען? — פרעגט ער.

— קיין מיטאָג האָט מען היינט נישט געקאָכט, פּאַפּאַ! די מאַמע האָט געמיינט, אז דו וועסט היינט נישט קומען און זי האָט

ניט געהייסען קאָכען קיין מיטאָג. זי מיט אָלגא קירילאָוונא'ן וועלען עסען מיטאָג אויף די פּראָבעס.

— א שעהנעם דאנק, און וואָס האָסטו געגעסען?

— איך האָב געגעסען מילך. מען האָט פאַר מיר געקויפט פאַר זעקס קאָפּיקעס מילך. פּאַפּא, און צו־וואָס זויגען די קאָמארעס בלוט?

זאיקין פיהלט פּלוצים, אַז עפּעס זעהר שווערעס קייקעלט זיך צו צו זיין לעבער, און נעהמט עס זויגען. ער פיהלט זיך בעליידיגט, איז בייז און איהם ווערט אזוי ביטער אויפ'ן הארצען, אַז ער אָטהעמט שווער און טרייסעלט זיך; עס ווילט זיך איהם אויפשפּרינגען, א שליידער טהאָן אָן פּאָדלאָגע מיט עפּעס שווערעס און זידלען זיך מיט די ערגסטע ווערטער... דאָ אָבער דערמאָנט ער זיך, אַז די דאָקטוירים האָבען איהם שטרענג פערבאָטען אויפצורעגען זיך, שטעהט ער אויף און, פערשטיקענדיג אין זיך דעם כעס, הויבט ער אָן אונטערפייפען פון די „הוגענאָטען".

— פּאַפּא, דו קענסט שפּיעלען טהעאטער? — הערט ער פּע־טיא'ס קול.

— אַך, קריך ניט צו מיר מיט די נארישע פראגען! — בייזערט זיך זאיקין — האָט זיך צוגעטשעפּעט, ווי א קלעק! דו ביזט שוין זעקס יאָהר אַלט און ביזט נאָך אַלץ אזוי נאריש, ווי מיט דריי יאָהר צוריק... נארישער, צולאָזענער יונג! צו־וואָס, למשל, פּיהרסו איבער אָט די קאָרטען? ווי וואגסטו זיי איבערצופיהרען?

— דאָס איז ניט דיינע קאָרטען — זאָגט פּעטיא, אומקעהרענדיג זיך: — נאטאליא האָט מיר זיי געגעבען.

— דו לייגסט! לייגסט, שלעכטער יונג! — קאָכט זיך זאיקין אַלץ מעהר און מעהר — דו זאָגסט אימער ליגען! שמייסען האָט מען דיך גענדארפט, אזא שווין! איך וועל דיר די אויערען אויסרייסען!

פּעטיא שפּרינגט אויף, ציהט אוים די האַלז און קוקט אָן דעם רויטען, צאָרנדיגען פּנים פונ'ם פאָטער. פון אָנהויב פּינטלען זיינע גרויסע אויגען, דערנאָך פארציהען זיי זיך מיט א פייכטקייט און דעם אינגעל'ס פּנים פארקרימט זיך.

— נאָך וואָס זידעלסטו זיך? — קוויטשעט פּעטיא — וואָס האָסט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, גולם? איך ריהר קיינעם ניט אָן,

שטיף ניט, פּאָלג זיך, און דו... בייזערסט זיך! נו, פאַרוואָס זידעלסטו מיך?

דער אינגעל רעדט מיט איבערצייגונג און וויינט אַזוי ביטער, אז זאיקין׳ען נעהמט פּערדריסען.

— און טאַקע אין דער אמת׳ן, וואָס וויל איך פון איהם? טראַכט ער.

— נו, גענוג... גענוג — זאָגט ער, אָננעהמענדיג דעם אינגעל פאר א אַקסעל: — איך בין שולדיג, פּעטיוכא... ענטשולדיג. דו ביזט ביי מיר א קלוגינקער, א וואוילינקער, איך האָב דיך ליעב.

פּעטיא ווישט אָב די אויגען מיט דעם ארבעל, זעצט זיך מיט א זיפץ אויף דעם פריהערדיגען אָרט און נעהמט אויסשניידען א דאמע.

זאיקין געהט אוועק צו זיך און קאבינעט. ער ציהט זיך אויס אויף דער זאָפע און, אונטערגעלייגט די הענד הינטער דעם קאָפּ, פּער־טראַכט ער זיך.

דעם אינגעל׳ס פריהערדיגע טרעהרען האָבען ווייכער געמאַכט זיין כעס, און פון לעבער איז אויך ביסלעכווייז אָבגעגאַנגען. עס לאָזען זיך נור פיהלען די מיעדקייט און דער הונגער.

— פּאַפּאַ! — הערט זאיקין הינטער דער טהיר — ווייזען דיר מיין קאָלעקציאָן פון אינסעקטען?

— ווייז!

פּעטיא קומט אריין אין קאַבינעט און דערלאַנגט דעם פּאָטער א לאנג, גרין קעסטעלע.

נאָך נישט צוטראָגענדיג עס צום אויער, הערט זאיקין א פּער־צווייפעלטען זשוזשען און א גראבלען פון לאַפּקעס אָן די ווענטלאך פונ׳ם קעסטעל. אויפגעהויבען דעם דעקעל, דערזעהט ער א גאַנצע מאַסע שמעטערלינגען, זשוקעס און פליגען, צוגעשפיליעטע צום דעק פון קעסטעל מיט שפילקעס. אלע, מיט דער אויסנאַהם פון צוויי־דריי שמעטערלינגען, לעבען נאָך און בעוועגען זיך.

— און אָט דאָס קליין גראָז־פליגעלע לעבט נאָך אַלץ! — וואונדערט זיך פּעטיא — נעכטען אין דער פריה האָט מען עס געכאַפּט, און עס איז נאָך ביז איצט נישט געשטאָרבען!

— ווער האָט עס דיך אויסגעלערנט זיי אַזוי צו מוטשען? — פרעגט זאיקין.

— אָלגא קירילאָוונא.

— אָלגא קירילאָוונא אליין האָט מען בעדארפט, אָט אזוי מור־טשען! — זאָגט זאַיקין מיט עקעל. — נעהם עס צו פון דאַנען! עס איז א שאנד אזוי צו מאטערן לעבעדיגע זאכען!

— מיין גאָט, ווי העסליך ער ווערט ערצויגען — טראכט ער נאָך פעטיא׳ס אוועקגאנג.

אצינד האָט שוין פאוועל מאטוויעאיטש פארגעסען אָן זיין מיעד־קייט און הונגער און טראכט נור פון זיין אינגעל׳ס צוקונפט.

הינטער די פענסטער ווערט דערווייל אַלץ דונקעלער און דונ־קעלער... עס הערט זיך, ווי קאָמפּאניעס זומער־געסט קעהרען זיך אום אהיים פון פארנאכטיגען באָדען זיך.

עמעצער שטעלט זיך אָב נעבען אָפענעם פענסטער פון עס־צימער און שרייט: „דארפט איהר שוועמלאך?” שרייט און, ניט קריגענדיג קיין ענטפער, שליאָפּעט ער מיט באָרוועסע פיס ווייטער...

נור אָט, ווען די פארנאכטיגע שאָטענס ווערען אַלץ געדיכטער אזוי, אַז די בלומען הינטער דעם פאָרהאַנגעל פערליערען זייערע פאַר־מען און דורך די פענסטער הויבט אָן צו ציהען א קיהלע, ביינאכטיגע פרישקייט, דאַן ערשט עפענט זיך די טהיר פון פיר־הויז מיט א טומעל, עס הערען זיך שנעלע טריט, ריידעריי, געלעכטער...

— מאמא! — נעהמט קוויטשען פעטיא.

זאַיקין קוקט ארויס פונ׳ם קאבינעט און דערזעהט זיין ווייב נאַדעזשדא סטעפּאנאָוונא׳ן א געזונטע, א ראָזעווע, ווי אימער... מיט איהר איז אָלגא קירילאָוונא, א פערטריקענטע בלאָנדינקע מיט גרויסע זומער שפּרינקלאך, און עפּעס צוויי אונבעקאנטע מענער. איינער פון זיי איז א יונגער, א לאַנגער מיט א רויטען, געקרויזטען קאָפּ, דער צווייטען — א ניעדריגער, מיט ברייטע פלייצעס, מיט א געגאָלטער, אַקטיאָרסקער פיזיאָנאָמיע, און א בלויליכער, קרומער מאָרדע.

— נאַטאַליא, שטעל דעם סאַמאָוואר! — שרייט נאַדעזשדא סטעפּאנאָוונא, רוישענדיג הויך מיט איהר קלייד: — מען זאָגט, פאוועל מאטוויעאיטש איז געקומען? פאוועל, וואו ביזטו? גוטען אבענד, פאוועל! — זאָגט זי, אריינלויפענדיג אין קאבינעט און שווער אָטהעמענדיג: — דו ביזט טאקע געקומען? עס פרעהט מיך זעהר... מיט מיר זיינען געקומען צופאָהרען צוויי פון אונזערע טהעאַטער־

ליעבהאָבער... קום, איך וועל דיך פאָרשטעלען... אָט דער, דער לענגערער, איז קאַראָמיסלאָוו... ער זינגט זעהר שעהן, און דער צווייטער, אָט דער קליינינקער... איז אַ געוויסער סמערקאַלאָוו, אַן אמת'ער אַקטיאָר. לעזט גרויסארטיג. או־ו־ף, בין איך מיעד! נור־וואָס האָבען מיר געמאכט פראָבע... עס געהט פאָרטרעפליך! מיר שטעלען אויף „דעם קוואַרטיראַנט מיט'ן פויק" און „זי וואַרט אויף איהם"... איבערמאָרגען בײנאַכט איז די פאָרשטעלונג...

— צו־וואָס האָסטו זײ געבראַכט? — פרעגט זאיקין.

— עס איז זעהר נויטיג, פּאַפּעלע! נאָך דעם טהעע דאַרף מען איבערגעהן די ראָלען, איבערזינגען עטוואָס... איך מיט קאַראָמיסלאָוו'ן וועלען זינגען אַ דועט.. יאָ, איך קען נאָך פאַרגעסען! שיק, טײבעלע מײנס, נאַטאַליע'ן, זאָל ברענגען סערדינס, קעז, שנאַפּס און נאָך עפּעס עס איז. זײ וועלען שוין דאָ, מסתמא, עסען וועטשערע אויך... אוי, בין איך מיעד!..

—הם!.. איך האָב קיין געלד נישט!

— מען קען נישט, פּאַפּעלע! עס איז ניט אַנגענעהם! צווינג מיך ניט, איך זאָל זיך דאַרפען שעהמען.

אין אַ האַלב שעה אַרום שיקט מען נאַטאַליע'ן אוועק נאָך בראַנפען און צו־בײסען; זאיקין, האָט זיך אָנגעטרונקען מיט טהעע און אױפגעגעסען אַ גאַנצען פראַנצױזישען ברויט, געהט אוועק אין שלאָף־צימער און לעגט זיך אין דער בעט, און נאַדעזשדאַ סטעפּאַנאָוונאַ מיט איהרע געסט, טומלענדיג און לאַכענדיג, נעהמען זיך איבער־חזר'ן זײערע ראָלען.

אַ לאַנגע צײט הערט פּאַוועל מאַטוויעאיטש, ווי עס לעזט אונטער דער נאָז קאַראָמיסלאָוו און די אַקטיאָרסקע אויסגעשרײען פון סמערקאַלאָוו'ן... נאָך דעם לעזען פאָלגט אַ לאַנגער געשפּרעך, וועלכער ווערט איבערגעריסען מיט אַ קוויטשענדיגען געלעכטער פון אָלגאַ קירילאָוונאַ'ן.

סמערקאַלאָוו, אַלס אַן אמת'ער אַקטיאָר, ערקלעהרט מיט אַ ברײטקײט און גרויס היץ די ראָלען...

ווײטער קומט אַ דועט און נאָך דעם דועט דאָס קלימפּערן פון געשיר... זאיקין הערט דורך דעם שלאָף, ווי מען רעדט אײן סמערקאַלאָוו'ן, ער זאָל פאָרלעזען „די זינדערין", און ווי יענער, געמאַכט אַבי־

סעל אָן אָנשטעל אין זיך געלאָזט בעטען, הויבט אָן דעקלאַמירען.

ער שיפּעט, קלאַפּט זיך אין ברוסט, וויינט, און לאַכט מיט אַ הייזעריגער באַס־שטים... זאיקין פאַרקרימט זיך און בעהאַלט דעם קאָפּ הינטער דער דעקע.

— איהר האָט צו געהן וויט און עס איז פינסטער — הערט ער אין אַ שעה ארום נאַדעזשדאַ סטעפּאַנאָוונאַ'ס קול — פּאַרוואָס זאָלט איהר נישט בלייבען דאָ נעכטיגען? קאַראַמיסלאָוו וועט זיך לייגען דאָ, אינ'ם גאַסט־צימער, אויף דער זאָפע, און איהר, סמערקאַלאָוו, אויף פּעטיא'ס בעטעל... פּעטיא'ן קען מען לייגען צום מאַן אין קאַבינעט... ווירקליך, בלייבט דאָ!

צום סוף, ווען דער זייגער שלאָגט צוויי, ווערט אַלעס שטיל.. עס עפענט זיך די טהיר אין שלאָף־צימער און עס בעווייזט זיך נאַדעזשדאַ סטעפּאַנאָוונאַ.

— פּאַוועל, דו שלאָפסט? — שעפּצעט זי.

— ניין, וואָס איז?

— געה, טהייערער מיינער, צו זיך אין קאַבינעט, לעג זיך דאָרט אויף דער זאָפע, און דאָ, אויף דיין בעט, וועל איך אוועקלייגען אָלגאַ קירילאָוונאַ'ן. געה, ליעבינקער! איך וואָלט זי געלעגט אין קאַבינעט, האָט זי אָבער מורא צו שלאָפען אליין... נו, שטעה־זשע אויף!

זאיקין הויבט זיך אויף, וואַרפט ארויף אויף זיך אַ כאַלאַט און, גענומען אַ קישען, שלעפּט ער זיך אוועק אין קאַבינעט... טאַפּענדיג אין דער פינסטער, קומט ער צו זיין דיוואַן, צינדט אָן אַ שוועבעלע און דערזעהט... אויף דער זאָפע ליעגט פּעטיא. דער אינגעל שלאָפט נישט, און קוקט מיט גרויסע אויגען אויף דער שוועבעלע.

— פּאַפּאַ, פּאַרוואָס שלאָפען דאָס די קאָמאַרען נישט ביינאַכט? — פרעגט ער.

— דערפאַר... דערפאַר — בורטשעט זאיקין: — דערפאַר, ווייל מיר ביידע זיינען דאָ איבעריגע.. אפילו שלאָפען איז ניטאָ וואו!

— פּאַפּאַ, און פּאַרוואָס איז אויף אָלגאַ קירילאָוונאַ'ס פּנים פאַראַן אזוי פיעל זומער־שפּרינקלאַך?

— אַך, טשעפּע זיך אָפּ! האָסט מיר דערעסען!

— געטראַכט אַ ווייל, טהוט זיך זאיקין אָן און געהט ארוים אין דרויסען, אָבפרישען זיך... ער קוקט אויף דעם גרויען, פריה־מאָרגענ־

דיגען הימעל, אויף די אונבעוועגליכע וואָלקענס, הערט דעם פוילען געשריי פון פארשלאָפענעם פעלד־זשוק און הויבט אָן טרוימען וועגען דעם מאָרגענדיגען טאָג, ווען ער וועט קומען אין שטאָדט אריין און וועט צוריק קעהרענדיג זיך פונ'ם געריכט, זיך א וואָרף טהאָן שלאָפען...

פון הינטער א ווינקעל בעוויזט זיך פלוצים א מענשליכע געשטאַלט.

— א וועכטער, מסתמא — טראַכט זאיקין.

אָבער, איינקוקענדיג זיך בעסער און צוקומענדיג נעהענטער, דערקענט ער אין דער געשטאַלט דעם נעכטיגען זומער־גאַסט אין די רויטע הויזען.

— איהר שלאָפט נישט? — פרעגט ער.

— ניין, עס שלאָפט זיך עפעס נישט... זיפצען די רויטע הויזען — איך קוויק זיך מיט דער נאַטור... צו מיר, דאַרפט איהר וויסען, איז מיט דעם ביינאַכטיגען צוג געקומען א טהייערער גאַסט... מיין וויבס מאַמע... מיט איהר זיינען אויך געקומען מיינע פלימעניצעס... אויסגעצייכענטע מיידלאך... מיך פרעהט זעהר, געוויס, כאָטש... עס איז זעהר פייכט! און איהר קוויקט זיך אויך מיט דער נאַטור?

— יאָ — ברילט זאיקין — איך אויך... שעפּ לופט און קוויק זיך... וויסט איהר אפשר, צו איז דאָ פאראן וואו עס איז נאָהענט א שענק, אָדער א טראַקטיר'ל?

די רויטע הויזען הויבען אויף די אויגען צום הימעל און פערטראַכטען זיך טיעפזיניג.

דער שלעכטער אינגעל.

איוואן איוואניטש לאפקין, א גאנץ שעהנער יונגער מאַן, און אננא סעמענאָוונא זאמבליצקאיא, א יונג מיידעל מיט א פערריםען נעזעל, האָבען זיך אראָבגעלאָזען פון געדרעהטען ברעג און האָבען זיך אוועקגעזעצט אויף א ביינקעל. דאָס ביינקעל איז געשטאַנען ביים סאַמע וואסער צווישען די געדיכטע קוסטעס פון יונגע וואסער־פלאַנ־צען. א וואונדער שעהנער פּלאַץ! האָט איהר זיך דאָ אוועקגעזעצט, זייט איהר בעהאַלטען פון דער גאַנצער וועלט — עס זעהען אייך נור די פיש און די וואסער שפּינען, וועלכע לויפען איבער'ן וואסער, שנעל, פייל פון בויגען. די יונגע מענשען האָבען געהאַט מיט זיך אודעס, קליינע זעקעלאך, גלעזלאך מיט ווערים און אלע אנדערע זאַ־כען, וואָס זיינען נויטיג פאַר פיש־כאַפּען.

אוועקגעזעצט זיך, האָבען זיי גלייך פאַרצויגען זייערע אודעס און זיך פאַרנומען מיט כאַפּען פיש.

— מיך פרעהט, וואָס ענדליך, זיינען מיר אליין — האָט אָנ־געהויבען לאפקין, ארומקוקענדיג זיך: — איך האָב אייך צו זאָגען זעהר פיעל, אננא סעמענעוונא.. זעהר פיעל... ווען איך האָב דערזעהן אייך צום ערשטען מאָל... ביי אייך פּיקעט דאָרט... האָב איך דאַן ערשט פערשטאַנען צו־וואָס איך לעב, האָב פערשטאַנען, וואו עס געפינט זיך מיין אידעאַל, צו וועלכען איך דאַרף ווידמען מיין עהרלי־כען, ארבייטזאַמען לעבען.. דאָרט מוז הפּנים זיין גאָר א גרויסע... עס פּיקעט... דערזעהענדיג אייך, האָב איך זיך פערליעבט צום ערש־טען מאָל, פאַרליעבט ליידענשאַפטליך!... ווארט אוים, ציהט נאָך נישט... זאָל עס בעסער נאָך אביסעל פּיקען... זאָגט מיר מיין טהייע־רע, איך באַשווער אייך, קען איך ערוואַרטען פון אייך... אַצינד שלעפּט!...

אננא סעמענאָוונא האָט אויפגעהויבען די האנד אין דער הויך, האָט א ריס געטהאָן די אודע און א געשריי געטהאָן. אין לופטען האָט א בליסטשע געטהאָן א זילבער־גרינע פישעלע.

— מיין גאָט, אָן אָקון! אוי, אוי... שנעל! ער וועט זיך נאָך אָפרייסען!

דער אָקון האָט זיך אָבגעריסען פון האטשיק, האָט גענומען שפרינגען איבער די גראָז צו זיין היימישען טייכעל און... פליוך אין וואַסער אריין!

יאָגענדיג זיך נאָך דעם פישעל, האָט לאַפקין אנשטאָט דעם פישעל צופעליג געכאַפּט אננא סעמענאָוונא'ס האנד און זי צוגעדריקט צו זיינע ליפען... יענע האָט א ציה געטהאָן די האנד צוריק, עס איז אָבער שוין געווען צושפּעט, די ליפען האָבען זיך צופעליג צוזאַמענגעגאָסען אין א קוש... ארויסגעקומען איז דאָס גאַנץ אונערוואַרטעט, עפּעס גאָר פון זיך אליין. נאָך דעם ערשטען קוש איז געקומען א צווייטער, דערנאָך שבועות און פערזיכערונגען אין ליעבע... גליקליכע מינוטען! אָבער, אין אונזער לעבען אויף דער ערד איז נישטאָ קיין פאָלשטענדיגעם גליק. דאָס גליק טראָגט געוועהנליך סם אין זיך אליין, אָדער עס ווערט פער'סמ'ט מיט עפּעס פון אויסענווייניג. אזוי האָט אויך פּאַסירט היינטיגעם מאָל. ווען די יונגע מענשען האָבען זיך געקושט, האָט זיך פלוצים דערהערט א געלעכטער. זיי האָבען א קוק געטהאָן אויף דעם טייך און זיינע טויטע געבליעבען: אין וואַסער ביז דעם גאַרטעל איז געשטאַנען א נאַקעטער אינגעל. דאָס איז געווען קאָליא א גימנאַזיסט, אננא סעמענאָוונא'ס א ברודער. ער איז געשטאַנען אין וואַסער, געקוקט אויף די יונגע לייט און ביטרע געשמייכעלט.

— אזוי, אזוי... איהר קושט זיך גאָר? — האָט ער געזאָגט — גוט, גוט! איך'ל זאָגען דער מאַמע'ן.

— איך האָף, אַז איהר, ווי אַן אנשטענדיגער מענש... — האָט גענומען שטאַמלען לאַפקין, רויט ווערענדיג: — נאָכצושפּיאָנירען איז ניט שעהן, און געהן פער'מסר'ן איז נידעריג, געמיין און העסליך... איך דענק, אַז איהר, אלס עהרליכער, אנשטענדיגער מענש...

— ניט א רובעל, דאַן וועל איך נישט אויסזאָגען! — האָט געזאָגט דער אַנשטענדיגער מענש — אַז ניט זאָג איך אויס.

לאפקין האט ארויסגענומען פון קעשענע א רובעל און עס דער־לאנגט קאליא'ן.

יענער האט צוזאמענגעדריקט דעם רובעל אין נאסען פויסט, האט א פייף געטהאן און איז אוועקגעשוואומען.

היינטיגען מאל האבען די יונגע לייט זיך שוין מעהר נישט געקושט.

אויפ'ן צווייטען טאג האט לאפקין געבראכט פון שטאדט פאר קאליא'ן פארב און א פילקע און די שוועסטער האט איהם געשענקט אלע איהרע קעסטעלאך פון פילען. שפעטער האט מען איהם נאך גע־מוזט שענקען די שפאנקעס מיט די הינטישע מארדעטשקעס.

דעם שלעכטען אינגעל איז קענטיג דער עסק שטארק געפעלען געוואָרען, אום צו קריגען נאך מעהר, האט ער זיי אנגעהויבען נאכ־צוקוקען. וואו נור אננא סעמענאָוונא מיט לאפקין'ען, דארט איז ער אויך דא. אויף קיין איין איינציגע מינוט האט ער זיי נישט געלאזט אליין.

— פערדאָרבענער יונג! — האט געסקריעט מיט די צייהן לאפ־קין — אזוי קליין און איז שוין אזא גרויסער לומפ! וואס וועט פון איהם שפעטער ווערען?!

דעם גאנצען מאנאט יוני האט קאליא ניט געלאזט רוהען די אָרימע פערליעבטע. ער האט תמיד געסטראשעט מיט א מסירה, האט זיי נאכגעקוקט און געפאדערט פרעזענטען; און אלעס איז איהם געווען וועניג, צום סוף, האט ער גאר גענומען ריידען וועגען א טאשען־זייגערל. און וואס האט מען זיך געקענט העלפען? מען האט איהם געמוזט צוזאגען א זייגער'ל.

עפעס איין מאל צו מיטאג, ווען מען האט דערלאנגט קאפע, האט ער זיך פלוצים צולאכט, האט א ווינק געטהאן מיט איין אויג און גע־פרעגט ביי לאפקין'ען:

— זאגען? אה?

לאפקין איז שרעקליך רויט געוואָרען און גענומען קייען זיין סערוועטקע אנשטאט דעם קוכען.

אננא סעמענאָוונא איז אויפגעשפרונגען פון טיש און איז אנט־לאפען צו זיך אין צימער.

אין אט אזא מין לאגע האבען זיך געפונען די יונגע לייט ביז

ענדע אויגוסט, ביז דעם דאָזיגען טאָג, ווען לאַפּקין האָט ענדליך געמאַכט אננא סעמענאָוונא אַ פאָרשלאַג. אַך, וואָס פאַר אַ גליקליכער טאָג דאָס איז געווען! דורכגערעדט זיך מיט דער כלה'ס עלטערן און געקראָגען זייער הסכמה, איז לאַפּקין פריהער פון אַלץ אװעקגעלאָפען אין גאָרטען און גענומען זוכען קאַליאַ'ן. געפונען איהם, האָט ער זיך שיער ניט צו־וויינט פאַר פרייד און האָט אָנגעכאַפּט דעם שלעכטען אינגעל פאַר אַן אויער. עס איז געקומען צולויפען אננא סעמענאָוונאַ, וועלכע האָט אויך געזוכט קאַליאַ'ן און איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן צווייטען אויער. און מען האָט געדאַרפט זעהן, וואָס פאַר אַ גענוס, הנאָה עס איז געלעגען אויף די פּנים'ער פוןביידע פערליעבטע, ווען קאַליא האָט געוויינט און זיך ביי זיי געבעטען:

— ליעבינקע, טהייערינקע, טייבעלאַך מיינע, איך וועל שוין מעהר נישט ריידען! אַי, אַי, פערצייהט מיר!

און שפּעטער האָבען זיי ביידע זיך מודה געווען, אַז די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען פערליעבט געווען איינער אין אַנדערן, האָבען זיי נאָך קיין מאָל ניט געפיהלט אַזאַ גליק, אַזאַ אומגעהויערע פרייד, ווי אין יענע מינוטען, ווען זיי האָבען אָנגעריסען דעם שלעכטען אינגעל די אויערען.

א מעשה מיט א שוהל-אינגעל.

קלייבענדיג זיך צו געהן אויפ'ן עקזאמען פון דער גריכישער שפראך האט וואניא אַטעפעליעוו איבערגעקושט אלע הייליגע בילדער. אין בויך האט זיך ביי איהם געדרעהט, אונטער'ן הארצען האט געבלאזען א קעלט און דאס הארץ אליין האט געקלאפט און איז פארשטארבען פאר שרעק פאר דער אונגעוויסהייט. וואס אזוינס וועט איהם אויספאלען היינט? א צוויי, צו א דריי? א מאל זעקס איז ער צוגעגאנגען צו דער מאמען נאך איהר ברכה, און אוועקגעהענדיג פון דער היים, האט ער געבעטען די מוהמען, זי זאל פאר איהם גאט בעטען.

געהענדיג אין גימנאזיע, האט ער דערלאנגט אן ארימאן צוויי קאפיקעס, רעכענענדיג, אז די דאזיגע צוויי קאפיקעס וועלען אויסקויפען זיין ניט קאנען און, אז דערפאר וועט גאט געבען און איהם וועלען ניט אריינפאלען קיין שווערע, פערדרעהטע ווערטער.

אומגעקעהרט האט ער זיך פון גימנאזיע שפעט, א זייגער פינף, געקומען און שטיל, אהן גערויש, זיך געלעגט. זיין מאגערער פנים איז געוועזען בלאס. ארום די רויט-פערוויינטע אויגען האבען זיך אוועקגעלעגט דונקעלע פאסען.

— נו, וואס? ווי האסטו אויסגעמאכט? וויפיעל געקראגען?
— האט געפרעגט די מאמא, צוגעהענדיג צו זיין בעט.

וואניא האט גענומען פינטלען מיט די אויגען, האט פארקרימט דעם מויל אן א זייט און זיך צו-וויינט.

די מוטער איז בלאס געווארען, ברייט געעפענט דאס מויל און א פאטש געטהאן מיט די הענד. די הויזלאך, וואס זי האט פאררוכט זיינען ארויסגעפאלען פון איהרע הענד.

— וואס-זשע וויינסטו? נישט אויסגעהאלטען, מסתמא? — האט זי געפרעגט.

— דורכ... געפאלען... א צוויי געקראַגען...

— איך האָב עס אָבער געוואוסט!.. דאָס הארץ האָט מיר גע־זאָגט! — האָט גענומען ריידען די מאמע — אַך, גאָטוניו! שטייץ דו האָסט נישט אויסגעהאלטען? פארוואָס? אויף וועלכען געגענ־שטאַנד?

—אין גריכיש... איך, מאַמינקע.. מען האָט ביי מיר געפרעגט ווי איז „פערא" אין דער צוקונפט, און איך... אנשטאָט צו זאָגען איסאָמאַי, האָב געזאָגט „אָפסאָמאַ", דערנאָך... דערנאָך... האָט דער לעהרער אָרטאקסערסאָוו מיר געשטעלט נאָך עטליכע פראַגען און איך האָב ניט ווילענדיג זיי צומישט... איך האָב א טעות געהאַט... האָט ער גענומען און מיר געשטעלט א צוויי... אַן אונגליקליכער... א אונ־גליקליכער מענש בין איך... די גאַנצע נאַכט האָב איך גע'חזר'ט... די גאַנצענע וואָך בין איך פיער אזייגער ביינאכט אויפגעשטאַנען'...

— ניין, נישט דו, נור איך בין אַן אונגליקליכע, צולאָזענער איינ־געל דו! איך בין נעבאָך א אונגליקליכע! א דאַר שפּענדעל האָסטו פון מיר געמאכט, אונגליק מיינער, פערפאַלגער מיינער, בייזע אַנשי־קענעש, דו! איך צאָהל פאר דיר, פאר אזא שטיק צרה, בויג דעם רוקען אין דרייען, מאַטער זיך, און מען קען זאָגען, לייג דעם לעבען אוועק, און וואָס פאר א נחת האָב איך פון דיר? ווי לערענסטו זיך?

— איך... איך לערן זיך די גאַנצע נאַכט... איהר האָט אליין גע־זעהן...

— איך האָב ביי גאָט אויף זיך דעם טויט געבעטען, הערט ער מיך נישט, די זינדערין... פּלאַגעניש מיינע! ביי לייטען קינדער, ווי קינדער, אָבער ביי מיר איז איין־איינציגער — און קיין טאָלק איז פון איהם נישטאָ, קיין וועג נישט. וואָס זאָל איך מיט דיר טהאָן? דיך שלאָגען? איך וואָלט געשלאָגען, אָבער וואו נעהמט מען כוחות דערצו? גאָטוניו, וואו נעהמט מען כוחות?

די מאמא האָט פארשטעלט דעם פנים מיט א פאָלע פון איהר יאַקעל און זיך צוקלאָגט. וואַניא האָט זיך גענומען דרעהען פאר וועה־טאָג און אומעט און צוגעשפּארט זיין שטערן צום וואַנט. עס איז אריין די מוהמע.

— נו, אָט... די הארץ מיינע האָט מיר גלייך געזאָגט... האָט זי

גענומען ריידען, פאַרשטעהענדיג גלייך, וואָס דאָ טהוט זיך און אַ פּאַטש טהאָנדיג מיט די הענד: — אַ גאַנצען פריה־מאָרגען איז גע־ווען אַזאַ אומעט... נו, נו, טראַכט איך, עס וועט שוין קומען עפּעס אַ צרה... און, אָט איז טאַקע אַזוי ארויסגעקומען...

— מערדער מיינער, בלוט־זויגער! — האָט ארויסגערעדט די מאַמע.

— וואָס־זשע זירעלסטו איהם? — האָט זיך אויף איהר ארויפ־געוואָרפען די מוהמע, שלעפענדיג נערוועז פון קאָפּ אַ טיכעל פון קאַפּע־קאָליר: — אַז ניט איז ער שולדיג? דו אליין ביזט שולדיג! דו! נו, זאָג אליין צו־וואָס האָט דיר געפּאַסט איהם אריינגעבען אין גימנאַ־זיע? וואָס ביזטו עפּעס פאַר אַ יחסן'טע? עס ווילט זיך איך ווערען פּריצים? ניט אַנדערש... נו, אודאי, געוויס, ניט אַנדערש, מען כאַפּט גלייך און מאַכט איך פאַר פּריצים! אַז איהר וואָלט אָבער געטהאָן, ווי איך האָב איך געזאָגט, איהר וואָלט איהם בעסער אריינגעגעבען צו אַ סוחר, מסחור זיך לערנען... אין אַ קאַנטאָר, ווי מיין קוזיא... אָט קוזיא קריעגט פינף הונדערט רובעל אַ יאָהר. פינף הונדערט רו־בעל — אַ קלייניגקייט? האָסט זיך פאַרמוטשעט, און דעם אינגעל פאַרמוטשעט מיט דיין בילדען איהם, זאָל די וויסענשאַפט דיינע דאָרט קיין קיום ניט האָבען. אַ מאָגערינקער נעבאַך, הוסט... גיעב נור אַ קוק: דרייצעהן יאָהר איז איהם דאָך שוין און אויסזעהן זעהט ער אויס, ווי אַ צעהן־יאָהריגער.

— ניין, נאַסטענקאַ, ניין, טהייערינקע! איך האָב איהם ניט גענוג געשלאָגען, אָט־ט דעם בלוט־זויגער מיינעם! קלעפּ האָט מען איהם געדאַרפט געבען, אָט וואָס! אוי, אוי, אוי... יעזואיט, מאַהאָמעט, בלוט־זויגער מיינער! — האָט זי זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דעם זוהן, — שמייסען האָט מען דיך געדאַרפט, אָבער איך האָב קיין קרעפ־טען ניט. מען האָט אָבער מיר געזאָגט פריהער, ווען ער איז נאָך גע־ווען אַ קליינינקער: „שלאָג, הרג'ע"... איך, זינדערין האָב נישט געפאָלגט. און אָט מוטשע איך זיך אצינד. וואַרט אויס! איך וועל זיך מיט דיר אָברעכענען! וואַרט! וואַ ט...

די מאַמאַ האָט איהם אַ סטראַשע געטהאָן מיט'ן נאַסען פויסט און איז וויינענדיג אַוועק צו איהר קוואַרטיראַנט אין צימער.

איהר קוואַרטיראַנט, יעווטיכי קוזמיטש קופּאַראָסאָוו, איז געזע־סען ביי זיך נעבען טיש און געלעזען אַ בוך, וועלכעס לערענט אוים טאַנצען אָהן אַ לעהרער. יעווטיכי קוזמיטש, דאַרפט איהר וויסען, איז אַ מענש אַ קלוגער און אַ געבילדעטער. ער רעדט דורך דער נאָז, וואַשט זיך מיט אַזאַ מין זייף, פון וועלכען עס שמעקט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט אַלעמען אין שטוב ניסען. אין די טעג פון פּאָסט, עסט ער פלייש און זוכט זיך אַ געבילדעטע כלה, צוליעב דעם אַלעמען ווערט ער פאַררעכענט פאַר דעם סאַמע געבילדעטסטען קוואַרטיראַנט. זינגען זינגט ער מיט אַ טענאָר שטים.

— טאַטעלע מיינער! — האָט זיך צו איהם געווענדעט די מאַ־מע, באַגיסענדיג זיך מיט טרערען — זייט אַזוי עדעל הערציג, שמייסט אָפּ מיינעם... טהוט מיר די טובה! ער האָט דאָך נישט אויסגעהאַל־טען, וועה איז מיר! איהר וועט עס גלויבען, ער האָט נישט אויס־געהאַלטען! איך קען איהם נישט בעשטראָפען. איבער מיין שוואַכען געזונד... שמייסט איהר איהם אָפּ אנשטאָדט מיר, זייט אַזוי גוט און עדעלהאַרציג, יעווטיכי קוזמיטש! האָט איינזעהעניש מיט אַ קראַנ־קער פרוי!...

קופּאַראָסאָוו האָט זיך אָנגעכמורעט און האָט דורך די נאָז־לעכער ארויסגעלאָזען אַ טיעפען זיפץ. ער האָט אַ טראַכט געטהאָן, האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט די פינגער איבער׳ן טיש און נאָך אַמאָל אַ זיפץ טהאָנדיג, איז ער אַוועק צו וואַניאַ׳ן.

— אייך לערנט מען! — האָט ער אָנגעהויבען — מען בילדעט אייך, מען ווייזט אייך, אַזוי צו זאָגען, אַ וועג, איהר, אונאַדנקבאַ־רער יונגער מאַן! און איהר, וואָס?

ער האָט לאַנג גערעדט, געהאַלטען אַ גאַנצע רעדע. האָט דער־מאָנט וועגען וויסענשאַפט, וועגען ליכטיגקייט און פינסטערניש.

— יאָ, אַזוי איז דאָס, יונגער מאַן!

און געענדיגט זיין רעדע, האָט ער פון זיך אַראָבגענומען דעם רי־מען און אַ ציה געטהאָן וואַניאַ׳ן פאַר אַ האַנד.

— מיט אַזאַ, ווי איהר זייט, קען מען אַנדערש נישט: — האָט ער געזאָגט.

וואַניאַ האָט זיך שטום איינגעבויגען, האָט אַריינגערוקט זיין

קאָפּ צווישען יענעם'ס קניע. זיינע רויטע, אויסגעשטאַרצעטע אויערען האָבען זיך גענומען באַוועגען איבער קופּאַראָוו'ס נייע הויזען מיט די ברוינע לאַמפּאַסען...

וואַניא האָט ניט ארויסגעלאָזט קיין איין פּיפּס. דעם זעלבען אָבענד איז אויף דעם פאַמיליען־ראַטה בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען איהם פאַר אַ סוחר און איהם אָבגעבען אין אַ קאַנטאָר.

א שריפטשטעלער.

אין דעם הינטערשטען צימער פון יערשאַקאָוו'ס טהעע־מאַגאַזין איז ביי א הויכען שרייב־טיש געזעסען דער סוחר יערשאַקאָוו אליין, נאָך גאָר א יונגערמאַן, געקליידעט לויט דער לעצטער מאָדע, נור מיט א פערוואַקסען פנים, אויף וועלכען עס זיינען שטאַרק קענטיג געוועזן שפּורען פון א שטורמדיגען לעבען.

נאָך זיין געצוקטען און געדרעהדעלטען האַנדשריפט און נאָך דעם פיין־שמעקענדיגען רויך פון זיין סיגאַר האָט מען געקענט זיך אָנשטויסען, אז די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציאָן איז איהם חלילה ניט פרעמד. נאָך מעהר האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז א קולטור־רעלער מענש, בשעת פונ'ם מאַגאַזין איז אריינגעקומען א אינגעל און געמעלדעט:

— דער שריפטשטעלער איז געקומען!

— אה!... רוף איהם אריין. זאָג איהם, אז זיינע קאַלאָשען זאָל ער אויסטהאָן אינ'ם מאַגאַזין.

אין א ווײַלע ארום איז אין צימער אריינגעקומען מיט שטילע טריט א גרויער פליכעוואַטער אלטינקער אין א געלען אָפּגעקראַכע־נעם ראָק, מיט א רויטען פערפראָרענעם פנים און מיט א מינע פון שוואַכקייט און ניט־זיכערקייט, וועלכע מען קען זעהן ביי מענשען, וואָס שיכור'ן שטענדיג.

— איך האָב די עהרע... — האָט יערשאַקאָוו זיך אָנגערופען, ניט אומקוקענדיג זיך אויף איהם: — וואָס עפּעס גוטס, הערר הייניס?

יערשאַקאָוו האָט צומישט די ווערטער „זשעני" און „הייניע" און ביי איהם האָבען זיי זיך צונויפגעגאָסען אין איין וואָרט „הייניס", און מיט דעם נאָמען האָט ער אלע מאָל גערופען דעם אלטינקען.

— אָט, איך האָב געבראַכט, וואָס איהר האָט ביי מיר באַשטעלט — האָט דער אַלטינקער געענטפערט — שוין פאַרטיג...

— אַזוי גיך?...

— אין דריי טעג, זאַכאַר סעמיאָניטש, קען מען אָנשרייבען אַ ראָמאַן און ניט נור אַ רעקלאַמע. פאַר אַ רעקלאַמע איז איין שטונדע גענוג.

— אַזוי? הײַנט וואָרום דינגט איהר זיך מיט מיר אַזוי פיעל, אַקוראַט ווי איהר וואָלט אַ גאַנצען יאָהר אויף דעם געדאַרפט אַר־בייטען. נו, ווייזט אָקאָרשט, וואָס איהר האָט דאָרט פערפאַסט?

הײַנים האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע עטליכע צוקנייטשטע בעשריבענע מיט אַ בלייפעדער בויגעלאַך פּאַפּיר און איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש.

— ביי מיר איז נאָך ניט אין גאַנצען אויסגעאַרבייט... די ערשטע קאָפּיע — האָט ער געזאָגט — איך וועל פאַר אייך פאָרלעזען און איהר הערט זיך צו מיט קאָפּ. טאָמער אַ פעהלער, ווייזט אָן. עס וואָלט גאָר קיין וואונדער ניט געווען, ווען איך זאָל מאַכען אַ פעהלער. וועט איהר גלויבען, זאַכאַר סעמיאָניטש? פאַר דריי מאַגאַזינען האָב איך פערפאַסט רעקלאַמען אויף איין קלאַפּ... פון אַזאַ אַרבייט וואָלט זיך אַפילו ביי שעקספּיר׳ן אַליין פערדרעהט דער קאָפּ!

הײַנים האָט אָנגעטאָן ברילען, פערריסען די ברעמען און גענומען לעזען מיט אַ טרויעריגען קול און אַזוי ווי ער וואָלט דעקלאַמירט:

— „דער סעזאָן פונ׳ם 1885־86 יאָהר. דער צושטעלער פון כינע־זישע טהעען אין אַלע שטעדט פונ׳ם אייראָפּייאישען און אַזיאַטישען רוסלאַנד און אין אויסלאַנד ז. ס. יערשאַקאָוו. די פירמע עקזעסטירט זיין 1804 יאָהר".

דאָס איז נור די איינלייטונג, פערשטעהט איהר מיך, וועט זיין געדרוקט מיט אַן אָרנאַמענט אַרום... איך האָב אויסגעטראַכט פאַר אייך אַ שעהנעם אָרנאַמענט, זאַכאַר סעמיאָניטש: אַ לייב, וואָס האַלט צווישען זיינע ציינער אַ לירע... איצט לעזען מיר ווייטער:

— „צוויי ווערטער צו אונזערע קונדען: געעהרטע הערען! ניט די פּאָליטישע פּאַסירונגען פון דער לעצטער צייט, ניט דער גלייכ־גילטיגער אינדיפערענטיזם, וואָס דריגט אריין אַלץ מעהר און מעהר אין אַלע שיכטען פון אונזער געזעלשאַפט, ניט די פערטריקעניש פון

דער טייך וואָלגא, פון וועלכער עס איז ניט לאַנג גערעדט געוואָרען אין דעם בעסטען טהייל פון אונזער פּרעססע — גאָר נישט שרעקט אונז אָפּ. דער לאַנגיאָהריגער עקזיסטענץ פון אונזער פירמע און די סימפּאַ־טיען, וואָס מיר האָבען זיך פערשאַפט, גיט אונז די מעגליכקייט איינ־צוהאַלטען פעסט דעם באָדען און ניט צו ענדערען אונזער אַלטע איינ־געאָרדענטע סיסטעמא, סיי אין אונזערע בעציהונגען צו די אייגענ־טהימער פון די טהעע־פּלאַנטאַציעס און סיי אין אונזערע בעציהונגען צו אונזערע קונדען. אונזער מאָטטאָ איז גענוג בעוואוסט. עס דריקט זיך אויס אין די דריי, פיעל בעדייטענדע ווערטער: עהרליכקייט, ביליג און פּראָסט!!!"

— גוט! זעהר גוט! — האָט איהם איבערגעשלאָגען יערשאַקאָוו, אונטערשפּרינגענדיג אויף זיין שטול: — איך האָב עס גאָר ניט ערוואַרטעט, איהר זאָלט אזוי ממזריש פערפאַסען. ממזריש! נור אָט וואָס, ליעבער פריינד... מען דאַרף, ווי עס איז, נאָך אַביסעלע פערדרעהען, דונקעלער מאַכען די געשיכטע, עפּעס אזוי, פערשטעהט איהר מיך, עפּעס אַ קונסט מאַכען, אַ פערדרעהעניש... אָט, צום ביי־שפּיעל, מיר שרייבען דאָ, אז די פירמע האָט נור־וואָס בעקומען אַ פּאַרטיע פרישען טהעע, וואָס מען האָט אָראָפּגענומען פון די פּלאַנטאַ־ציעס היינטיגען פריהלינג... אזוי? דאַרף מען נאָך צו דעם צוגעבען, אז דאָס דאָזיגע טהעע ליעגט שוין ביי אונז אויפ'ן לאַגער העכער דריי יאָהר... איהר פערשטעהט? עס דאַרף אזוי אויסקומען, אז דאָס זעל־בע טהעע אי עס ליעגט ביי אונז אויפ'ן לאַגער העכער דריי יאָהר, אי מיר האָבען עס ערשט אריינגעקראָגען...

— איך פערשטעה... דאָס פּובליקום וועט אָבער ניט בעמערקען דעם ווידערשפּרוך. פון אָנפאַנג וועלען מיר אָנשרייבען, אז דעם טהעע האָבען מיר נור וואָס אריינגעקראָגען, און אם ענד וועלען מיר אזוי זאָגען: „אזוי ווי מיר האָבען אָנגעגרייט אַ סך סאָרטען טהעען פון פריהער וואָס מיר אליין האָבען פאַר זיי געצאָהלט די אַלטע ביליגע פּרייזען, זיינען מיר דערפאַר אימשטאַנד צו פערקויפען זיי צו אונזערע קונדען אויף דעם אַלטען ביליגען פּרייז. אויף דער צווייטער זייט ווע־לען זיין אויסגעשטעלט די פּרייזען. דאָ וועט מען אויך קענען מאַכען שעהנע אָרנאַמענטען. אונטער זיי מיט גרויסע ווערטער: „די פּרייז־ליסטע פון די בעסטע סאָרטען אויסגעוועהלטען אַראָמאַטישען, פּו־

טשאַנעם, קיכאַטינעם און בייכאָווען טהעע, פריש פון די פּלאַנטאַציעס..."

ווייטער:

„מיר מאַכען אויפמערקזאַם די ליעבהאָבער פון ליאַסינעם טהעע, ווי צום ביישפּיעל, פון דער „בינעזישער עמבלעם אָדער די קנאה פון די קאָנקורענטען", אַז דיעזער סאָרט קאָסט 3 רובעל מיט 50 קאָפּיקעס. פון דעם בלומען־טהעע רעקאָמענדירען מיר בעזאָנדערס די „באָגדיכאַנער ראָזע" 2 רובעל און די „אויגען פון דער בינעזערין" — 1 רובעל מיט 80 קאָפּיקעס".

ווייטער מכוח אַ פּרעמיאום:

„די מייסטע פון אונזערע קאָנקורענטען פּערנאַרען דעם עולם מיט פּרעזענטען אַלערליי, וואָס זיי גיעבען זייערע קונדען. מיר פון אונזער זייט פּראָטעסטירען געגען אַזא מין בעטרוג און מיר גיבען אונזערע קונדען ניט אַלס פּרעמיאום, נור אומזיסט אַלע זאַכען, מיט וועלכע אונזערע קאָנקורענטען זוכען צו פּערנאַרען די קונדען. יעדער, איינער, וואָס וועט ביי אונז קויפען פאַר 50 רובעל סחורה, קען ביי אונז קריגען אומזיסט איינע פון די פאָלגענדע פינף זאַכען: אַ טהעע־קאַן פון ענגלישען מעטאַל, הונדערט וויזיט־קאַרטלעך, דעם פּלאַן פון דער שטאָדט מאָסקווע, אַ צוקערניצע מיט אַ נאַקעטער בינעזערין און אַ בוך מיט'ן נאָמען: „דער חתן איז פּערוואונדעט אָדער אַ כלה אונטער אַ מולטער", אַן ערצעהלונג פון דעם פּרעהליכען שטיפער".

געענדיגט לעזען און אויסגעבעסערט אין מאַנכע שטעלען, האָט היינים שנעל איבערגעשריעבען די רעקלאַמע אויף ריין און האָט זי דערלאַנגט יערשאַקאָוו'ן.

אַ קורצע ווייל האָבען זיי ביידע נאַכדעם געשוויגען. ביידע האָבען זיך דערפיהלט עפּעס ניט אַנגענעהם, אַזוי ווי זיי וואָלטען אָפּגעטהאָן עפּעס אַ מיאוס'ע זאַך.

— וועט איהר מיר גלייך בעצאָהלען פאַר מיין ארבייט אָדער שפּעטער? האָט היינים אַ פרעג געטהאָן ניט דרייסט.

— ווי איהר ווילט, פונמיינטוועגען שוין... — האָט יערשאַקאָוו געענטפערט און צוגעלייגט, דוצענדיג איהם: — געה אין מאַגאַזין און נעהם זיך דאָרט וואָס דו ווילסט אויף פינף רובעל און אַ האַלב.

— איהר וואָלט מיר בעסער בעצאָהלט מיט מזומנים, זאַכאַר סעמיאָניטש.

— איך האַלט ניט פון דער מאָדע צו צאָהלען מיט מזומ'נע געלד. איך צאָהל אַלעמען מיט טהעע און צוקער: אי דיר, אי די זינגער פון דער קירכע, אי דעם הויז־וועכטער. אזוי איז ווענינער שיכרות.

— קען מען דען פערגלייכען, זאַכאַר סעמיאָניטש, מיין ארבייט צו דעם הויז־וועכטער'ס אָדער צו די זינגערס? מיין ארבייט איז קאָפּ־ארבייט.

— וואָס פאַר אַן ארבייט! אוועקגעזעצט זיך און אָנגעשריעבען, אַ גוואַלדיגע מעשה! קענסט דען עסען דיין שרייבען צו טרינקען?... ווייס איך, ווערטה אַ שפּיי! אפילו קיין רובעל ניט ווערטה.

— הם!... ווי איהר רעדט עס וועגען שרייבען! — האָט זיך הייניס בעליידיגט — מען קען עס ניט עסען און ניט טרינקען! און דאָס פאַרשטעהט איהר ניט, אז ווען איך האָב פערפאַסט אָט די דאָזיגע רעקלאַמע, האָט אפשר מיין נשמה געליטען גרויסע יסורים. שרייבסט און פיהלט, אז דו בעטריגסט גאַנץ רוסלאַנד. זאַכאַר סעמיאָניטש, בעצאָהלט מיר מיין געלד!

— אוי דו האָסט מיר דערעסען, ברודערל. שטעהסטו צו, ווי אַ קלעק. פע ניט שעהן!

— נו, גוט. איך וועל דאָרט נעהמען מעהל־צוקער. אייערע אָנגעשטעלטע וועלען ביי מיר איהם נאָכדעם אָפּקויפען צוריק פאַר אכט קאָפּיקעס א פונט. נו, וועל איך פערלירען ביי דעם מסחור פערציג קאָפּיקעס, וואָס קען איך העלפען? נו, זייט מיר געזונד!

הייניס האָט זיך אַ קעהר געטהאָן, געוואָלט ארויסגעהן. אָבער אין טהיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, טיעף אַ זיפץ געטהאָן און ארויסגערעדט מיט אַ טרויעריגען קול:

— רוסלאַנד בעטריג איך! גאַנץ רוסלאַנד! מיין אייגענעם פאָטערלאַנד בעטריג איך פאַר אַ שטיקעלע ברויט! עך!

און ער איז ארויסגעגאַנגען.

יערשאַקאָוו האָט פערדרויכערט אַ האוואַנע סיגאַר און אין זיין צימער האָט נאָך שטאַרקער גענומען שמעקען מיט'ן קולטורעלען מענשען...

אן אונגעוועהנליכער מענש.

פאַר דער טהיר פון דער אַקושערקע מאַריא פּעטראָוונא קאָשקי־נאַ, אַן אַלטע מיידעל, שטעלט זיך אָב אַ הויכער הערר אין אַ צילינ־דערהוט און אין אַ שינעל מיט אַ קאַפּישאָן. אין דער יעסענדיגער דונקעלהייט קען מען ניט אונטערשיידען ניט דעם פּנים און ניט די הענד, אָבער אין דעם אופ'ן, ווי אַזוי ער הוסט אונטער און ווי ער ציהט דעם גלעקעל, שפּירט זיך אַ ערנסטקייט, זיכערקייט און עפּעס אַזוינס, וואָס רופט ארויס דרך ארץ.

נאָכ'ן דריטען קלונג עפענט זיך די טהיר, און עס בעוויזט זיך מאַריא פּעטראָוונא אַליין. זי איז אָנגעטהאָן אין אַ ווייסען אונטער־קלייד מיט אַ מענער־ראָק איבער די אַקסלען. אַ קליין לעמפּעלע מיט אַ גרינעם קאַלפּאַק וואָס זי האַלט אין די הענד, וואַרפט אַ גרינליכען שיין אויף איהר פאַרשלאָפענעם, מיט זומער־שפּרינקלאָך פּנים, אויף דער האַלז מיט בלויע אָדערען און אויף די שיטערע, געלבליכע האָאָר, וואָס קריכען ארויס פון אונטער'ן טשעפּיק.

— קען איך זעהן די אַקושערקע? — פרעגט דער הערר.

— איך בין די אַקושערקע. וואָס פערלאַנגט איהר?

דער הערר געהט אריין אין פּיהר־הויז, און מאַריא פּעטראָוונא דערזעהט פאַר זיך אַ הויכען, שלאַנקען מאַנספּערשוין, שוין ניט קיין יונגען, אָבער מיט אַ שעהנעם, שטרענגען פּנים און געדיכטע באַקען־באָרדען.

— איך בין דער אַסעסאָר קיריאַקאָוו — מאַכט ער — געקומען בין איך אייך רופען צו מיין ווייב. אָבער איך בעט אייך, מאַכט עס וואָס גיכער.

— גוט... — ענטפערט די אַקושערקע — איך וועל זיך גלייך אָנטהאָן, און איהר זייט אַזוי גוט און וואַרט אויף מיר אַ ווײַלע אין זאַאַל.

קיריאַקאָוו נעהמט פון זיך אַרונטער דעם שינעל און געהט אריין אין זאַאַל.

דער גרינער שיין פון'ם לעמפּעלע פאַלט בלאַס אויף די ביליגע מעבעל אין די פאַרלאַטעטע טשעכאַלען, אויף די פּאַרדאַרטע בלומען און די פענסטער־געזשימשען, וואו עס פלעכט זיך פליושץ.... עס הערט זיך דער גערוך פון זשעראַניום־בלומען און פון קאַרבאָל. דער קליינער וואַנט־זייגער קלאַפּט ניט־דרייסט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעהמט פאַר דעם פרעמדען מאַנספּאַרשוין.

— איך בין פאַרטיג! — זאָגט מאַריא פּעטראָוונאַ, אריינקומענ־דיג אין פינף מינוט אַרום אין זאַאַל, שוין אין גאַנצען אָנגעטהאָן, אָרומ־געוואַשען, פריש און מונטער: — קומט לאָמיר פאָהרען!

— יאָ, מען דאַרף זיך צואיילען... — רופט זיך אָן קיריאַקאָוו

— אָבער זאָגט מיר אַקאָרשט, וואָס איך וועל ביי אייך פרעגען: וויפיעל וועט איהר נעהמען פאַר אייער טרחה?

— איך וויים אליין ניט... — שמייכעלט צומישט מאַריא פּעטראָוונאַ — אַט, וויפיעל איהר וועט געבען...

— ניין, דאָס האָב איך פיינט — מאַכט קיריאַקאָוו, קוקענדיג קאַלט און אונבוועגליך אויף דער אַקושערקע: — אַ וואָרט איז טהייערער פון געלד. איך דאַרף ניט אייער'ס, איהר דאַרפט ניט מיינ'ס. אום אויסצומיידען שפּעטערדיגע טענות, איז בעסער מיר זאָלען אפּריי־הער מושוה ווערען.

— כ'לעבען, איך וויים ניט... קיין בעשטימטער פּרייז איז ניטאָ.

—איך אַרבייט אליין און בין געוועהנט צו שעצען פרעמדע אַר־בייט. אונגערעכטיגקייטען האָב איך ניט ליעב. פאַר מיר וועט זיין גראַדע אַזוי אונאַנגענעהם, ווען איך וועל אייך ניט דערצאָהלען, ווי ווען איהר וועט ביי מיר נעהמען איבעריגע און דערפאַר באַשטעה איך אויף דעם, אַז איהר זאָלט מיר זאָגען אייער פּרייז.

— עס זיינען דאָ פערשיעדענע פּרייזען!

— הם!... אויב איהר קענט זיך ניט בעשליסען מיר צו זאָגען, וועל איך דאַן אליין מוזען בעשטימען אַ פּרייז. אַלזאָ, איך קען אייך געבען צוויי רובעל.

— וואָס רעדט איהר ,גאָט איז מיט אייך! — זאָגט מאַריא

פּעטראָוונאַ, רויט ווערענדיג, און טהוט זיך אַ כאַפּ צוריק: — איידער צו נעהמען צוויי רובעל, וועל איך שוין בעסער געהן גאָר אומזיסט. אַלזאָ, אויב איהר ווילט, פּאַר פינף רובעל...

— צוויי רובעל און מעהר ניט אַ קאָפּיקע... אייערס דאַרף איך ניט, אָבער מיינס וועל איך אויך קיינעם אומזיסט ניט געבען...

— טהוט זיך ווי איהר פאַרשטעהט, נור פאַר צוויי רובעל וועל איך ניט פאָהרען...

— גאָכ'ן געזעץ נאָך האָט איהר אָבער קיין רעכט ניט זיך אָבצוזאָגען.

— איך זאָג זיך ניט אָב. איכ'ל מיט אייך פאָהרען אומזיסט.

— אומזיסט וויל איך ניט. יעדע אַרבייט מוז בעצאָהלט ווערען. איך אַרבייט אליין און פערשטעה עס גאַנץ גוט...

— פאַר צוויי רובעל פאָהר איך ניט... ערקלעהרט גוטמוטהיג מאַריא פּעטראָוונאַ — סיידען איהר ווילט אומזיסט...

— אויב אַזוי טהוט מיר לייד, וואָס איך האָב אייך אומזיסט בעאונרוהיגט... גוט נאַכט!...

— ס'אַרא מאָדנער איהר זייט... — זאָגט די אַקושערקע, בעגלייטענדיג קיריאַקאָוו'ן אין פּיהרהויז — אויב אייך ווילט זיך שוין דוקא אַזוי אַראָבדינגען ביי מיר, טאָ זאָל שוין מיינס אַריבערגעהן. איך פאָהר מיט אייך פאַר דריי רובעל.

קיריאַקאָוו שטעלט זיך אָב אַ פאַרכמורעטער און טראַכט גאַנצע צוויי מינוטען, קוקענדיג אָנגעשטרענגט אויף דער פּאָדלאָגע, דערנאָך רעדט ער אַרויס ענטשלאָסען „ניין!" און געהט אַרויס אויף דער גאַס.

אַ פאַרוואונדערטע און צומישטע פאַרמאַכט די אַקושערקע נאָך איהם די טהיר און געהט צוריק צו זיך אין שלאָף־צימער.

עס געהט ניט אַוועק קיין האַלבע שעה און עס דערהערט זיך ווידער אַ קלונג; זי הויבט זיך אויף און דערזעהט אין פּיהר־הויז דעם זעלביגען קיריאַקאָוו'ן.

— אַ שעהנע אָרדנונג איז ביי אונז! — רעדט ער בייז — ניט אין אַפּטהעק, ניט די פּאָליסלייט און ניט הויז־וועכטער ווייסען, וואו עס געפינען זיך די אַקושערקעס. פרעגט אַן אדרעס, קיינער ווייס נישט... אויף אַזאַ אופ'ן בין איך געצוואונגען אָנצונעהמען אייערע

פאָדערונגען. איך וועל אייך געבען דריי רובעל, אָבער... איך זאָג אייך פאָראויס, ווי איך זאָג עס צו אַלעמען, ווער עס טהוט פאַר מיר וועלכע עס איז ארבייט, איך בעדינג זיך מיט אייך אפריהער אום איהר זאָלט צו מיר שפּעטער ביים פונאנדערצאָהלען זיך ניט האָבען קיין טענות, ניט בעטען אויף טהעע און אזוי ווייטער. יעדערער דאַרף זיך קריעגען זיינס!...

מאַריאַ פּעטראָוונאַ האָט זיך ניט לאַנג צוגעהערט צו זיינע רייד, זי האָט געפיהלט, אַז ער האָט איהר דערעסען; אַז ער איז איהר מיאוס געוואָרען און זיינע קאַלטע, אויסגערעכענטע ווערטער האָבען זיך איהר געלייגט, ווי שטיינער אויף'ן הארצען.

זי האָט זיך אָנגעטאָן און איז מיט איהם ארויס אין גאַס.

אין דער לופטען איז שטיל, קאַלט און אזוי פארכמארעט, אַז אפילו די פייערלאַך פון די לאַנטערנעס זעהען זיך קוים. אונטער די פיס פייפט די בלאָטע, די נאַסקייט. די אַקושערקאַ קוקט זיך ארום און זעהט ניט קיין דראָזשקע...

— ס'איז מסתמא ניט ווייט? — פרעגט זי.

— ניט ווייט, ניט ווייט — ענטפערט ער מיט פערדרוס אין קול.

זיי געהען פארביי איין גאַס, אַ צווייטע, אַ דריטע... קיריאַקאָוו טרעט פאָראויס און אפילו אין זיין ארט געהן שפירט זיך אַ ערנסט־קייט, אַ זיכערקייט.

— וואָס פאַר אַ מיאוס וועטער! — ווענדעט זיך צו איהם די אַקושערקע.

ער אָבער שווייגט און סטארעט זיך צו געהן איבער די גלאַטע שטיינער, אום ניט איבערצופיהרען זיינע קאַלאָשען. צום סוף, נאָכ־דעם ווי זיי זיינען אָבגעגאַנגען אַ גאַנץ לאַנגען מהלך, איז די אַקור־שערקע אריין אין אַ פיהר־הויז; פון דאַנען האָט זיך געזעהן אַ גרויסער אנשטענדיג־צוגעקליעבענער זאַאַל... אין די צימערען און אפילו אין שלאָף־צימער, וואו די געווינערין איז געלעגען איז ניט געוועזן קיין לעבעדיגער מענש... ניט קיין קרובים און ניט קיין עלטערע פרויען, וועלכע פילען געוועהנליך אָן דאָס הויז אין אזא פאַל, האָבען זיך דאָ ניט געזעהען. נאָר איין קעכין מיט אַ טעמפען, דערשראָקענעם פּנים

פליהט ארום איבער'ן שטוב, ווי א משוגענע. עס הערען זיך הויכע, פאַרצווייפעלטע קרעכצען...

עס געהט אוועק דריי שטונדען.

מאַריא פעטראָוונא זיצט ביי דער געווינערינ'ס בעט און רעדט וועגען עפּעס אין דער שטיל.ביידע פרויען האָבען זיך דערווייל שוין באַקענט, האָבען פערשטאַנען איינס דאָס אנדערע, האָבען זיך אויסגערעדט דאָס הארץ און זיך גוט אָנגעזיפצט...

— איהר טהאָרט ניט ריידען! — זאָגט די אַקושערקע און הערט ניט אויף צו שיטען מיט פראַגען.

נור, אָט עפענט זיך די טהיר, און אין שלאָף־צימער קומט אריין שטיל און ערנסט קיריאַקאָוו אליין.

ער זיצט זיך אויף א שטול און גלעט זיך די באַקען־באַרדען. עס ווערט שטיל... מאַריא פעטראָוונא קוקט ניט דרייסט אויף זיין שעהנעם, אָבער קאַלטען, הילצערנעם פּנים, און וואַרט, אז ער זאָל אָנהויבען ריידען. ער אָבער זיצט שטיל, שווייגט איינגעשפּאַרט און טראַכט וועגען עפּעס.

זיך ניט קענענדיג דערוואַרטען, בעשליסט די אַקושערקע אליין צו פאַרפיהרען א געשפּרעך און הויבט אָן מיט דער פראַזע, וואָס מען זאָגט געוועהנליך ביי אַלע קינד־בעטען.

— נו, אָט איז, גאָט צו דאַנקען, מיט איין מענשען מעהר אויף דער וועלט!

— יאָ, ס'איז זעהר אנגענעהם — ענטפערט קיריאַקאָוו מיט דעם זעלביגען הילצערנעם אויסדרוק אויף זיין פּנים: — כאָטש פון דער אנדערער זייט, אום צו האָבען איבעריגע קינדער, מוז מען אויך האָבען איבעריגע געלד. א קינד ווערט ניט געבאָרען אויף דער וועלט א זאַטער און א באַקליידעטער...

ביי דער געווינערין אויפ'ן פּנים בעוויזט זיך א פאַרשולדיגטער אויסדרוק, עפּעס אזוי, ווי זי וואָלט געבראַכט אויף דער וועלט א לעבעדיג באַשעפעניש אָהן זיין ערלויבניס, אָדער גלאַט אזוי זיך, צו־ליעב א פּוסטען קאַפּריז...

קיריאַקאָוו הויבט זיך אויף מיט א זיפץ און געהט אַן ערנסטער ארויס פונ'ם צימער.

— וואָס פאַר א מאָדנער מענש, אייערער איז... — רופט זיך

אָן די אַקושערקאַ צו דער קינד־בעטאָרין — עפּעס אַזאַ שטרענגער, טהוט אפילו קיין שמייכעל ניט...

און די געווינערין נעהמט דערצעהלען פון איהר לעבען, פון איהר דאָליע: פון שטענדיג אָן איז איהרער שוין אַזאַ... ער איז עהרליך, געהעכט, אויסגערעכענט, איינגעהאַלטען, שפּאַרזאַם, אָבער אויף אַזאַ אופן, אַז פּראָסטע מענשען ווערט דערפון ענג און שווער... מיט די קרובים קומט ער ניט אויס, איז מיט זיי אַלעמען צוקריעגט; די דיענסט האַלט זיך מעהר ווי איין מאָנאַט ניט איין; קיין בעקאַנטע זיינען ני־טאָ... און זי, דאָס ווייב הייסט עס, מיט די קינדער לעבען אין איי־ביגער ציטערנעש פאַר יעדען טריט זיינעם. ער שלאָגט זיך חלילה ניט, שרייט ניט, גוטע מעלות האָט ער אַ סך מעהר, ווי חסרונות, נור פון דעסטוועגען, ווען ער געהט אוועק פון שטוב, פיהלען זיך אַלע געזונ־דער און בעסער. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי קען די געווינערין אַליין ניט פאַרשטעהן...

— מען דאַרף גוט אויסרייניגען די שיסלען און זיי אוועקשטעלען אין שפּייכלער—זאָגט קיריאַקאָוו, אַריינקומענדיג ווידער אין שלאָף־צימער:— די פלעשלאַך דאַרף מען אויך בעהאַלטען: זיי וועלען צו־ניץ קומען...

דאָס, וואָס ער זאָגט, איז גאַנץ פּראָסט און איינפאַך, אָבער די אַקושערקאַ פיהלט, אַז זי ווערט עפּעס אַזוי ווי צומישט. זי הויבט אָן מורא צו האָבען פאַר איהם און טהוט זיך אַ טרייסעל יעדעס מאָל; וואָס זי דערהערט זיינע טריט.

אין דער פריה, ווען זי קלייבט זיך שוין אוועקצוגעהן, זעהט זי, ווי אין עס־צימער ביים טיש זיצט זיך קיריאַקאָוו'ס קליינער זוהן, אַ בלאַסער, קורץ־געשאָרענער גימנאַזיסט און טרינקט טהעע... אנטקעגען איהם שטעהט קיריאַקאָוו און רעדט מיט זיין קאַלטען, לאַנגזאַמען קול:

— דו קענסט עסען, טאָ קען זשע אַרבייטען אויך. אָט, האָסטו אַ שלונג געטהאָן, האָסט אָבער ניט באַרעכענט, אַז אָט דער דאָזיגער שלונג קאָסט געלד און אויף געלד מוז מען האָרעווען שווער און ביטער. דו עס און טראַכט!...

די אַקושערקע קוקט אויף דעם אינגעל'ס בלאַסען, טעמפּען פּנים און איהר דאַכט זיך, אַז אפילו די לופט קען ניט פאַרטראָגען דעם

מאָדנעם מענשען, און אז אָט באלד־באלד וועלען די ווענט איינפאלען, ניט קענענדיג אויסהאלטען זיין אַנוועזענהייט... אויסער זיך פאר שרעק, מיט א געפּיהל פון האס צו איהם, כאפּט מאריא פּעטראָוונא איהרע זיבען זאכען און לאָזט זיך געהן שנעל, שנעל פון דאנען...

אָבגעגאנגען א העלפט וועג, דערמאָנט זי זיך, אז זי האָט פאר־געסען אָבצונעהמען איהרע דריי רובעל, זי שטעלט זיך אָב, טראכט א ווייל, טהוט דאן אַ מאַך מיט'ן האנד און געהט אוועק ווייטער...

דער קרומער שפּיעגעל.

איך און מיין פרוי זיינען אריין אין סאַלאָן. דאָרט האָט געשמעקט מיט מאָך און פייכטקייט. מיליאָנען שצורעס און מייז האָבען זיך אַ שאָט געטהאָן אויף אַלע זייטען, בעת מיר האָבען בעלייכטעט די ווענד, וואָס האָבען נישט אָנגעזעהן קיין ליכט אין פערלויף פון אַ גאַנצען יאָהרהונדערט.

אַז מיר האָבען פערמאַכט די טהיר הינטער זיך, האָט אַ ווינד אַ הויך געטהאָן און גענומען שאָרשען איבער די פּאַפּירען, וואָס זיינען דאָרט געלעגען גאַנצע בערג אין די ווינקלאַך. דער שיין איז געפאַלען אויף די דאָזיגע פּאַפּירען און מיר האָבען געזעהן אַן אַלט־פרענקישע האַנדשריפט און בילדער פון מיטעל־יאָהרהונדערט.

די צייט האָט אַוועקגעלייקט איהר געלע פאַרב אויף די ווענד, אויף וועלכע עס זיינען געהאַנגען די בילדער פון די אור־עלטערען.

די אור־עלטערען האָבען געקוקט מיט גדלות און בייז, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען זאָגען געוואַלט:

— שמייסען וואָלט מען דיך געדאַרפט, ברודערקע!

אונזערע טריט האָבען אָפּגעהילכט איבער'ן הויז. אויף מיין הוסט האָט זיך אָפּגערופען אַן עכאָ, דאָס זעלבע עכאָ, וואָס האָט אַמאָל אָפּגעענטפערט מיינע אור־עלטערען...

און דער ווינד האָט געוואָיעט און געקרעכצט. אינ'ם קוימען פון דעם קאַמין האָט עפּעס עמיצער געוויינט און אין דעם דאָזיגען געוויין האָט זיך געהערט אַ ביטערע פערצווייפלונג. גרויסע רעגען־טראָפּענס האָבען געקלאַפּט אין די דונקעלע, פינסטערע פענסטער, און זייער קלאַפּען האָט אָנגעוואָרפען אַזאַ אומעט.

— אָה, אור־עלטערען, אור־עלטערען! — האָב איך געזאָגט מיט אַ זיפץ — אַז איך וואָלט אַ שרייבער געווען, וואָס פאַר אַ לאַנגען ראָמאַן וואָלט איך געקענט אָנשרייבען, קוקענדיג אויף זייערע פּאָרטרע־

טען. יעדער פון זיי, די דאָזיגע גרייזען, איז דאָך אמאָל יונג געווען און ביי יעדען, צו ביי יעדערער פון זיי, איז געווען א ראָמאַן... און נאָך וואָס פאר א ראָמאַן! צום ביישפּיעל, קוק נור אָן אָט די דאָזיגע אַלטינקע, מיין עלטער־באָבע'ן. פון אָט דער דאָזיגער מיאוס'ער העס־ליכער פּרוי דערצעהלט מען זעהר אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע. דו זעהסט — האָב איך געפרעגט ביי מיין ווייב — דו זעהסט יענעם שפּיגעל, וואָס הענגט אינ'ם ווינקעל?

און איך האָב אָנגעוויזען אויף א גרויסען שפּיעגעל אין א שוואר־צען בראָנזענעם ראַהם, וואָס איז געהאַנגען נעבען פּאָרטרעט פון מיין עלטער־באָבע'ן.

— דער דאָזיגער שפּיעגעל בעזיצט א כישוף־מאַכט, און ער איז מיין עלטער־באָבע'ס אונגליק געווען. זי האָט פאר איהם בעצאָהלט אַן אייגענעם מיט געלד און זיך מיט איהם ניט צושיידט ביז'ן סאַמע טויט. טאָג און נאַכט האָט זי געקוקט אין איהם נאָכאַנאַנד אָהן אויפ־הער, האָט געקוקט אין איהם אפילו בשעת זי האָט געגעסען, געטרונ־קען. בשעת זי האָט זיך שלאָפען געלייגט, האָט זי איהם מיט זיך אין בעט גענומען און פאר'ן טויט האָט זי געבעטען, מען זאָל איהם אינ'ם קבר צוזאַמען מיט איהר בעגראָבען. מען האָט איהר פערלאַנג ניט אויסגעפיהרט, מחמת דער שפּיעגעל איז אין קבר ניט אריינגעקראָכען.

— זי איז דען געווען א קאָקעטקע? — האָט מיין ווייב געפרעגט.

— מסתמא. אָבער וואָרום איז איהר אַזוי געפעהלען געווען דוקא דער דאָזיגער שפּיעגעל? זי האָט דאָך געהאַט פיעל אַנדערע, בעסערע שפּיעגלען ווי דער דאָזיגער? מיין ליעבע, עס מוז אין דרינען שטעקען עפּעס א מורא'דיגער סוד. ניט אַנדערש. א מעשה פון די אַל־טע צייטען דערצעהלט, אַז אינ'ם שפּיעגעל זיצט א שד, און מיין על־טער־באָבע האָט געהאַט א בעזונדערע שוואַכקייט צו שדים. נאַטירליך, דאָס איז א נארישקייט, אָבער זיכער איז, אַז דער שפּיעגעל אינ'ם שווארצען בראָנזענעם ראַהם בעזיצט עפּעס א געהיימע מאַכט.

איך האָב אָפּגעווישט פונ'ם שפּיעגעל דעם שטויב, א קוק גע־טהאָן אין איהם און זיך הויך אויפ'ן קול צולאַכט. אויף מיין געלעכ־טער האָט זיך דומפּף אָפּגערופען אַן עכאָ. דער שפּיעגעל איז געווען א קרומער און מיין פּרצוף האָט ער צוקרימט אויף אַלע זייטען: די נאָז איז געלעגען אויף דער לינקער באַק און די מאָרדע האָט זיך צו־

טהיילט אויף צווייען און פערדרעהט זיך אויף א זייט.

— א מאָדנער געשמאַק איז געווען ביי מיין עלטער־באָבע'ן! — האָב איך זיך אָנגערופען.

מיין ווייב איז נישט־דרייסט צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל, אויף א קוק געטהאָן אין איהם — און גלייך האָט פּאַסירט עטוואָס שרעקליכעס. זי איז בלייך געוואָרען, האָט זיך גענומען טרייסלען מיט אַלע גליעדער און א געשריי געטהאָן. דער לייכטער איז ארויסגעפאַלען ביי איהר פון די הענד, האָט זיך אַוועקגעקייקעלט איבער דער פּאָדלאָגע און דאָס ליכט איז פארלאָשען געוואָרען. א חושך האָט אונז ארומגענומען. גלייך האָב איך דערהערט א פאַל אָן פּאָדלאָגע פון עפּעס שווערעס; דאָס איז מיין ווייב אין חלשות געפאַלען.

דער ווינד האָט אָנגעהויבען קרעכצען נאָך רחמנות'דיגער, די שצורעס האָבען זיך גענומען ארומיאָגען און אין די פּאַפּירען־קופּעס האָבען זיך די מייז גענומען גראָבען און אין א ווייַלע ארום, אז פון א פענסטער האָט זיך אָבגעריסען א ריעגעל און איז געפאַלען אויף דער ערד מיט א בריאזג, האָבען זיך ביי מיר די האָאָר אויפגעשטעלט פאר שרעק.

אינ'ם פענסטער האָט זיך בעוויזען די לבנה...

איך האָב א כאַפּ געטהאָן דאָס ווייב, ארומגענומען און זי ארויסגעטראָגען פון מיין אור־עלטערענ'ס הויז.

ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג פארנאַכט איז זי געקומען צו זיך.

— דעם שפּיעגעל! גיט מיר אהער דעם שפּיעגעל! — האָט זי געזאָגט, קומענדיג צו זיך: — וואו איז דער שפּיעגעל?

א גאַנצע וואָך נאָכדעם האָט זי ניט געגעסען, ניט געטרונקען, ניט געשלאָפען, און אַלץ געבעטען דעם שפּיעגעל. זי האָט געיאָמערט, די האָאָר אויף זיך געריסען, ארומגעוואָרפען זיך, און, צום סוף, אז דער דאָקטאָר האָט ערקלערט, אז זי קען שטאַרבען פון דעם, וואָס מען ברענגט איהר ניט דעם שפּיעגעל, אז איהר לאַגע איז זעהר געפעהרליך, האָב איך גובר געווען אין זיך די מורא, האָב זיך ארונטערגעלאָזט אין דעם פינסטערען סאַלאָן און געבראַכט פון דאָרט מיין עלטער־באָבע'ס שפּיעגעל. דערזעהן איהם, האָט זי זיך צולאַכט פאר גליק, דערנאָך האָט זי איהם א כאַפּ געטהאָן, א קוש געטהאָן און זיך איינגעגעסען אין איהם מיט די אויגען.

זייט דעמאָלט זיינען שוין צעהן יאָהר אוועק, און זי קוקט נאָך אַלץ אינ'ם שפּיעגעל און קען זיך פון איהם ניט אָפּרייסען אפילו אויף א רגע.

— שוין־זשע בין איך דאָס אליין ? — מורמעלט זי, און צוזאמען מיט א רויטער כוואַליע פּלאַמט אויף אויף איהר פּנים אַן אויסדרוק פון גליק און התפּעלות: — יאָ, דאָס בין איך! אַלע און אַלעם ליי־גען, אויסער דעם דאָזיגען שפּיעגעל! לייט ליגען, מיין מאַן לייגט! אה, ווען איך וואָלט זיך פריהער געזעהן, ווען איך וואָלט פריהער גע־וואוסט, ווי איך זעה אויס אויף אַן אמת, וואָלט איך ניט געהייראַטעט מיט דעם דאָזיגען מענשען! ער איז מיך ניט ווערט! ביי מיינע פיס דאַרפען ליגען די שעהנסטע, די עדעלסטע ריטערס!...

איינמאָל, שטעהענדיג הינטער מיין ווייב, האָב איך נישט ווילענ־דיג א קוק געטהאָן אינ'ם שפּיעגעל און—איך האָב ענטדעקט א מורא'־דיגען סוד. אינ'ם שפּיעגעל האָב איך דערזעהן א פּרויענצימער, פון כישוף און רייץ, וואָס אַזא שעהנהייט האָב איך נאָך אויף מיין לעבען ניט געטראָפען. דאָס איז געווען א אמת'ער וואונדער פון דער נאַ־טור, די האַרמאָניע פון שעהנהייט, פּראַכט און ליעבע. אָבער וואָס טהוט זיך דאָ? וואָס האָט דאָ פּאַסירט? וואָרום עפּעס האָט מיין מיאוס, אומגעלומפּערט ווייב אויסגעזעהן אַזוי שעהן אינ'ם שפּיעגעל? וואָ־רום?

דערפאַר, ווייל דער קרומער שפּיעגעל האָט צוקרימט דעם מיאוס'ן פּנים פון מיין ווייב אויף אַלע זייטען, און פון דעם דאָזיגען איבערשטע־לען פון די פערשיעדענע שטריכען אויף איהר פּנים, איז ער געוואָרען רייצענד. פון דעם מינוס אויף א מינוס האָט זיך בעקומען פּליוס.

און איצט זיצען מיר ביידע, איך און מיין ווייב, פאַר'ן שפּיעגעל און קוקען אין איהם: מיין נאָז קריכט אויף דער לינקער באַק, מיין מאָרדע האָט זיך אויף צווייען צוטהיילט און זיך פערדרעהט אויף א זייט, אָבער דערפאַר איז מיין ווייב'ס פּנים רייצענד — און א משוגענע ווילדע ליידענשאַפט בעהערשט מיך.

— כאַ! כאַ! — לאַך איך ווילד.

און מיין ווייב שעפּצעט, קוים וואָס מען הערט:

— ווי שעהן איך בין!

א פאמיליען־פאטער.

געוועהנליך טרעפט עס נאָך אַ שלימזל׳דיגער נאַכט אין קאָרטען, צו נאָך אַ גאַנצער נאַכט שיכור׳ן, בעת עס צושפּיעלט זיך ביי איהם דער מאָגען־קאַטאַר, דעמאָלט כאַפּט זיך אויף סטעפאַן סטעפאַניטש זשילין אין זעהר אַ שלעכטען מוטה.

ער זעהט דעמאָלט אויס זויער, פערקרימט און צוקראַכען; זיין דארער פּנים דריקט אויס אַ מין אונצופריעדענהייט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך עפּעס געפיהלט בעליידיגט, צו עס וואָלט איהם פון עפּעס געעקעלט. ער טהוט זיך אָן לאַנגזאַם, לאַנגזאַם טרינקט ער זיין ווישי־וואַסער און הויבט אָן צו געהן איבער אַלע צימערן.

— איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס פאַר אַ שוואַרץ־יאָהר דרעהט זיך דאָ אַרום און לאָזט אָפען די טהירען? — בורטשעט ער מיט כעס, טוליעט זיך איין פעסטער אין זיין שלאָף־ראָק און שפּייט הויך אויפ׳ן קול: — בעהאַלט דאָס פּאַפּיער, וואָס וואַלגערט זיך עס אַרום? מען האַלט צוואַנציג דיענסטען, און אָרדנונג איז דאָ נאָך וועניגער, ווי אין אַ קרעטשמע. ווער האָט דאָרט אָנגעקלונגען? שלעפּט אהער דער טייפעל?

— די באָבע אנפיסא געהט אהער, די וואָס האָט ביי מיר צוגע־נומען אונזער פעדען — ענטפערט זיין פרוי.

— שלעפּען זיך אהער... אומזיסטע פרעסער!...

— עס איז שווער דיך צו פערשטעהן, סטעפאַן סטעפאַניטש — מאַכט זיין פרוי — דו אַליין האָסט דאָך זי איינגעלאַדען, און איצט שרייסטו!...

— איך שריי ניט, איך רייד. דו וואָלסט בעסער עפּעס געטהאָן, איידער צו זיצען אַזוי מיט צונויפגעלייגטע הענד און זיך מיט מיר אַרומרייסען! אַזוינע פרויען פערשטעה איך ניט, ביי מיין עהרע

שווער איך! איך פער־שטעה נ־ניט! ווי קענען זיי אפזיצען גאנצענע טעג, ניט א קלאפטהאנדיג א פינגער אן א פינגער? דער מאן ארבייט, שלעפט דעם יאך ווי אן אקס, ווי אן עז־זע־על, און דאס ווייב, די בעגלייטערין פון זיין לעבען, זיצט זיך, ווי א קוקלע, טהוט ניט א קלאפ א פינגער אן א פינגער און ווארט נור אויף א געלעגענהייט, ווי צו פערפיהרען פאר לאנגוויילינקייט א קריעג מיט איהר מאן! מאמע־לע, עס איז שוין צייט אוועקצו־ווארפען אט די דאזיגע קינדערשע נארישקייטען, וואס דו האסט נאך פון אינסטיטוט! דו ביזט שוין ניט מעהר קיין אינסטיטוטקע, דו ביזט שוין ניט מעהר קיין פריילין, דו ביזט א מאמע, א ווייב!.. דו קעהרסט אפ דעם קאפ? אהא! דיר איז הפנים ניט אנגענעהם צו הערען דעם ביטערען אמת?...

— מערקווירדיג, וואס דעם ביטערען אמת זאגסטו נור, ווען דער מאגען איז ביי דיר ניט אין ארדנונג — רופט זיך אן דאס ווייב.

— נו, נו, קריעג זיך מיט מיר, קריעג זיך!... זי הויבט שוין אן!...

— דו ביזט נעכטען געוועזן הינטער דער שטאדט? אדער האסט ערגעץ געשפיעלט?

— און אפילו אז יא? איך דארף ביי וועמען פרעגען? איך דארף וועמען אפגעבען רעכנונג? איך פערשפיעל מיין געלד, מיין אייגען געלד! דאס געלד, וואס איך אליין גיעב אויס, און וואס אלע אין דעם הויז גיעבען אויס, איז מיינס! איהר הערט? מיינס!...

און אזוי וויטער, אלץ אין אזא טאן און אויף אזא שטייגער.

אין אזא צייט איז סטעפאן סטעפאניטש זעהר אויסגערעכענט, טוגענדהאפט, שטרענג און גערעכט. ביים וואָרמעס, בעת ער זיצט מיט זיין הויז־געזינד ביים טיש, הויבט ער אן קודם כל פון דעם סוף. א זופ געטהאן איין לעפעל, פערקרימט ער זיך פלוצים און עסט ניט מעהר.

— דער טייפעל וויים וואס דאס איז — בורטשעט ער — איך וועל מוזען געהן עסען אין א רעסטאראן.

— וואס איז — ווערט זיין פרוי אונרוהיג — דער סופ איז ניט גוט?...

— מען דארף האבען א חזיר'שען געשמאק, צו עסען אט דאס שווארצע יויך!... איבערגעזאלצען, שמעקט מיט שמאטע... וואנ־

צען עפּעס אנשטאָדט ציבילקעס... פּשוט ניט אויסצוהאַלטען! אנפיסא איוואַנאָוונא — טהוט ער זיך אַ קעהר צו דער באבע׳ן, וואָס איז געקומען צו גאסט: — שטיקער גאָלד גיעב איך יעדען טאָג אויף עסען, זיך אליין פערגין איך ניט דאָס לעבען, און אָט מיט וואָס מען שפּייזט דיך! זיי ווילען מסתמא, איך זאָל וואַרפען מיין שטעלע און זאָל זיך אליין אוועקשטעלען אין קיך קאָכען...

— דער סוף איז היינט גאַנץ גוט... — רופט זיך אָן ניט גאָר דרייסט די גובערנאַנטין.

— יאָ? איהר מיינט אזוי? — מאַכט זשילין — און זשמורעט מיט כעס זיינע אויגען אויף איהר: — נו, יאָ, יעדער האָט זיך זיין געשמאַק. אין אַלגעמיין מוז איך אייך זאָגען, וואַרוואַרא וואסיליעוונא, אַז אין אונזערע געשמאַקען אונטערשיידען מיר זיך זעהר און זעהר שטאַרק. אייך, צום ביישפּיעל, געפעהלט, ווי אזוי אָט דער יונגאַטש פיהרט זיך אויף (זשילין האָט מיט אַ טראַגישער בעוועגונג אָנגעוויזען אויף זיין אינגעל פעדען), איהר זייט נתפּעל פון זיינע מאַניערען, און איך... איך בין אויפגעבראַכט, ענטריסטעט, יאָ־אָ!...

פעדע, אַ זיעבען־יאָהריג אינגעל, מיט אַ בלייך, קרענקליך פּנים׳ל, הערט אויף צו עסען און לאָזט אַרונטער די אויגען. זיין פּנים׳ל ווערט נאָך בלאַסער.

— יאָ, איהר זייט נתפּעל פון איהם און איך בין אויפגעבראַכט... ווער פון אונז ביידען איז גערעכט, ווייס איך ניט, איך דענק אָבער, אַז איך, זיין לייבליכער פאָטער, קען בעסער מיין אייגען קינד, ווי איהר. זעהט נור, ווי ער זיצט! זיצען אזוי גוט־ערצויגענע קינדער, האָ? ווארום זיצסטו ניט ווי אַ מענש!

פעדע פערדרייסט ארויף זיין מאָרדע און ציהט אויס דעם האַלז, און עס דאַכט זיך איהם, אַז אזוי וועט ער זיצען, ווי אַ מענש. זיינע אויגען פערלויפען מיט טרערען.

— עס!... האַלט דאָס לעפעל, ווי אַ מענש!... וואַרט, וואַרט, איך וועל זיך צו דיר אַ נעהם טהאָן, יונגאַטש דו!... וויין ניט! קוק אויף מיר גלייך!...

פעדע סטאַרעט זיך צו קוקען גלייך אויף זיין פאָטער, אָבער דאָס פּנים׳ל זיינס ציטערט און פון די אויגען טהוען אַ שפּריץ טרערען.

— אַ־אַ־אַ... דו וויינסט נאָך? אליין ביזטו שולדיג און וויינסט

נאָך? מארש, געה שטעל זיך אין קונע, שרץ!...

— אָבער... לאָז איהם אפריהער אָפּעסען — נעהמט זיך אָן די מאַמע פאר פעדע׳ן.

— ניטאָ קיין עסען! אזוינע מנוולים, אזוינע שרצים פערדיענען ניט, מען זאָל זיי געבען עסען!

פעדע, מיט א פערקרימט פּנים׳ל און אויפּציטערענדיג מיט׳ן גאַנצען קערפּער׳ל, קריכט אַרונטער פון דעם שטוהל און שטעלט זיך אַוועק אין א ווינקעל.

— וואַרט, דאָס איז נאָך גאָר נישט — רעדט ווייטער דער פאָטער — דו וועסט שוין ביי מיר קריגען! אויב קיינער וויל דיך ניט ערציהען, וויל איך אליין זיך א נעהם טהאָן צו דיין ערציהונג. איך קען זיך דען עפּעס אנדערש העלפען?... דו וועסט שוין ביי מיר ווערען א מענש!... ביי מיר, ברודערקע, וועסטו שוין ניט שטי־פען און ביים טיש וועסטו ביי מיר ניט וויינען!... חמור דו! א מענש דאַרף עפּעס טהאָן! פערשטעהסט? מען מוז עפּעס טהאָן! דיין פּאַ־פּאַ אַרבייט, דאַרפסטו אויך אַרבייטען! קיינער טאָר ניט עסען אומ־זיסט קיין ברויט, קיינער ניט! מען מוז זיין א מענש! א מע־ע־נ־נ־ש!..

— אום גאָטעס ווילען, זאָל שוין זיין גענוג — בעט זיך ביי איהם דאָס ווייב אויף פראַנצויזיש — כאָטש פאר פרעמדע מענשען פער־צאַפּ אונז ניט דאָס בלוט... די אַלטע האָט אַלץ געהערט, און איצט וועט די גאַנצע שטאָדט מיט דעם קלינגען!...

— איך האָב ניט מורא פאר פרעמדע מענשען — ענטפערט זשילין אויף רוסיש — אנפיסא איוואַנאָווּנאַ זעהט אויך, אז איך בין גערעכט. דו מיינסט, אז איך דאַרף זיין צופריעדען מיט דעם יונגאַטש? דו ווייסט, וויפיעל ער קאָסט מיך אָפּ? דו, שרץ דו! דו, יונגאַטש דו, דו ווייסט, וויפיעל דו קאָסט מיך אָפּ? אָדער אפשר מיינסטו גאָר, אז איך מאַך דאָס געלד אליין, אז איך קריעג עס אומזיסט? ריטשע ניט! שוויייג! דו הערסט, וואָס איך רייד צו דיר, אָדער ניט? צו וועמען רייד איך! זעה נור, איך וועל איהם די הויט באַלד צושינדען!

פעדע יאָמערט הויך אויפ׳ן קול.

— עס איז ניט מעגליך מעהר אויסצוהאַלטען! — רופט זיך אָן זיין מוטער, שטעהט אויף פונ׳ם טיש און טהוט א וואָרף די

סאַלפעטקע: — ער לאָזט קיינמאָל ניט רוהיג אָפּעסען! אַט וואו דיין ברויט שטעהט ביי מיר, אַט וואו!

זי ווייזט מיט א האַנד אויפ׳ן האַלז, לייגט צו דאָס טיכעל צו די אויגען און געהט ארויס פונ׳ם עס־צימער.

— האָט זיך בעליידיגט — בורטשעט זשילין און שמייכעלט איבערגעוואַלד — זעהר ערדעל ערצויגען... אַזוי איז עס, אַנפיסאַ אי־וואַנאָוונאַ, היינטיגע צייטען האָט מען פיינד צו הערען דעם אמת, און מיר זיינען נאָך שולדיג!

א שווייגען. אַזוי געהן פערביי עטליכע מינוטען. זשילין קוקט אריין אין די טעלער אויפ׳ן טיש און באמערקט, אַז צום סוף האָט זיך קיינער ניט צוגעריהרט, טהוט ער טיעף א זיפץ און עסט זיך איין מיט די אויגען אין דעם צופלאַמט, אויפגערעגט פּנים פון דער גובער־נאַנטין.

— ווארום עסט איהר ניט, וואַרוואַרא וואַסיליעוונאַ — מאַכט ער — איהר האָט זיך אויך בעליידיגט? נו, אודאי! דער אמת גע־פעהלט קיינעם ניט... איהר מוזט מיר אָבער ענטשולדיגען, אַזאַ נאַ־טור האָב איך שוין, פאַלש שמייכלען יענעם קען איך ניט. איך וועל דעם אמת זאָגען אפילו מיין אייגענעם פאָטער...

ער האָט ווידער א זיפץ געטהאָן.

— איך זעה אָבער, אַז מיין אַנוועזענהייט איז דאָ ניט אַנגענעהם. מען רעדט ניט אוים א וואָרט, מען עסט ניט, ווען איך בין דערביי.... מילא! איהר וואָלט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אַוועקגעהן פונ׳ם טיש, וואָלט איך אַוועקגעגאַנגען!... איך געה אָבער!...

זשילין הויבט זיך אויף און מיט ווירדע לאָזט ער זיך געהן צו דער טהיר. פערבייגעהענדיג פערביי דעם וויינענדיגען פעדע׳ן, שטעלט ער זיך אָפּ.

— נאָך די אַלע געשיכטען, וואָס זיינען דאָ פאָרגעקומען, זייט איהר פון היינט אָן א פרייער מענש! — ווענדעט ער זיך צו זיין איינ־געל, איהר׳צענדיג איהם: — אין אייער ערציהונג וועל איך זיך שוין מעהר ניט אריינמישען! ניט מיין זאַך! ענטשולדיגט מיר, וואָס איך, אַלס פאָטער, מיינענדיג עהרליך און אויפריכטיג אייער טובה, האָב געוואַגט צו בעאונרוהיגען אייך און אייערע ערציהערינס. אָבער מעהר

ניט! פון היינט אָן בין איך פאַר אייער שיקזאַל מעהר ניט פעראַנט־וואָרטליך!...

פעדע קוויטשעט און יאָמערט נאָך העכער. זשילין טהוט זיך אַ קעהר מיט ווירדע צו דער טהיר און געהט אַוועק צו זיך אין שלאָף־צימער.

אויסגעשלאָפען זיך נאָך ווארעמעס, הויבט אָן זשילין צו פיהלען געוויסענס־ביסע. עס מוטשעט איהם דאָס געוויסען פאַר דאָס ווייב, פאַר דאָס אינגעל, פאַר אַנפיסאַ איוואַנאָוונאַ און, ווען ער דערמאָנט זיך גוט אָן אַלעס, וואָס איז פאָרגעקומען ביים טיש, ווערט איהם מורא׳דיג. אָבער די אויגען־ליעבע ביי איהם איז אַזוי גרויס, אַז ביי איהם כאַפּט ניט קיין קראַפט צו מודה זיין זיך אין זיינע פעהלערען, און ער בלאָזט זיך ווייטער און בורטשעט...

אויפגעכאַפּט זיך אויף מאָרגען אין דער־פריה, פיהלט ער זיך גאָר אַנאַנדער מענש, פרעהלאַך און לעבעדיג, געהט זיך איינוואַשען און פייפט זיך דערביי אונטער פרעהלאַך.

ער קומט אריין אין עס־צימער טרינקען קאַפע, טרעפט ער דאָרט פעדע׳ן.

דאָס אינגעל, דערזעהען איהם, הויבט זיך אויף און קוקט אויף איהם צושראָקען.

— נו, וואָס מאַכט איהר, יונגערמאַן? — ווענדעט זיך צו איהם זשילין מיט אַ פרעהלאַך קול און זעצט זיך ביים טיש: — איז עפּעס דאָ נייעס ביי אייך, יונגערמאַן? דו לעבסט, האַ? נו, קום אַהער, חברה־מאַן, טהו אַ קוש דיין פאַפּאַ׳ן.

פעדע, אַ בלאַסער, מיט אַן ערנסט פּנים, געהט צו צום פאָטער און ריהרט זיך צו מיט זיינע ציטערנדיגע ליפען צו זיין באַק. נאָכדעם געהט ער צוריק און זעצט זיך אַנידער שווייגענדיג אויף זיין אָרט.

א גוטער סוף.

אין איינעם פון זיינע לעדיגע טעג, איז ביי דעם אָבער־קאָנדוק־טאָר סטיטשקין געזעסען ליובאָװ גריגאָריעװנא, א סאָלידע דאמע פון א יאָהר פערציג, װעלכע האָט זיך בעשעפטיגט מיט שדכניש און נאָך א סך אנדערע זאכען, װעגען װעלכע מען רעדט געװעהנליך נאָר אין דער שטיל.

סטיטשקין, אביסעלע אַן אונרוהיגער, נור אַן ערנסטער א שטרענ־גער און געזעצטער, װי אימער, איז ארומגעגאנגען איבער׳ן צימער, גע־רױכערט א סיגאר און גערעדט:

— עס פרעהט מיך זעהר מיט אייך בעקאַנט צו װערען. סעמען איװאַנאָװיטש האָט אייך פאר מיר רעקאָמענדירט אַלס א פּערזאָן, װאָס קען מיר ארויסהעלפען אין א קיצעלדיגער און זעהר װיכטיגער פראגע, אַן װעלכער עס װענדעט זיך דאָס גליק פון מיין לעבען. איך, ליובאָװ גריגאָריעװנא, בין שוין 52 יאָהר אַלט, דאָס איז אזא צייט אַלטער, אין װעלכער א סך אנדערע מענשען האָבען שוין ערװאַקסענע קינדער. א שטעלע האָב איך א זיכערע. קיין פערמעגען האָב איך אפילו נישט קיין גרויסען, אָבער פון דעסטװעגען קען ארום מיר לעבען א געליעבטעם װעזען און קינדער, ס׳הייסט, איך קען זיי עסען געבען. צװישען אונז זאָל עס בלייבען, איך האָב א ביסעל געלד אין באַנק אויך, װעלכע איך האָב צונויפגעקליבען צוליעב מיין איינגעהאַלטענעם ארט לעבען. א מענש בין איך א געזעצטער און א ניכטערער, א לעבען פיהר איך א גרינדליכען, װי עס בעדארף צו זיין, אזוי, אז מיט א סך זאכען קען איך דינען אַלס ביישפּיעל פאר אנדערע. עס פעהלט מיר נור איין זאך — אַן אייגען װינקעל און א פריינדין אין לעבען... מיין לע־בען פיהר איך אָב, װי עפּעס א װאַנדערנדער װענגער, פון איין ארט אויף דעם אנדערען, אָהן שום פערגניגען, און מיט װעמען זיך מיישב

זיין האָב איך נישט און, אז עס טרעפט, איך בין קראַנק איז נישטאָ ווער עס זאָל מיר אַ לעפּעלע וואַסער דערלאַנגען און אזוי ווייטער. אויסער דעם, ליובאָוו גריגאָריעוונאַ, האָט אַ פערהייראַטער מאַן שטענדיג מעהר פּנים, מעהר ווערדע אין דער געזעלשאַפט, ווי אַ אונפערהייראַטער... איך בין אַ מענש פון געבילדעטען קלאַס, מיט געלד, אָבער אַז מען זאָל אויף מיר אַ קוק טהאָן אַט אזוי, פון אַ ריכטיגען שטאַנדפּונקט, איז ווער בין איך דאָן? אַן אַלטער בחור, פּונקט אזוי ווי עפּעס אַ גייסטליכער, אַ פּאָפּ. און דערפאַר טאַקע וואָלט איך זעהר וועלען אַ שידוך טהאָן מיט... עס הייסט... איך מיין, חתונה האָבען מיט עפּעס אַ ווירדיגער פּערזאָן.

— דאָס איז אַ גוטע זאַך! — האָט אַ זיפץ געטהאָן די שדכנ'טע.

— אַ מענש בין איך אַ עלענדער און דאָ אין דער היגער שטאָדט קען איך קיינעם נישט. וואָהין זאָל איך געהן און צו־וועמען זיך ווענדען, ווען אַלע מענשען זיינען פאַר מיר אונבעוואוסטע, פרעמדע? אַט פאַרוואָס זיינען פאַר מיר אונבעוואוסטע, פרעמדע? אַט פאַרוואָס סעמען איוואַנאָוויטש האָט מיר געראַטהען זיך צו־ווענדען צו אַזאַ פּערזאָן, וועלכע איז אין דיעזען פאַך אַ ספּעציאַליסטקע און פון דעם אָרומטראַכטען דאָס גליק פון מענשען האָט זי זיך געמאַכט איהר, פּראָפעסיאָן. און דערפאַר, ליובאָוו גריגאָריעוונאַ, בעט איך אייך זעהר דרינגענד, אַז איהר זאָלט זיך מטריח זיין און אויסזוכען פאַר מיר מיין באַשערטע. איהר קענט אַלע כּלות פון שטאָדט און איך וועט זיין גרינג מיר צו העלפען זיך צו עפּעס דערשלאָגען.

— דאָס קען מען...

— טרינקט, איך בעט אייך זעהר...

מיט אַ געוועהנטער בעוועגונג, האָט די שדכנ'טע צוגעטראָגען דאָס גלעזעל צום מויל, האָט אויסגעטרונקען און זיך אפילו נישט אַ קרים געטהאָן.

— דאָס קען מען — האָט זי וויעדערהאָלט — און וואָס פאַר אַ כּלה, ניקאָלאַי ניקאָלאַיטש, ווילט איהר האָבען?

— איך? אַט ווי מיין מזל וועט מיר אויסטראָגען.

— אודאי איז דאָס אַ מזל־זאַך, נור פון דעסטוועגען איז ביי יעדען בעזונדער פאַראַן זיין אייגענער געשמאַק. איינער האָט ליעב ברונעטקעס, אַן אַנדערער בלאָנדינקעס.

— זעהט איהר, ליובאָוו גריגאָריעוונאַ... — האָט געזאָגט סטיטשקין, זיך אָבזיפצענדיג: — איך בין אַ מענש אַ געשטעלטער און מיט אַ כאַראַקטער. ביי מיר שפּיעלט שענקייט און די אויסערליכע זייט אין אַלגעמיין אַ צווייטע ראָלע, ווייל איהר ווייסט דאָך אַליין, פון פּנים טרינקט מען קיין וואַסער נישט און מיט אַ שעהנער ווייב האָט מען אַ סך זאָרג. איך רעכען מיר אַזוי, אַז אין דער פרוי, איז די הויפּט זאַך נישט דאָס, וואָס איז פון אויבען, נור דאָס וואָס געפינט זיך אינעווענינג, דאָס הייסט, אַז זי זאָל האָבען אַ נשמה און אַלע איבער־ריגע מעלות. טרינקט, איך בעט אייך זעהר... נו, געוויס, אודאי, עס איז זעהר אַנגענעהם, ווען דאָס ווייב איז אַזאַ... אָט איך מיין אַ פּולינקע, אַ רונדינקע... אָבער פאַר זייער ביידענס גליק איז נישט דאָס וויכטיג; די הויפּט זאַך איז — שכל. אייגענטלאך איז אין דער פרוי קיין שכל אויך נישט נויטיג, ווייל צוליעב דעם שכל וועט זי האָבען פון זיך אַ הויכע מיינונג און וועט זיך איינריידען גאָט ווייס וואָס פאַר אידעאַלען. אָהן בילדונג קען מען היינטיגע צייטען נישט אויסקומען, דאָס איז טאַקע אמת, אָבער בילדונג איז דאָ אַ פערשיע־דענע. עס איז אַנגענעהם, ווען דאָס ווייב האָקט דאָרט אי אויף פראַנצויזיש און אויף דייטש און אויף אַלע אַנדערע לשונות, עס איז אַנגענעהם, מען קען נישט זאָגען; אָבער וואָס האָט מען פון דעם, ווען זי, אַ שטייגער למשל, קען דיר נישט איינגעהען לאָמיר זאָגען אַ קנעפּעל? איך בין פון דעם געבילדעטען קלאַס, מיט דעם פירסט קאַניטעלין בין איך, מען קען זאָגען, אַלץ איינס, ווי מיט אייך, נור איך האָב אַ איינפאַכען כאַראַקטער. איך דאַרף אַ מיידעל זאָל זיין וואָס פּראָסטער. וויכטיגער פון אַלץ איז, אַז זי זאָל מיך שעצען און פיהלען, אַז איך האָב זי גליקליך געמאַכט.

— נו, פון דעם רעדט מען ניט, דאָס פערשטעהט זיך.

— נו, און אַצינד וועגען געפיהל־זאַכען... קיין רייכע דאַרף איך נישט... איך וועל זיך נישט ערלויבען אַזאַ געמיינהייט, חתונה האָ־בען צוליעב געלד. איך וויל, אַז זי זאָל עס פיהלען. אָבער פאַרקערט גערעדט אָרימע דאַרף איך אויך נישט. אַ מענש בין איך אפילו מיט מיטלען און כאָטש חתונה האָב איך נישט צוליעב געלד אינטערעסען נור אויס ליעבע, פון דעסטוועגען קען איך נישט נעהמען קיין אָרימע

כלה, ווייל, איהר ווייסט דאָך אליין, אצינד איז אויף אלעס אזא יקרות און עס ועלען זיין קינדער...

— מען קען מיט נדן אויך אויסזוכען — האָט געזאָגט די שדכנ'טע.

— טרינקט, איך בעט אייך זעהר...

א מינוט פינף האָבען ביידע געשוויגען. די שדכנ'טע האָט א זיפץ געטהאָן, פון דער זייט א קוק געטהאָן אויף דעם קאָנדוקטאָר און גע־פרעגט:

— נו, טאטעלע מיינער, א ווייב איז א ווייב, אָבער דערווייל... דארפט איהר נישט עפּעס בחור'שע סחורה?... עס איז פאראן זעהר גוטע סחורה. איינע איז א פראנצויזקע און די אנדערע א גריכין. זעהר טהייערע...

דער קאָנדוקטאָר האָט א טראכט געטהאָן און געזאָגט:

— ניין, איך דאנק אייך. זעהענדיג פון אייער זייט אזא געטרייע איבערגעבענקייט, ערלויבט מיר צו פרעגען: וויפיעל וועט איהר נעהמען פאר אייער טרחה, וועגען א כלה מיין איך?...

— איך דארף נישט פיעל. איהר וועט געבען א פינף און צוואנצי־גער, שטאָף אויף א קלייד, ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך, און א דאנק אייך דערפאר... און פאר דעם נדן, פערשטעהט זיך, בעזונ־דער, דאָס איז שוין גאָר אַן אנדער רעכענונג.

סטיטשקין האָט פארלייגט די הענד אויף דער ברוסט און גענו־מען שווייגענדיג טראכטען. געטראכט א ווילע, האָט ער א זיפץ גע־טהאָן און געזאָגט:

— דאָס איז זעהר טהייער...

— עס איז גאָר נישט טהייער, עס הויבט זיך גאָר נישט אָן, ני־קאָלאי ניקאָלאיטש! אָט, פריהער, ווען עס זיינען געוועזען א סך חתונות, האָט מען גענומען ביליגער, אָבער היינטיגע צייטען אומשטיינס גע־זאָגט — וואָס זיינען אונזערע פערדיענסטען? ווען דו פערדיענסט אין דעם מאָנאט פון פאסטען צייט צוויי פינף און צוואנציגער, דאנקסט דו גאָט. און דאָס, טאטעלע מיינער, פערדיענט מען אויך נישט פון חתונות.

סטיטשקין האָט מיט פערוואונדערונג א קוק געטהאָן אויף דער שדחן'טע און א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס.

— הם!... איז דען צוויי פינף און צוואנציגער נישט גענוג? — האָט ער געפרעגט.

— אודאי נישט גענוג! פריהערדיגע צייטען האָבען מיר א סך מעהר פערדיענט, עס פלעגט טרעפען, אז מיר זאָלען כאַפּען אריבער א הונדערטער.

— הם!... איך האָב בשום אופן נישט ערוואַרט, אז מיט אזעל־כע געשעפטען זאָל מען קענען פּערדיענען אזא גרויסע סומע געלד. פופציג רובעל! נישט יעדער מאַן קען אזוי פיעל פערדיענען! טרינקט, איך בעט אייך זעהר...

די שדכנ'טע האָט אויסגעטרונקען און זיך נישט א קרים געטהאָן. סטיטשקין האָט זי שווייגענדיג ארומגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט:

— פופציג רובעל... דאָס הייסט, זעקס הונדערט רובעל א יאָהר.. טרינקט, איך בעט אייך זעהר... ווייסט איהר, מיט אזעלכע דיווידענ־דען, ליובאָוו גריגאָריעוונא, האָט איהר געקענט טהאָן זעהר א פיינעם שידוך...

— איך? — האָט זיך צולאַכט די שדכנ'טע — איך בין שוין צו אַלט...

— עס הויבט זיך גאָר נישט אָן... א קאָמפּלעקציע איז ביי אייך אזא... א ריכטיגע... און דאָס פּנים, א ווייסער, א פולער און אזוי ווייטער.

די שדכנ'טע האָט זיך פאַרשעהמט. סטיטשקין האָט זיך אויך פערשעהמט און זיך געזעצט נעבען איהר.

— איהר קענט נאָך זעהר געפעלען — האָט ער געזאָגט — ווען עס זאָל זיך אייך מאַכען א געזעצטער, ערנסטער, שפּאָרזאַמער מאַן דאַן מיט זיין געהאַלט און אייערע פערדיענסטען קענט איהר איהם זעהר און זעהר געפעהלען און קענט זיך אָבלעבען, ווי א פּאָאַר טייבעלעך...

— גאָט ווייס, וואָס איהר רעדט, ניקאָלאַי ניקאָלאַיטש...

— פאַרוואָס עפּעס? איך מיין גאָר נישט...

עס האָט איינגעטראָטען אַ שוויינען. סטיטשקין האָט גענומען סמאַרקען אין דער הויך, און די שדכנ'טע האָט זיך פאַררוטיגט און, קוקענדיג אויף איהם מיט שעהמעוודיגע אויגען, האָט זי געפרעגט:

— און וויפיעל קריעגט איהר, ניקאָלאַי ניקאָלאַיטש?

— איך? פינף און זיבעציג רובעל, אויסער פּרעזענטען... אויסער דעם האָבען מיר נאָך אַן איינגאַהמע פון סטערינאָווע ליכט און האָזען.

— איהר פאַרנעהמט זיך מיט געיעג?

— ניין. האָזען רופען זיך ביי אונז אָן די פּאַסאַזשירען, וועלכע פאָהרען אָהן בילעטען.

עס איז אוועק נאָך אַ מינוט אין שווייגען. סטיטשקין האָט זיך אויפגעהויבען און אין גרויס אויפרעגונג גענומען אַרומגעהן איבער'ן צימער.

— קיין יונג ווייבעלע דאַרף איך נישט — האָט ער געזאָגט — איך בין אַ מענש אָן עלטערער און איך דאַרף אַזאַ, וואָס וועלכע... אָט אַזאַ, למשל, ווי איהר... אַ געזעצטע, אַ סאָלידע... און מיט אַזאַ מין סאָרט קאָמפּלעקציע, ווי אייערע...

— עך, גאָט וויים, וואָס איהר רעדט... — האָט זיך געשמאָלצען די שדכנ'טע און מיט אַ טיכעל פערדעקט איהר פּורפּור־רויטען פנים.

— וואָס איז דאָ פאַראַן לאַנג צו טראַכטען? איהר זייט מיר צום הארצען און מיט אייערע מעלות זייט איהר פאַר מיר פּונקט די פּאַסענדע פּערזאָן. אַ מענש בין איך אַ געזעצטער, אַ ניכטערער און אויב איך געפעהל אייך, דאַן... וואָס דאַרף מען בעסער? ערלויבט מיר אייך מאַכען אַ פאָרשלאָג!

די שדכנ'טע האָט פערגאָסען עטליכע טרעהרען, האָט זיך צולאַכט און אַלס אַ סימן, אַז זי וויליגט איין, האָט זי געמאַכט מיט סטיטשקין'ען לחיים.

— נו, אַלזאָ — האָט געזאָגט דער גליקליכער אָבער־קאָנדוקטאָר:
— אצינד, ערלויבט מיר אייך צו ערקלעהרען, ווי איך פערלאַנג, איהר

זאָלט זיך אויפפיהרען און וועגען דעם אַרט לעבען... איך בין אַ מענש אַ שטרענגער, אַ סאָלידער, אַ געזעצטער, אַלץ פערשטעה איך ערעל און גוט און פערלאַנג, אַז מיין ווייב זאָל אויך זיין אַ שטרענגע און זאָל פערשטעהן, אַז פאַר איהר בין איך אַ וואָהלטהעטער און דער ערשטער מענש.

ער האָט זיך געזעצט און, אָבגעזיפצט שווער, האָט ער גענומען ערקלעהרען דער כלה זיין בליק אויף דעם פאַמיליען־לעבען און אויף אַ ווייבס פליכטען.

אין באָד.

1.

— עי, דו, באַשעפעניש! — האָט אַ געשריי געטהאָן אַ דיקער וויס־לייביגער הערר, דערזעהענדיג אין טומאַן אַ הויכען, דאַרען מענ־שען מיט אַ שיטער בערדעל און אַ מעשענעם צלם אויף דער ברוסט. — גיעב אונטער פּאַרע!

— איך, אייער וואָהלגעבאָרען — בין נישט קיין בעדער, איך בין אַ צירולניק, יאָ. אונטערגעבען פּאַרע איז נישט מיין זאַך. אָט בלוט־זויגענדע באַנקעס, אַז איהר ווילט וועלען, קען איך אייך שטעלען!

דער דיקער הערר האָט זיך אַ גלעט געטהאָן איבער די רויטע זייטען, אַ טראַכט געטהאָן און געזאָגט:

— באַנקעס? דאָס קען נישט שאַדען, שטעל!.. איילען זיך האָב איך נישט צו־וואָס.

דער צירולניק איז אַוועקגעלאָפען — אין פיהרהויז פון באָד נאָך זיין אינסטרומענט, און אין אַ וואָסערע פינף מינוט אַרום זיינען שוין אויף דער ברוסט און רוקען פון דעם דיקען הערר געשטאַנען אַ שטיק צעהן באַנקעס.

— איך געדענק אייך, אייער וואָהלגעבאָרען — האָט אָנגעהויבען דער צירולניק, שטעלענדיג איהם די עלפטע באַנקע: — פאַראַכטאָגען שבת האָט איהר זיך ביי אונז געוואַשען און איך האָב אייך נאָך דעמאָלט אויסגעשניטען די היהנער אויגען, די מאַזאָלעס. איך בין דער צירולניק מיכאַילאָ... געדענקט איהר?.. אָט, דעמאָלט האָט איהר דאָס מיך אויסגעפרעגט וועגען כלות.

— אהא... איז וואָס הערט זיך עפּעס?

— אָט, גאָרנישט... איך פּאַסט אַצינד, טהו תשובה און עס איז אַ זינד צו בעשולדיגען וועמען, אייער וואָהלגעבאָרען, נור איך קען זיך פאָרט נישט איינהאַלטען און מוז אייך אויסדריקען מיין געוויסענ־האַפטע מיינונג. זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען פאַר מיינע רייד, נור כלות זיינען היינטיגע צייטען אַלץ אַזעלכע נאַרישע, אונזיניגע... פריהער האָט אַ כלה געוואָלט פאַר אַ מאַן אַ מענשען, וועלכער איז אַ ערנסטער, אַ סאָלידער, אַ שטרענגער מיט אַ קאַפּיטאַל, וואָס פער־שטעהט אַלץ, וואָס האָט אין זיין הארצען גאָט און די רעליגיאָן, און די היינטיגע כלה קוואַפּעט זיך אויף בילדונג. גיעב איהר אַ געבילדע־טען, נישט אַנדערש, אָבער אַ בעאַמטען אָדער עמעצען פון סוחרישען שטאַנד, טהאָר מען איהר גאָר נישט ווייזען — זי וועט אייך אויס־לאַכען! בילדונג איז דאָ אַלערהאַנד... אַן אַנדער געבילדעטער וועט זיך טאַקע דערדיענען צו אַ הויכען ראַנג, און אַן אַנדערער וועט אָב־לעבען זיין לעבען אַלס אַ שרייבער'ל און וועט שטאַרבען אין פרעמדע תכריכים. וועניג זיינען אַצינד פאַראַן אַזעלכע? אָט, אהער, צו אונז געהט איינער... אַ געבילדעטער. פון די טעלעגראַפיסטען... אַ מענש כלו בילדונג, קען אויסטראַכטען דעפּעשען, און וואַשען וואָשט ער זיך אָהן זייף. אַ רחמנות צו קוקען!

— אָרעם, אָבער עהרליך! — האָט זיך פון דעם אויבערשטען פאָל דערטראָגען אַ הייזעריגער באַס — מיט אַזעלכע מענשען דאַרף מען שטאָלצירען. בילדונג פעראייניגט מיט אָרימקייט זאָגט עדות אויף די הויכע טוגענדען פון אַ גרויסער נשמה. גראָבער יונג!

מיכאַילאָ האָט קרום אַ קוק געטהאָן אויפ'ן אויבערשטען פאָל... דאָרט איז געזעסען און זיך געשמיסען מיט אַ בעזים איבער'ן בויך אַ מאָגערער מענש ביי וועמען די ביינער האָבען ארויסגעשטאַרטשעט איבער דעם גאַנצען לייב, הוילע הויט און ביינער. זיין פּנים האָט מען נישט געקענט זעהען, ווייל ער איז אין גאַנצען פארשטעלט געוועזען מיט די נאַסע, לאַנגע, צושאָטענע האָאָר. עס האָבען זיך נור געזעהען צוויי אויגען, וועלכע זיינען אָנגעשטעלט געוועזען אויף מיכאַילאָ'ן פול מיט כעס און פעראַכטונג.

— דאָס איז אויך איינער פון די דאָזיגע... פון די מיט די לאַנגע האָאָר! — האָט אַ ווינק געטהאָן מיט אַן אויג מיכאַילאָ — מיט אי־דעען... אַ שרעק, וויפיעל עס זיינען פאַראַן זייערע חברה! מען קען

זיי אַלעמען גאַרנישט אויסכאַפּען... זעה, ווי ער האָט זיך דאָס דאָרט צוליינט, א „שקילעט!" (ער האָט געמיינט סקעלעט) יעדער עהרליכער געשפּרעך איז איהם מיאוס, פּונקט ווי אַן אונריינעם מענ־שען ווייה־רויך. האָט זיך איינגעשטעלט פאַר בילדונג! אָט אַזעלכע־אָ, האָט די היינט־וועלטיגע כּלה ליעב! פּונקט אָט אַזעלכע, אייער וואָהל־געבאָרען! שוין־זשע איז דאָס נישט העסליך? יעסען־צייט רופט מיך צו זיך איינע א מיידעל, א פּאָפּ'ס א טאָכטער. — געפין — זאָגט זי מיר — מישעל — אין פּריוואַט הייזער רופט מען מיך מישעל, ווייל איך פריזיר די דאַמען — געפין מיר, מישעל, זאָגט זי — א חתן, אָבער ער זאָל זיין פון די שריפשטעלער.

אויף איהר גליק האָב איך גראָד געהאַט איינעם, אַזעלכען... ער איז געגאַנגען צו פּאָרפיריי יעמעליאַניטש'ען אין טראַקטיר און האָט אַלץ געסטראַשעט, אַז ער וועט אריינשטעלען אין צייטונג.

זאָל צו איהם צוקומען א מענש פערלאַנגען געלד פאַר'ן בראַנפען, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, גיט איהם מיינער גלייך איבער'ן אויער...

— וואָס? איך זאָל צאָהלען געלד? ווייסטו באָטש ווער איך בין? און ווייסטו, אַז איך קען אריינשטעלען אין די צייטונגען, און דו ביזט דאַן א פערפאַלענער? —

אליין איז ער א פּאַסקודנער, אַן אָבגעריסענער. גענומען האָב איך איהם מיט דעם פּאָפּ'ס געלד, האָב איהם געוויזען דער פריילינס בילד און דערנאָך איהם אָהין אוועקגעפיהרט. אַן אנצוג'ל האָב איך פאַר איהם געקראָגען אויף פּראָקאָט... מיינט איהר עס איז עפּעס ארויסגעקומען? עס הויבט זיך גאַר נישט אָן... ער איז דער פריילין נישט געפעלען! — אויף זיין פּנים, זאָגט זי — איז נישטאָ גענוג מעלאַנכאָליע. — זי ווייס אליין נישט, וואָס פאַר א רוח זי וואָלט געוואָלט!

— דאָס איז א פערלוימדונג געגען דער פּרעסע! — האָט זיך דערהערט דער הייזעריגער באַס אַלץ פון דעם אייגענעם פּאָל — פּאַסקודניאַק!

— ווער, איך בין דאָס א פּאַסקודניאַק? הם!... ס'איז אייער גליק, מיין הערר, וואָס איך פּאַסט היינטיגע וואָך, אַניט וואָלט איך אייך פאַר'ן „פּאַסקודניאַק" געזאָגט אַזאַ וואָרט... איהר זייט, מסתמא, אויך פון די שריפשטעלער?

— איך בין אפילו נישט קיין שריפטשטעלער, אָבער דו זאָלסט נישט װאַגען צו ריידען װעגען דעם, װאָס דו פערשטעהסט נישט. שריפטשטעלער זיינען אין רוסלאַנד געװען אַ סך, אויך אַזעלכע, װאָס האָבען נוצען געבראַכט. זיי האָבען אויפגעקלעהרט די װעלט און פאַר דאָס דאָזיגע אויפטהועכץ מוזען מיר זיך פערהאַלטען צו זיי נישט מיט זלזולים און זידלערייען נור מיט כבוד. איך מיין דאָ די װעלטליכע שרייבער אַזוי גוט װי די רעליגיעזע.

— רעליגיעזע פּערזאָנען װעלען זיך מיט אַזעלכע זאַכען נישט פערנעהמען.

— אַזאַ גראָבער מוח, װי דיינער, קען דאָס נישט באַנעהמען. דמיטרי ראָסטאָװסקי, אינגאַקענטי פון כערסאָן, פילארעט פון מאָסקװע און די איבעריגע בישאָף׳ען פון דער קירכע האָבען מיט זייערע װערק גענוג בייגעטראָגען צו דער אויפקלעהרונג.

מיכאַילאָ האָט קרום אַ קוק געטהאָן אויף זיי געגנער, האָט אַ דרעה געטהאָן מיט דעם קאָפּ און אַ הוקע געטהאָן.

— נו, דאָ זייט איהר מיר שוין אַביסעל, מיין הערר, עפּעס אַביסעל... װי רופט מען עס... — האָט ער געבורדטשעט, אַ קראַץ טהאָנדיג זיך אין פּאָטילניצע: — עפּעס צו שכל׳דיג... נישט אומזיסט זיינען אייערע האָאָר אויך אָט אַזעלכע. נישט אומזיסט! מיר פערשטעהען דאָס אַלעס אויסגעצייכענט און װעלען אייך באַלד װייזען, װאָס איהר זייט פאַר אַ מענש. זאָלען די באַנקעלאַך אויף אייך שטעהען אַ װיילינקע, אייער װאָהלגעבאָרען, און איך װעל גלייך... איך׳ל דאָ נור אַרונטערגעהן.

מיכאַילאָ, אַרויפציהענדיג אויפ׳ן װעג זיינע נאַסע הויזען און, שליאָפּענדיג הילכיג מיט זיינע באָרװעסע פיס, איז ער אַרויס אין פיהער־הויז.

— באַלד װעט פון באַד אַרויסגעהן איינער מיט לאַנגע האָאָר — האָט ער זיך געװענדעט צו אַ יונג, װעלכער איז דאָ געשטאַנען ביי אַ טישעל און פערקויפט זייף: — זאָלסטו, אָט װאָס... גיעב אויף איהם אַכטונג. ער פערפיהרט דאָס פאָלק... מיט אידעען... דו װאָלסט אַ לאָף טהאָן און ברייננען נאַזאַר זאַכאַריטש׳ען...

— דו זאָג די איינגלאַך.

— באַלד וועט דאָ ארויסקומען איינער מיט לאַנגע האָאָר — האַט געגומען שעפּצען מיכאילאָ, זיך ווענדענדיג צו די אינגלאַך, וועלכע זיינען געשטאַנען נעבען די קליידער: — ער פערפיהרט דאָס פאָלק. גיט אויף איהם אַכטונג, און טהוט אַ לאָף צו דער בעל הבית'טע, זי זאָל שיקען נאָך נאַזאר זאַכאַריטש'ען, זאָל ער מאַכען אַ פּראָטאָ־קאָל. ער רעדט עפּעס אַזעלכע מאָדנע רייד... מיט אידעען...

— וואָס איז דאָס פאַר אַזעלכער מיט לאַנגע האָאָר? — האָבען זיך אַ כאַפּ געטהאָן די אינגלאַך — דאָ האָט זיך קיינער פון די דאָ־זיגע נישט אויסגעטהאָן. אין גאַנצען האָבען זיך אויסגעטהאָן זעקס פּאַרשוין. אַט דאָ־אָ צוויי טאַטארען, דאָ איינער אַ הערר, דאָ צוויי סוחרים, דאָ דער דיאַקאָן... און מעהר קיינער נישט... דו האָסט הפנים דעם פאָטער דיאַקאָן אָנגענומען פאַר איינעם מיט לאַנגע האָאָר?

— דאָס איז אַ ליגען, שדים! איך ווייס, וואָס איך רעד!

מיכאילאָ האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם דיאַקאָנס קליידער, האָט אַ טאַפּ געטהאָן זיין פּריסטערשען ראָק און אַ דריק געטהאָן מיט די פּלייצעס... איבער זיין פּנים האָט זיך צוגאָסען אַן אויסדרוק פון ספקות און אונענטשלאָסענהייט.

— און ווי זעהט ער אויס?

— אַ מאָגערינקער אַזאַ, אַ ווייסינקער... אַ בערדעל גאָר־גאָר אַ קליינס... האַלט אין איין הוסטען.

— הם!... — האָט אַ בורטשע געטהאָן מיכאילאָ — הם!... דאָס האָב איך, הייסט עס, געבולען אויף אַ גייסטליכע פּערזאָן... אַט איז אַ זינד! אוי, וואָס פאַר אַ זינד! און איך פאַסט נאָך, טהו תשובה... שלעכט ברידערלאַך! ווי אַזוי וועל איך דאָס אַצינד זיך מתודה זיין נאַכדעם, ווי איך האָב בעליידיגט אַ גייסטליכע פּערזאָן, אַ הייליגען מענשען? גאָטוניו, זיי מיר מוחל פאַר מיינע זינד! איך וועל געהן בעטען מחילה...

מיכאילאָ האָט זיך אַ קראַץ געטהאָן אין פּאַטילניצע און געמאַכט אַן אומעטיג פּנים, איז ער צוריק אין באָד אריין. דער פאָטער דיאַקאָן איז שוין אויף דעם אויבערשטען פּאָל נישט געווען. ער איז געשטאַ־נען אונטען ביי די צאַפּענס און, שטאַרק צושפּרייט די פיס, האָט ער זיך אָנגעגאָסען וואַסער אין אַ שייקע.

— פּאָטער דיאַקאָן! — האָט זיך מיכאַילאָ געווענדעט צו איהם מיט א וויינענדיגען קול — זייט מיר מוחל, אום גאָטעס ווי־לען!

— פאר וואָס איז דאָס?

מיכאַילאָ האָט א טיעפען זיפץ געטהאָן און זיך א נויג טהאָנדיג דעם דיאַקאָן צו די פיס, האָט ער געענטפערט:

— דערפאר, וואָס איך האָב געוואגט צו טראַכטען, אז ביי אייך אין קאָפּ זיינען פאראַן אידעען!



אין באָד.

2.

— איך וואונדער זיך, וואָס אייער טאָכטער, אזא גרויסע פאַר־שוין און אזא סטאַטעטשנע מיידעל, האָט נאָך ביז אהער נישט חתונה געהאט! — האָט געזאָגט ניקאָדים יעגאָריטש פּאָטימשקין, ארויפ־קריכענדיג אויפ'ן אויבערשטען פּאָל.

ניקאָדים יעגאָריטש איז געווען נאַקעט, אזוי ווי יעדער נאַקעטער מענש, נור אויף זיין פּליכעוואַטען קאָפּ האָט ער געטראָגען א היטעלע. מורא האָבענדיג, אז די היץ זאָל איהם נישט א שפּאַר טהאָן אין קאָפּ, אָדער ער זאָל גאָר נישט קריגען קיין אַפּאָפּלעקסיע, האָט ער זיך שטענדיג געפּארעט אין א היטעל. זיין פריינד מאַקאַר טאַראַסיטש פּיעשקאָוו, א קליינער אַלטינקער, מיט דינע, בלויע פּיסלאָך, האָט אלס ענטפער אויף זיין פראַגע, נור א דריק געטהאָן מיט די פּלייצעס און געזאָגט:

— זי האָט נאָך דערפאַר נישט חתונה געהאַט, ווייל גאָט האָט מיר נישט בעשערט מיט קיין ריכטיגען כאַראַקטער. א שטילער בין איך און א רוהיגער, קיין פּליעג אויפ'ן וואַנד קען איך נישט אָנריה־רען, ניקאָדים יעגאָריטש, און מיט גוטסקייט און שטילקייט קען מען היינטיגע צייטען גאָרנישט מאַכען. דער היינטיגער חתן איז א שלעכ־טער נפש און מען דאַרף זיך מיט איהם בעגעהן, ווי מיט אזעלכען.

— וואָס הייסט עפּעס א שלעכטער נפש? פון וואָס פאַר א שטאַנדפּונקט מיינט איהר דאָס?

— איך מיין, דער היינטיגער חתן איז א צולאָזענער יעהר... דאַרף מען איהם האַבען, מוז מען זיין צו איהם שטרענג, ניקאָדים יעגאָריטש. שלעפּען איהם אין געריכט, מכבד זיין איהם איבער דער מאָרדע, רופען א פּאָליציי־מאַן קען אויך נישט שאַדען. אָט אזוי

דאַרף מען מיט זיי האַנדלען! אַ שלעכט פאָלק זיינען זיי, די חתנים!... אַ נישטיג פאָלק!...

די חברים האָבען זיך אויסגעצויגען איינער נעבען אַנדער'ן אויף דעם אויבערשטען פאַל און גענומען אַרבייטען מיט די בעזימער.

— אַ פוסטער, אַ נישטיגער... — האָט ווייטער גערעדט מאַקאַר טאַראַסיטש — איך האָב זיך גענוג אָנגעליטען פון זיי, פון די הפקר־יונגען... וואָלט איך געהאַט עפּעס אַ ריכטיגען כאַראַקטער, וואָלט מיין דאשא שוין לאַנג געווען פערהייראַטה און זי וואָלט געבאָרען קינדערלאַך. יאָ, יאָ... אַלטע מוידען, טהייערינקער מיינער, זיינען איצט דאָ צווישען ווייבער אודאי העלפט אויף העלפט, גוטע פּופּציג פּראָצענט זיינען זיי פאַראַן זייערע... און איהר מוזט האָבען אין זינען, ניקאָדים יעגאָריטש, אַז יעדע פון די דאָזיגע מוידען האָט אין איהרע יונגע יאָהרען געהאַט חתנים. הייסט, פאַרוואָס־זשע, פרעגט זיך, האָבען זיי נישט חתונה געהאַט? איבער וועלכער אורזאַך? אָט טאַקי נור דערפאַר, ווייל די עלטערן האָבען איהם, דעם חתן, הייסט עס, נישט געקענט איינהאַלטען, האָבען איהם געלאָזט אַרויסדרעהען זיך.

— דאָס איז אמת.

— דער מאַנספּאַרשוין היינטיגער איז אַ צולאָזענער, אַ נאַרישער, אַ פריידענקער. וואָס ער זאָל נישט טהאָן, ווייל ער האָבען נוצען. ער וועט דיר קיין איין איינציגען טריט נישט טהאָן אומזיסט. דו ווילסט איהם פערשאַפען פערגעניגען און ער פערלאַנגט פון דיר געלד דערפאַר. נו, און חתונה האָט ער אויך נישט אָהן הינטער־געדאַנקען. אז שוין חתונה האָבען, טאָ ווייל איך געלד, אַ סך געלד!... וואָלט עס נאָך אַלץ געווען נישקשה: מילא, זאָל זיין אזוי — פּרעס, ווער דערוואָרגען, נעהם מיין געלד, אָבער האָב זשע חתונה מיט מיין קינד, טהו שוין די גרויסע געפעלינקייט! איז אָבער ניין, עס הויבט זיך גאָר נישט אָן!... עס טרעפט, אז מיט געלד ליידט מען זיך אוים גענוג צרות און ענוים. אַנאַנדערער שדכנט זיך און שדכנט זיך, און ווי נור עס דערגעהט צו דעם הויפּט עיקר, צו דער חופה הייסט עס, מאַכט מיינער אַ ויברח, פאַרקירעוועט די האַליאַבלעס און האידאַ, אוועק צו אַן אַנדערער שדכנן זיך!... אַ חתן, דאַרפסטו וויסען, איז גוט צו זיין, עס איז פּשוט אַ פערגעניגען. מען גיט גוט אָבצועסען, אָנטרינקען זיך

און געלד לייהט מען איהם אויך — היינט וואָס פעהלט אזא לעבען? נו, איז ער זיך אַ חתן ביז אויף דער עלטער, ביז'ן טויט אריין — און חתונה האָבען דאַרף ער אויך נישט. האָט שוין אַ פליך איבער'ן גאַנ־צען קאָפּ, איז גרוי ווי אַ טויב, די קניע בויגען זיך אונטער, און ער איז נאָך אַלץ אַ חתן...

עס טרעפען אויך אַזעלכע, וואָס האָבען נישט חתונה צוליעב זייער נאַרישקייט... אַ נאַרישער מענש ווייס אליין נישט, וואָס ער וויל; נו, קלייבט ער: די איז איהם נישט גוט, אַן אַנדערע איז איהם נישט שעהן. ער געהט און געהט, שרכנט זיך און שרכנט זיך און פלוצים, פון העלער הויט, שפּאַרט ער זיך איין, ווי אַ פערד: „איך קען נישט — זאָגט ער — און וויל נישט!" אַט, לאָמיר, למשל, נעהמען קאַטאַוואַסאָוו'ן, מיין דאַשאַ'ס ערשטען חתן... ער איז געווען אַ לעהרער אין אַגימנאַזיום, האָט אפילו געהאַט אַ ראַנג פון אַ טיטולאַר־ראַטה... אַלע וויסענשאַפטען האָט ער געקענט, פראַנ־צויזיש, דייטש... מאַטעמאַטיקע, און צום סוף איז אויסגעקומען, אַז ער איז אַ פערד בצורת אדם, אַ גולם און דאָס אַלעס. איהר שלאָפט, ניקאָדים יעגאָריטש?

— ניין, וואָס זאָל איך עפּעס שלאָפען? דאָס האָב איך אַזוי, פון פערגעניגען וועגען די אויגען פערמאַכט.

— נו, אַט... האָט דער דאָזיגער מענש גענומען זיך דרעהען אַרום דאַשאַ'ן און דאַשאַ, דאַרפט איהר וויסען, איז דעמאָלט נאָך אפילו קיין צוואַנציג יאָהר נישט אַלט געווען. זי איז געווען אַ מיידעל אויפ'ן וואונדער. אַ פרישע פּרעפּעטשקע! פול, ברייט, דיק, מיט פּלייצעס, מיט... מיט אַלע מיידעלשע מעלות. דער שטאַאַטס־ראַטה ציצעראָנאָוו — ער דיענט אין דעם דעפּאַרטאַמענט פון גייסטליכע ענינים — איז אויף די קניע געקראָכען, אַז זי זאָל ווערען ביי איהם אַ גובערנאַנטקע — האָט זיך ענטזאָגט, האָט נישט געוואָלט, אַלזאָ, האָט קאַטאַוואַסאָוו אָנגעהויבען צו אונז אריינצוקומען. קומט יעדען טאָג, זיצט אַוועק ביז האַלבע נאַכט און רעדט אַלץ מיט איהר וועגען פערשיעדענע וויסענשאַפטען און טיעפע ענינים. טראָגט איהר ביכ־לאַך, הערט, ווי זי שפּיעלט מוזיק... ער ציהט אָבער אַלץ צו די ביכלאַך... מיין דאַשאַ איז אָבער אַ געלערענטע, די ביכלאַך דאַרף זי אין גאַנצען אויף כפּרות, זי קען שוין געגוג, און ער דרעהט איהר

אליץ אַ קאָפּ — דאָס לעז, יענעם לעז; ס'האָט איהר דערעסען ביז'ן טויט. איך זעה, ער האָט זי ליעב. און זי איז זיך גלאַט אַזוי. — „ער געפעלט מיר נישט, פּאַפּאַ, דערפאַר — זאָגט זי — ווייל ער איז נישט קיין מיליטער־מאַן". מילא, זאָל זיין נישט קיין מיליטער־מאַן, איז אויך רעכט. אַ טיטול האָט ער, אליין איז ער אַ אנשטענדיגער, אַ זאַטער, אַ ניכטערער — וואָס זאָל מען דאָ גאָהן אַ סך קלייבען? ער האָט זיך געשדכנט, האָבען מיר געגעבען אונזער ברכה... וועגען נדן האָט ער אפילו נישט דערמאָהנט. שווייגט, ווי אַ שטומער... ווי ער וואָלט גאָר קיין מענש נישט געווען, נור עפּעס אַ גייסט, אַ רוח אָהן פליייש און בלוט, קען אָהן נדן אויך אויסקומען. מען האָט בעשטימט דעם טאָג פון דער חופּה און וואָס מיינט איהר? הא? דריי טעג פאַר דער חתונה קומט צו מיר אין קראָם אריין דער אייגענער קאַטאַוואַסאָוו. די אויגען זיינע זיינען רויט, דאָס פּנים בלייך, צושראָקען, און אין גאַנצען טרייסעלט ער זיך.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — פרעג איך.

— ענטשולדיגט — זאָגט ער — מאַקאַר טאַראַסיטש, איך קען מיט דאַריא מאַקאַראָווגאַ נישט הייראַטהען. איך — זאָגט ער — האָב אַ טעות געהאַט. איך — זאָגט ער — קוקענדיג אויף איהר בלי־הענדע יוגענד און נאַאיוויטעט, האָב ערוואַרטעט צו געפינען אין איהר אַ באָדען, פרישקייט, אַ ווארימע נשמה — זאָגט ער — און זי איז נישט דאָס. זי האָט זיך שוין ערוואָרבען אַזעלכע סימפּאַטיעס. זי איז געגויגט — זאָגט ער — צו פּוסטע זאַכען, ווייס נישט פון קיין אַרבייט, מיט דער מאַמעס מילך האָט זי דאָס אין זיך שוין איינגעזויגען... איך געדענק נישט, וואָס ער האָט געזאָגט, זי האָט דאָרטען איינגעזויגען... ער רעדט צו מיר אַזוי און אליין וויינט ער מיט ביטערע טרעהרען.

— און איך? איך, טהייערינקער מיינער, האָב איהם נור גוט אויסגעזידעלט און איהם אָבגעלאָזט. איך בין אפילו נישט געגאַנגען אין געריכט, נישט איך האָב איהם פערקלאָגט פאַר זיינע פאַרגעזעצטע, און נישט איהם באַרעדט איבער דער שטאָדט.

וואָלט איך געגאַנגען אין געריכט, נישקשה, ער וואָלט זיך שוין דאַן דערשראָקען פאַר דעם בזיון און וואָלט חתונה געהאַט. די פאַר־געזעצטע וואָלטען מסתמא נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט דאָר־

טען איינגעזויגען... האָסט זיך ארומגעפיהרט מיט א מויד, איהר פערדרעהט דעם קאָפּ, טאָ האָב מיט איהר חתונה!...

— דער סוחר, אַט, קליאַקין, — האָסט געהערט פון איהם? באַטש ער איז א פּויער, פון דעסטוועגען האָסטו געדאַרפט זעהן, וואָס פאַר א שטוקע ער האָט אָבגעשפּיעלט... ביי איהם האָט זיך א חתן אויך גענומען בריקען, האָט בעמערקט, אַז דער נדן איז נישט גאָר, ווי עס געהער צו זיין... האָט ער, קליאַקין, הייסט עס, איהם פאַר־שלעפּט אין שפּייכלער, צוגעשלאָסען די טהיר, ארויסגענומען פון קעשענע א גרויסען רעוואָלווער, א געלאָדענעם מיט ריכטיגע קוילען, און זאָגט: „שווער זיך — זאָגט ער — פאַר גאָט, אַז דו וועסט מיט איהר חתונה האָבען אַז ניט — זאָגט ער — דער'הרג'ע איך דיך די מינוט, דו לומפּ איינער! די מינוט!" — און מיין בחור'ל האָט זיך טאַקע דערשראָקען, האָט געגעבען א שבועה און טאַקע חתונה געהאַט אויך. אַט, זעהט איהר, און איך וואָלט עס נישט געקענט טהאָן. אפילו שלאָגען זיך וואָלט איך אויך נישט געקענט, ניט נור שיסען... מיין דאַשע'ן האָט דערזעהן א באַבאָל, א בעאַמטער פון קאָנסיסטאָריאום, ברוזדענקאָ. אויך פון דעפּאַרטאַמענט פאַר גייסטיגע ענינים, האָט זי דערזעהן און זיך פערליעבט. געהט איהר נאָך, א רויטער, ווי א ראַק, שטאַמעלט עפּעס אַזעלכע מאָדנע ווערטער און פון מויל שלאָגט איהם אַזש א פּאַרע... ביי טאָג זיצט ער ביי אונז און ביי נאַכט געהט אונטער די פענסטער ארום. דאַשע'ן איז ער אויך געפעלען. זיינע אויגען — זאָגט זי — זיינען זעהר שעהנע. אין זיי — זאָגט זי — איז דאָ פייער און די נאַכט, די פינסטערע... און דער באַבאָל איז געגאַנגען, געגאַנגען, ביז ער האָט א פאַרשלאָג געמאַכט. דאַשאַ האָט איהם געגעבען איהר צושטימונג מיט פרייד, מען קען זאָגען, מיט בעגייסטערונג. „איך פערשטעה — זאָגט זי — פּאַפּאַ, אַז ער איז נישט קיין מיליטער־מאַן, אָבער ער איז א בעאַמטער פון אַזאַ דעפּאַרטאַמענט, וואָס איז כמעט אַלץ איינס ווי ער וואָלט א מיליטער־מאַן געווען, און דערפאַר האָב איך איהם זעהר ליעב!" וואָס ווייס, דאכט זיך, א מיידעל, און זי קלייבט שוין היינטיגע צייטען אויך אוים.

אַלזאָ, דער באַבאָל האָט בעקוקט די גאַרדעראָבע האָט זיך מיט מיר געדונגען אַביסעל פאַר'ן נדן און האָט נור מיט דער נאָז א דרעה געטהאָן — ער איז אויף אַלץ מרוצה, נור די חתונה זאָל זיין וואָס

פריהער; נור אין דעם טאָג, וואָס האָט געזאָלט זיין די חופה, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף די געסט און זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ. — „טאַטעלאַך — זאָגט ער — וויפיעל קרובים זיי האָבען! איך דאַרף נישט! איך וויל נישט! איך קען נישט!" און ער האָט זיך צולאָזט, און ער האָט זיך צושריען... איך טענה מיט איהם אַזוי אי אַזוי... „אייער וואָהלגעבאָרען" — זאָג איך — „ביזט פון זינען אַראָב, צו־וואָס? עס איז דאָך נאָך מעהר כבוד, ווען עס זיינען פאַראַן אַ סך קרובים!" און ער טענה'ט אַלץ: ניין! ניין! ער וויל נישט! האָט געכאַפּט דאָס היטעל און דו זעהסט איהם עפּעס? אַזוי האָב איך איהם שוין אָנגעזעהען!...

עס איז געווען נאָך אַן אַנדער פאַל. עס האָט זיך געשדכנט צו מיין דאַשאַ'ן דער האַלץ־הענדלער אַליאַליאיעוו. ער האָט זיך אין איהר פערליעבט פאַר איהר שכל און גוטע אויפפיהרונג... נו, און דאַשאַ האָט איהם אויך געליעבט. זיין ערנסטער כאַראַקטער איז איהר געפעהלען. ער איז ווירקליך אַ גוטער, אַנשטענדיגער מענש. ער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג און אַלץ אויף אַזאַ שטרענגען אופן. ער האָט אי־בערגעקוקט די גאַנצע אויסשטייער, יעדעס ברעקעלע, יעדעס פּיצעלע, אַלע קופערטען האָט ער איבערגעראַיעט, מאַטרעגאַ'ן האָט ער גוט אויסגעזידעלט, פאַרוואָס יענע האָט נישט איינגעהיט אַ סאַלאָפּ פון מאַיל. און מיר האָט ער אויך צוגעשטעלט אַ פולע ליסטע פון זיין איי־גענטהום. מיט איין וואָרט, אַן אַנשטענדיגער מענש, עס איז אַ זינד צו זאָגען אויף איהם אַ שלעכט וואָרט. דעם אמת געזאָגט, איז ער מיר זעהר שטאַרק געפעלען. געדונגען האָט ער זיך מיט מיר צוויי מאָנאַטען נאָכאַנאַנד. איך גיעב איהם אַכט טויזענד, און ער בעט אַכט טויזענד פינף הונדערט. מיר האָבען זיך געדונגען און געדונגען; עס פלעגט טרעפען, מיר זעצען זיך טהעע טרינקען, האָבען אויסגעטרונקען צו פופצעהן גלאָז און האַלטען זיך נאָך אַלץ אין איין דינגען. איך האָב איהם שוין אַרויפגעוואָרפען נאָך צוויי הונדערטער — און ער לאָזט אַלץ נישט איין! און אַזוי זיינען מיר זיך צוגאַנגען איבער דריי הונ־דערט רובעל. ער איז אַוועק און האָט נעבאַך ביטער געוויינט... ער האָט צו שטאַרק ליעב געהאַט דאַשאַ'ן.

אַצינד זידעל איך זיך אַליין, איך בין אַ זינדיגער מענש, וואָס איז דאָס צו רעדען? איך האָב איהם געדאַרפט אָבגעבען די דריי הונ־

דערט רובעל אָדער אָנשרעקען איהם, מיט פארשווארצען די אויגען איבער דער גאַנצער שטאָדט, אָדער איהם פארפיהרען אין א פינסטער חדר'ל און אריינפאָהרען איהם אזוי גוט איבער דער מאָרדע. איך האָב פארזעהן, איך זעה איצט אליין איין, אז איך האָב פארזעהן, האָב איהם איינגעלאָזען אומזיסט און אומנישט. מען קען זיך גאָרנישט העלפען, ניקאדים יעגאָריטש: דער כאראקטער מיינער איז א צו־ווייבער!...

— יאָ, א שטילער זייט איהר זעהר. דאָס איז אמת. נו, איך'ל געהן, עס איז צייט... דער קאָפּ איז מיר אביסעל שווער געוואָ־רען...

ניקאדים יעגאָריטש האָט זיך צום לעצטען מאָל א שמייץ געטהאָן מיט'ן בעזים און איז אראָבגעקראָכען אונטען.

מאקאר טאראסיטש האָט א זיפץ געטהאָן און נאָך מיט מעהר חשק גענומען ארבייטען מיט'ן בעזים.

דאס לעזען.

עפּעס איין מאָל איז אין דעם קאַבינעט פון אונזער פאָרגעזעצטען איוואַן פּעטראָוויטש סימיפּאַטאלאָוו געזעסען דער דירעקטאָר פון אונזער טהעאַטער גאַלאַמידאָוו און האָט מיט איהם גערעדט וועגען דאָס שפּיעלען און וועגען דער שעהנהייט פון אונזערע אַקטריסעס.

— איך בין מיט אייך נישט איינפערשטאַנדען — האָט גע־רעדט איוואַן פּעטראָוויטש, אונטערשרייבענדיג פּאַפּירען: — סאָפיא יוריעוונא איז אַ שטאַרקער, אַ אָריגינעלער טאַלענט! זי איז אַזאַ ליעבע, אַזאַ גראַציעזע... אַזאַ רייצענדע...

איוואַן פּעטראָוויטש האָט געוואָלט ווייטער ריידען, נור פאַר גרויס בעגייסטערונג, האָט ער נישט געקענט ארויסברייגגען קיין איין וואָרט און האָט נור זעהר אַ ברייטען און זיסען שמייכעל געטהאָן, און פון דעם דאָזיגען שמייכעל, האָט דער דירעקטאָר, אויף איהם קו־קענדיג, דערפיהלט אַ זיסקייט אין מויל.

— מיר געפעהלט אין איהר... ד־אַ־אָס... די אויפרעגונג און דאָס ציטערען פון דער יונגער ברוסט, ווען זי לעזט די מאָנאָלאָגען... עס האַלט זיך אין איין בעוועגען, רק זי היצט זיך! אין יענעם מאָמענט, זאָגט איהר אין מיין נאָמען, בין איך בערייט... אויף אַלעס!

— זייט אַזוי גוט, עקסעלענץ, און שרייבט אונטער אַן ענטפער אויף דעם ווי עס פערהאַלט זיך די כערסאָנער פּאָליציי אַנטקעגען...

סעמיפּאַטאלאָוו האָט אויפגעהויבען זיין שמייכלענדיג פּנים און דערזעהן פאַר זיך דעם בעאַמטען מערדיאַיעוו. מערדיאַיעוו איז גע־שטאַנען פאַר איהם און, אויפּוטשענדיג די אויגען, האָט ער איהם אונ־טערגעטראָגען אַ פּאַפּיער צום אונטערשרייבען. סעמיפּאַטאלאָוו האָט זיך אַ קרים געטהאָן: די פּראָזע האָט איבערגעריסען די פּאָעזיע אויף דעם הויפּט אינטערעסאַנטען פּלאַץ.

— דאָס האָט איהר געקענט אַבלעגען אויף שפּעטער — האָט ער געזאָגט — איהר זעהט דאָך, אַז איך רעד מיט אַ מענשען! שרעקליך, וואָס פאַר אַן אונערצויגענעם, גראָבעם פאָלק! אַט האָט איהר, הערר גאַלאַמידאָוו... איהר האָט געזאָגט, אַז ביי אונז זיינען שוין מעהר נישט פאַראַן גאָגאָל'ס טיפּען... אַט, איז אייך! מיט וואָס איז ער נישט קיין טיפּ?.. אַן אָנגעבלאָזענער, די עלענבויגענס צוריסען, אַ קרומער... קאַמט זיך קיין מאָל נישט... היינט טהוט אַ קוק, ווי ער שרייבט? ווייס דער טייפעל, וואָס דאָס איז! שרייבט עס האַרץ'דיג, אָהן אַ זינען... ווי אַ שוסטער! אַט, טהוט אַקאָרשט אַ קוק!

— יאַ־אַ... האָט אויסגעברומט גאַלאַמידאָוו, אַ קוק טהאָנדיג אויף דאָס פּאַפּיר — איהר, הערר מערדיאַיעוו, לעזט, הפּנים, ווע־ניג.

— ניין, מיין ליעבינקער, אַזוי קען עס נישט געהן! — האָט ווייטער געערעדט דער פאַרגעזעצטער — איך שעהם זיך פאַר אייך!... איהר וואָלט כאָטש ביכער, געלעזען צו וואָס...

— דאָס ל ע ז ע ן ביכער האָט אַ גרויסע בע־דייטונג! — האָט געזאָגט גאַלאַמידאָוו און אָהן אַן אורזאַך אַ זיפץ געטהאָן — זעהר אַ גרויסע! איהר לעזט און ווערט גלייך דער־זעהן, ווי שנעל עס ווערט זיך ענדערען אייער גאַנצע וועלט־אַנשויאונג. און ביכער קענט איהר קריגען וואו איהר ווילט. ביי מיר, למשל... איך'ל אייך מיט פערגעניגען געבען. אפילו מאָרגען קען איך אייך צו־פיהרען, אויב איהר ווילט.

— בעדאַנקט, מיין ליעבענקער! — האָט געזאָגט סעמיפּאַטאַ־לאָוו.

מערדיאַיעוו האָט זיך אומגעלומפּערט פערנייגט, האָט בעוועגט מיט די ליפּען און איז ארויס.

אויף דעם צווייטען טאָג איז צו אונז אין דעפּאַרטאַמענט גע־קומען צו פאָהרען גאַלאַמידאָוו מיט אַ בינטעל ביכער.

פון דעם דאָזיגען מאָמענט הויבט זיך אָן די געשיכטע. די שפּע־טערדיגע דורות וועלען קיין מאָל נישט מוחל זיין סעמיפּאַטאַלאָוו'ען פאַר זיין לייכטזיניגע האַנדלונג! גאָר אַ יונגען מאַן, וואָלט מען עס נאָך אפשר געקענט מוחל זיין, אָבער דעם ערפאַהרענעם ווירקליכען שטאַאַטס־ראַטה — קיין מאָל אין לעבען נישט!

גלייך, ווי סעמיפּאטאלאָוו איז געקומען צופאָהרען, איז מערדיאַ־יעוו גערופען געוואָרען אין קאַבינעט.

— נאַט, אַט לעזט, מיין ליעבענקער! — האָט געזאָגט סעמי־פּאטאלאָוו, דערלאַנגענדיג איהם אַ בוך: — לעזט עס אויפמערק־זאַם.

מערדיאיעוו האָט מיט ציטערענדע הענד גענומען דאָס בוך און איז ארויס פון קאַבינעט. ער איז געוועזן בלייך. זיינע קרומע אויגלאָך זיינען אונרוהיג ארומגעלאָפען און, ווי עס האָט זיך געדאַכט, געזוכט הילף ביי די ארומיגע זאכען.

מיר האָבען ביי איהם גענומען דאָס בוך און עס פּאָרזיכטיג בעקוקט.

דאָס בוך איז געוועזן „גראַף מאָנטע קריסטאָ".

— אנטקעגען זיין ווילען קענסטו נישט געהן! — האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ אונזער אַלטער בוכהאַלטער פּראָכאָר סעמעניטש בור־דילגא — סטאַרע זיך, ווי עס איז, שטריינג זיך אָן... לעז זיך צו ביי־סינקעס, און דערנאָך, וועט גאָט געבען, ער וועט פערגעסען, דאן וועסטו קענען וואַרפען. דו נור שרעק זיך נישט... און די הויפּט זאך — נישט טהו זיך אריין... לעז און נישט טהו זיך אריין אין דער דאָזי־גער נארישקייט.

מערדיאיעוו האָט איינגעוויקעלט דאָס בוך אין פּאַפּיער און זיך געזעצט שרייבען. אָבער היינטיגס מאָל האָט זיך איהם גאָרנישט גע־שריבען. די הענד האָבען ביי איהם געציטערט און די קרומע אויגען זיינע זיינען ארומגעלאָפען אויף פערשיעדענע זייטען: איינס אין באַלקען, דאָס אַנדערע אין טינטער. אויף דעם צווייטען טאָג איז ער געקומען צו דער ארבייט אַ פערוויינטער.

— פיער מאָל האָב איך אָנגעהויבען לעזען — האָט געזאָגט — און קען בשום אופן קיין טאָלק נישט דערגעהן... עפּעס אַזעלכע אויס־לענדער...

אין פינף טעג ארום, ווען סעמיפּאטאלאָוו איז פּאַרבייגעגאנגען פאַרביי די טישען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט פאַר מערדיאַיעוו'ן און געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך? איהר האָט געלעזען דעם בוך?

— געלעזען, עקסעלענץ.

— וועגען וואָס האָט איהר דאָרטען געלעזען? אנו, דערצעהלט אקאָרשט, מיין ליעבינקער!

מערדיאיעוו האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ אין דער הויך און גע־נומען בעוועגען מיט די ליפּען.

— איך האָב פערגעסען, עקסעלענץ... — האָט ער געזאָגט אין אַ מינוט אַרום.

— הייסט עס, אַז איהר האָט נישט געלעזען, אָדער... ע־ע־ע... איהר האָט געלעזען נישט אויפמערקזאַם! ווי אַן אווטאָמאַט! אַזוי געהט עס נישט! איהר לעזט איבער נאָך אַ מאָל! מיינע העררען, איך רעקאָמענדיר אייך אין אַלגעמיין, זייט אַזוי גוט און לעזט! אַלע זאָלט איהר לעזען! נעהמט ביי מיר אויף דעם פענסטער ביכער און לעזט. פּאראמאנאוו, געהט, נעהמט זיך אַ בוך! פּאָדכאָדצעוו, געהט איהר אויך, מיין ליעבינקער! סמירנאָוו, — איהר אויך! געהט אַלע, מיינע העררען, איך בעט אייך!

אַלע זיינען אַוועק און זיך גענומען צו ביכער. נור איין בודילקא האָט געהאַט די חוצפּה אויסצודריקען אַ פּראָטעסט. ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד, אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט:

— נו, אויף מיר האָט קיין פעראיבעל נישט, עקסעלענץ... איך וועל זיך שוין בעסער אין גאַנצען אָבזאָגען פון דיענסט... איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס פון די דאָזיגע קריטיקען און פערפאַסונגען קומט ארויס. ביי מיר אין הויז האָב איך געהערט, ווי מיין עלטערער אייניקעל רופט צוליעב דיזעלבע ביכלאך זיין אייגענע מאַמע בהמה, איז ניט פרום געוואָרען צוליעב די דאָזיגע בעכלאך. מיך ענטשולדיגט, איך בעט אייך.

— איהר פערשטעהט גאָרנישט — האָט געזאָגט סעמיפּאַטאלאָוו, וועלכער האָט געוועהנליך פּאַרגעבען דעם אַלטען אַלע זיינען גראָב־קייטען.

אָבער סעמיפּאַטאלאוו האָט אַ טעות געהאַט: דער אַלטער האָט אַלעם פערשטאַנען.

גלייך אין אַ וואָך ארום האָבען מיר שוין דערזעהן די פּעולה פון דעם דאָזיגען לייענען. פּאָדכאָדצעוו, וועלכער האָט געלעזען דעם צוויי־טען טהייל פון׳ם „אייביגען אידען” האָט אָנגערופען בודילדא׳ן „יע־זואיט”. סמירנאָוו האָט אָנגעהויבען צו קומען אין דיענסט נישט גאָר קיין ניכטערער. נור אויף קיינעם האָט דאָס לייענען נישט געווירקט

אזוי שטאַרק, ווי אויף מערדיאיעוו'ן. ער איז געוואָרען מאָגער, איינ־געצויגען און גענומען טרינקען.

— פּראַכטפֿולער סעמעניטש ! — האָט ער זיך געבעטען ביי בודילדא'ן — איך וועל פאַר אייך אייביג גאָט בעטען ! טהוט א בעט זיין עקסע־לענץ, ער זאָל מיר ענטשולדיגען... איך קען נישט לייענען. איך לייען טאָג און נאַכט, שלאָף נישט, עס נישט... דאָס ווייב מיינס איז שוין פֿאַרמוטשעט געוואָרען לעזענדיג פאַר מיר אין דער הויך, נור זאָל מיך גאָט דער'הרג'ענען דאָ אויף דעם אָרט, אויב איך פֿערשטעה כאָטש איין וואָרט ! האָט רחמנות, טהוט מיר א טובה !

בודילדא האָט זיך עטליכע מאָל געמאַכט הארץ און איבערגערעדט מיט סעמיפּאַטאלאָוו'ן, נור יענער האָט א מאַך געטהאָן מיט די הענד און, ארומשפּאַצירענדיג איבער'ן דעפּארטמענט צוזאַמען מיט גאלאָ־מידאָוו'ן, האָט ער אַלעמען אויפגעוואָרפען זייער אונוויסענהייט.

אזוי זיינען אוועק צוויי מאָנאַטען און געענדיגט האָט זיך די דאָזיגע געשיכטע אויף א זעהר טרויעריגען אופן.

איין מאָל, קומענדיג אין דיענסט, האָט מערדיאיעוו, אנשטאָדט זיך צו זעצען ביים טיש, זיך געשטעלט אין מיטען צימער אויף די קניע, זיך צו־וויינט און געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, פרומע מענשען דערפאַר, וואָס איך מאַך פאַלשע געלד !

דערנאָך איז ער אריין אין קאַבינעט און זיך שטעלענדיג פאַר סעמיפּאַטאלאָוו'ן אויף די קניע, האָט ער געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, עקסעלענץ: נעכטען האָב איך א קליין קינד אין ברונים אריינגעוואָרפען !

ער האָט זיך א קלאַפּ געטהאָן מיט דעם שטערן אָן פּאָל און גע־נומען כליפּען...

— וואָס טהוט זיך דאָ? וואָס הייסט עס? — האָט זיך פער־וואונדערט סעמיפּאַטאלאָוו.

— דאָס הייסט, עקסעלענץ — האָט געזאָגט בודילדא מיט טרעה־רען אין די אויגען, ארויסטרעטענדיג אין פאָראויס: דאָס הייסט, אז ער איז פון זינען ארונטער! ביי איהם האָט זיך דער מוח געריהרט! אָט וואָס אייער גאלאָמידקא האָט אָנגעמאַכט מיט זיינע ביכער! גאָט זעהט אַלעס, עקסעלענץ. און אויב איך געפעלען נישט די דאָזיגע

רייד מיינע, דאַן קענט איהר מיך ענטלאַסען, קענט מיר אָבזאָגען. בעסער שטאַרבען פאַר הונגער, ווי אויף דער עלטער צו זעהען אַזעלכע זאַכען!

סעמיפּאַטאַלאָוו איז בלייך געוואָרען און דורכגעגאַנגען זיך פון איין ווינקעל אין אַנדערען.

— מען זאָל מעהר אַהער נישט צולאָזען גאַלאַמידאָוו'ן! — האָט ער געזאָגט מיט אַ הייזעריגען קול — און איהר, מיינע הערדען, בערוהיגט זיך. איך זעה איצט איין מיין טעות. אַ דאַנק, אַלטער!

און פון יענער צייט אָן, האָט ביי אונז מעהר גאָרנישט פּאַסירט. מערדיאַיעוו איז געזונד געוואָרען, נור נישט אין גאַנצען. און נאָך ביז היינטיגען טאָג, דערזעהענדיג אַ בוך, נעהמט איהם טרייסלען און ער קעהרט אָפּ דעם קאָפּ...

דער ערשטער ליעבהאבער.

יעווגעני אַלעקסעיאיטש פּאַדזשאַראָוו, אַן אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּיעלט די ראָלען פון ערשטע ליעבהאָבער, אַ שלאַנקער, גראַציעזער, מיט אַ רונדען פּנים און מיט זעקלאַך אונטער די אויגען, איז געקומען שפּיעלען אויף אַ סעזאָן אין איינע פון די שטעדט פון זיד-רוסלאַנד.

קומענדיג אהין, האָט ער די ערשטע זאַך געזוכט זיך צו בעקענען מיט אייניגע פון די בכבודיגע פאַמיליעס אין יענער שטאָדט.

— יאָ, סיניאָר! — האָט ער אָפט גערעדט, וויגענדיג גראַציעז מיט אַ פוס און ארויסווייזענדיג זיינע רויטע זאָקען: — אַן ארטיסט איז מחויב צו ווירקען אויף די מאַסען אי דירעקט אי אינדירעקט; דאָס ערשטע קען ערהייכט ווערען, דיענענדיג דער קונסט, פון דער ביהנע ארונטער, און דאָס צווייטע — דורך מאכען בעקאַנטשאַפטען מיט די איינוואָהנער. עהרענוואָרט, איך פערשטעה ניט, ווארום זאָל אונזערער אַ מענש אַן אַקטיאָר אויסמיידען די בעקאַנשאַפט מיט בכבודיגע פאַמיליעס? ווארום? שוין נישט ריידענדיג וועגען די אנגענעהמע צייט, וואָס מען קען פערברענגען אין אַזוינע הייזער, וועגען די מאָהלציימען, די געבורטסטעג, דיזשור-פּיקסען, קען עס בכלל האָבען אַ גרויסען מאָראַלישען איינפלוס אויף דער געזעלשאַפט. שוין-זשע איז נישט אנגענעהם דער געדאַנק, אַז דו האָסט דאָרט ערגעץ פערוואָרפען אַ ליכטיגען פונק אין עמיצענ'ס אַ גראָבען מוח? היינט די טיפען! די פרויען! מיין גאָט, וואָס פאַר אַ פרויען! דער קאָפּ דרעהט זיך! פערבלאָנדזשעסט אמאָל אין אַ הויז פון אַ סוחר. אין די פערבאָטענע חדרים, קלייבסט זיך אוים אַ פּאָמעראַנצעלע, דעם פרישסטען, דעם רויטסטען, און ווייסט פון אַ לעבען אויף דער וועלט. עהרענוואָרט!

צווישען די אַנדערע, האָט ער זיך אויך בעקענט אין יענער זיד-

ליבער שטאָדט מיט דער בכבודיגער פאַמיליע פון דעם פאבריקאנט זיבאיעוו. היינט, אז ער דערמאָנט זיך אָן דער דאָזיגער בעקאנט־שאַפט, קרימט ער זיך פערעכטליך, זשמורעט מיט די אויגען און צופּט נערוועז זיין קויטעלע.

איינמאָל — דאָס איז געוועזען ביי זיבאיעוו'ן אויפ'ן געבורטס־טאָג — איז דער אַקטיאָר געזעסען אין גאַסט־צימער צווישען זיינע נייע בעקאַנטע און האָט, ווי געוועהנליך, געפּלוידערט.

ארום איהם אויף די פאטעלען און אויף דער זאָפע זיינען געזע־סען „טיפען" און האָבען מיט פערגעניגען זיך צוגעהערט צו זיינע מעשיות; פון אַ צווייטען צימער האָט זיך געהערט אַ פרויען־געלעכ־טער און די טענער פון פארנאַכטיגען טהעע־טרינקען...

פערלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פערטרינקענדיג יעדע פראַזע זיינע מיט טהעע און ראָם און זוכענדיג צו געבען זיין פנים אַ גלייכגילטיגען אויסדרוק, האָט ער דערצעהלט וועגען זיינע ערפאָלגען אויף דער ביהנע.

איך בין אַ פּראָווינציעלער אַקטיאָר — האָט ער גערעדט מיט אַ געפעליגען שמייכעל אויף די ליפּען — איך האָב אָבער אויך גע־שפּיעלט אין די הויפּט שטעדט... אגב ווערל איך אייך דערצעהלען אַ פאַל, וואָס כאַראַקטעריזירט שטאַרק די גייסטיגע שטימונג פון אונ־זער צייט. אין מאָסקווע אויף מיין בענעפיס האָט די יוגענד מיר אונ־טערגעטראָגען אַזוי פיעל לאָרבער קראַנצען, אַז, איך שווער ביי אַלעס, וואָס מיר איז הייליג, איך האָב נישט געוואוסט, וואו זיי אַהינצוטהאָן! עהרענוואָרט! שפּעטער, אין אַ צייט פון נויטה, האָב איך די לאָרבער בלעטער אוועקגעטראָגען אין אַ קרעמעל און... טרעפט, פיעל דאָס האָט געוואויגען? צוויי פוד און אַכט פונט! כאַ! כאַ! דאָס געלד איז מיר דאַן זעהר צוניץ געקומען. בכלל, זיינען די ארטיסטען גאַנץ אָפט אין נויטה. היינט האָב איך הונדערטער, טויזענדער און מאָרגען גאָר נישט... היינט איז קיין שטיקעלע ברויט נישטאָ און מאָרגען אויסטרעס און סארדעלען...

די געסט האָבען סטאַטעשנע געזופּט פון זייערע גלעזער און זיך צוגעהערט. דער צופריעדענער בעל הבית פונ'ם הויז, וועלענדיג צו־פריעדענשטעלען דעם געבילדעטען און אינטערעסאַנטען גאַסט זיינעם, האָט איהם אויך פאָרגעשטעלט פאַר זיינעם אַ וויטען קרוב, וואָס איז

געקומען צופאָהרען צו איהם צו גאַסט, פאַר פּאָוועל איגנאַטיעוויטש קלימאָוו'ן, אַ פערציג יאָהריגער מאַן, מיט היבשען פלייש אויף זיך, אין אַ לאַנגען ראָק און זעהר ברייטע תחתונים.

— איך רעקאָמענדיר! — האָט געזאָגט זיבאיעוו, פאָרשטעלענ־דיג קלימאָוו'ן: — אַ ליעבהאָבער פון טהעאַטערס, האָט אַמאָל אליין געשפּיעלט. אַ גוטס־בעזיצער פון טולע!

פּאָדזשאַראָוו און קלימאָוו האָבען זיך צורעדט. צום גרויסען פערגניגען פון זייביידען, האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז דער טולער גוטס־בעזיצער האָט געהאַט געוואָהנט אין דער זעלבער שטאָדט, וואו אונזער ערשטער ליעבהאָבער האָט אַמאָל צוויי סעזאָנען כסדר גע־שפּיעלט אויף דער ביהנע. זיי האָבען גענומען ריידען וועגען יענער שטאָדט, וועגען בעקאַנטע, וועגען טהעאַטער...

— ווייסט איהר, יענע שטאָדט געפעהלט מיר זעהר — האָט גע־זאָגט דער ערשטער ליעבהאָבער, ווייזענדיג זיינע רויטע זאָקען: — וואָס פאַר אַ טראָטוארס, וואָס פאַר אַ רייצענדער גאָרטען... און וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט! אַ פּראַכטפאָלע געזעלשאַפט!

— יאָ, אַ פּראַכטפאָלע געזעלשאַפט! — האָט דער גוטס־בעזי־צער מסכים געוועזען.

— אַ האַנדעל־שטאָדט, אָבער אַ גאַנץ אינטעליגענטע... צום ביישפּיעל, ע־ע־ע... דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיאום, דער פּראָ־קוראָר... די אָפיציערען... דער איספּראַווניק איז אויך אַ גאַנץ נישקשה'דיגער מענש... אַ מענש, וואָס די פראַנצויזען רופען, אַנ־שאַנטע. און די פרויען! אַלאַך, וואָס פאַר אַ פרויען!

— יאָ, די פרויען... ווירקליך...

— אפשר בין איך פּאַרטייאיש! ווייל אין יענער שטאָדט האָט מיר זעהר געגליקט אין דער הינזיכט פון אַמורעזען, פון ליעבע, הייסט עס! איך וואָלט געקענט אַ צעהנדליג ראָמאַנען אָנשרייבען. צום ביי־שפּיעל, מיר זאָלען כאָטש נעהמען אַזאַ מין ראָמאַנטשיק... איך האָב געוואָהנט אויף יעגאָרעווער גאַס, אין דעם זעלבען הויז, וואו עס גע־פינט זיך די קאַזנאַטשייסטוואָ (דער שאַץ־קאַמער).

— אין דעם רויטען, דעם ניט געשקאַטורעוועטען?

— יאָ, יאָ... אין דעם ניט געשקאַטורעוועטען. אין שכנות מיט

דעם דאָזיגען הויז איז געשטאַנען קאַשצעיעוו'ס הויז און דאָרט האָט געוואָהנט די שטאָדטישע שעהנהייט וואַריענקאַ...

— איהר מיינט וואַראוואַרא ניקאָלאַיעווגאַ'ן? — האָט קלימאָוו זיך אַ כאַפּ געטהאָן און גענומען שטראַהלען פאַר פערגעניגען: — ווירקליך, אַ שעהנהייט... די ערשטע אין דער שטאָדט.

— די ערשטע אין דער שטאָדט! אַ קלאַסישער פּראָפיל... גרויסע, שוואַרצע אויגען און אַ צאָפּ ביז'ן גאַרטעל! זי האָט מיך דערזעהן אין האמלעט... שרייבט מיר אַ בריעף אַלאַ פּושקינ'ס טאַטיאַנע... פערשטעהט זיך, איך ענטפער...

פּאָדזשאַראָוו האָט זיך אומגעקוקט און, פערזיכערט זיך, אַז אינ'ם גאַסט־צימער זיינען נישטאָ קיין פרויען, האָט ער פערגלאָצט די אויגען, מרה'שחורה'דיג אַ שמייכעל געטהאָן און ארויסגעלאָזט אַ טיעפען זיפץ.

— איך קום אַמאָל אהיים נאָך אַ פאָרשטעלונג — האָט ער גענומען שעפּצען — טרעף איך זי אין מיין צימער. זיצט דאָרט אויף דער זאָפע. הויבען זיך אָן טרעהרען, ערקלעהרונגען אין ליעבע... קושען... אָה, יענע נאַכט איז געווען אַ וואונדערבאַרע, אַ הערליכע! אונזער ראָמאַן האָט זיך נאָכדעם געצויגען נאָך אַ פּאָאָר מאָנאַטען, אָבער נאָך אַמאָל אזא נאַכט האָבען מיר שוין נישט דורכגעלעבט! עהרענוואָרט!

— זייט אַזוי גוט... וואָס מיינט איהר? — האָט קלימאָוו גענומען שטאַמלען, ווערענדיג רויט, ווי פייער, און אויסשצירענדיג די אויגען אויפ'ן אַקטיאָר: — איך קען זעהר גוט וואַרוואַרא ניקאָלאַיעווגאַ'ן... זי איז מיין פּלימעניצע!

פּאָדזשאַראָוו איז צומישט געוואָרען און האָט אויך אויסגעשצירעט די אויגען.

— וואָס מיינט איהר? — האָט גערעדט קלימאָוו, צופיהרענדיג מיט די הענד: — שטייטש, וואָס הייסט?... איך קען דאָס מיידעל... און... און... און... שטייטש?...

— איך בעדויער זעהר, וואָס עס איז אַזוי אויסגעקומען... — האָט דער אַקטיאָר גענומען מורמלען, אויפהויבענדיג זיך פונ'ם אָרט און רייבענדיג מיט'ן קליינעם פינגער די לינקע אויג: — כאָטש... נאַטירליך, איהר ווי אַן אָנקעל...

די געסט, וואָס האָבען ביז אַהער אויסגעהערט דעם אַקטיאָר מיט

פערגעניגען און איהם זייער שמייכלען בעלוינט, זיינען צומישט גע־וואָרען און די אויגען ארונטערגעלאָזט.

— ניין, איהר זייט שוין אזוי פריינדליך, מיין הערר, און נעהמט אייערע ווערטער צוריק... — האָט געזאָגט קלימאָוו, שטארק צו־מישט: — איך בעט אייך!

— אויב איהר פיהלט זיך בעליידיגט פון דעם, איז... ע־ע־ע... בין איך גרייט! — האָט געענטפערט דער אקטיאָר, מאַכענדיג מיט דער האנד אן אונבעשטימטען זשעסט.

— זייט זיך מודה, אַז איהר האָט געזאָגט נישט די וואהר־הייט.

— איך? ניין... ע־ע־ע... איך האָב נישט געלייגט, אָבער... איך בעדויער זעהר, וואָס איך האָב זיך ארויסגערעדט... און איבער־הויפּט... איך פערשטעה נישט דעם דאָזיגען טאָן אייערען!

קלימאָוו האָט שווייגענדיג גענומען געהן פון איין ווינקעל אין דעם אנדערען, אזוי ווי פערטראַכט. זיין דיקער, פלײשיגער פּנים האָט איצט געהאַט דעם קאָליר פון ציגטער און אויפ'ן האלז זיינען די אָדע־רען אויפגעשוואָלען. דורכגעגאנגען זיך אזוי א פּאָאר מינוט, איז ער צוגעטראָטען צום אקטיאָר און געזאָגט מיט א וויינענדיגען קול:

— ניין, זייט שוין אזוי פריינדליך און גיט צו, אז איהר האָט א ליגען געזאָגט מכוח ווארענקאַ'ן! טהוט א טובה!

— מערקווירדיג! — האָט דער אקטיאָר א דריק געטהאָן מיט די אקסלען, שמייכלענדיג געצוואונגען און שאָקלענדיג מיט'ן פּוס: — דאָס איז... דאָס איז זאָגאר א בעליידיגונג פאַר מיר!

— ווילט איהר, הייסט עס, נישט צוגעבען?..

— איך פערשטעה נישט!

— איהר ווילט נישט? אויב אזוי ענטשולדיגט... בין איך געצוואונגען צו געברויכען אנדערע, נישט קיין גאנץ אנגענעהמע מיט־לען... מיין הערר, אָדער איך בעליידיג אייך גלייך, אָדער... אויב איהר זייט אן אנשטענדיגער מענש, רופ איך אייך ארויס אויף א דועל... מיר וועלען זיך שיסען!

— גאנץ רעכט! — האָט געענטפערט דער ערשטער ליעבהאָבער מיט א פערעפענטליכער מינע — איך נעהם אָן!

די צוטומעלטע געסט און דער בעל הבית, נישט וויסענדיג וואָס

צו טהאָן, האָבען אָפּגעשלעפּט קלימאָוו'ן אָן א זייט און איהם גענומען בעטען, ער זאָל נישט מאַכען קיין סקאַנדאַל. אין די טהירען האָבען זיך בעוויזען פרויען מיט פערוואונדערטע פּנים'ער...

דער ערשטער ליעבהאָבער האָט זיך א דרעה געטהאָן, א שאָקעל געטהאָן מיט'ן פּוס און מיט אזא אויסדרוק, אז ער קען, כלומרשט, נישט פערבלייבען אין א הויז, וואו מען בעליידיגט איהם, האָט ער זיין הוט גענומען און נישט געזעגענט זיך מיט קיינעם, איז ער אוועק.

געהענדיג אהיים, האָט ער דעם גאַנצען וועג פערעכטליך געשמייכעלט און געדריקט מיט די אַקסלען; אָבער אז ער איז געקומען צו זיך אין האָטעל און האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער זאָפע, איז ער געוואָרען שטאַרק אונרוהיג.

— דער טייפעל זאָל איהם נעהמען! — האָט ער געטראַכט — דער דועל איז קיין אונגליק נישט, ער וועט מיך נישט דער'הרג'ענען, אָבער עס וועט זיין זעהר מיאוס, ווען די חברים וועלען וועגען דעם זיך דערוויסען, זיי ווייסען אודאי, אז די גאַנצע מעשה איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. העסליך! מיין נאָמען וועט ווערען צו שאַנד און צו שפּאָט איבער גאַנץ רוסלאַנד...

פּאָדזשאַראָוו האָט א קלעהר געטהאָן אהער און אהין, אָנגערוי־בערט זיך און, אום צו בערוהיגען זיך, איז ער ארויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

— מען האָט זיך געדאַרפט מיט איהם דורכריידען. מיט דעם ליץ — האָט ער געטראַכט — ארייַנקלאַפּען איהם אין דעם נאַרישען מוח, אז ער איז א גולם, א פּרא אָדם... אז איך האָב גאָר ניט מורא....

דער ערשטער ליעבהאָבער איז שטעהן געבליבען פאַר זיבאיעוו'ס הויז און א קוק געטהאָן אויף די פענסטער. הינטער די קיסעענע פאָר־האַנגען האָבען נאָך געברענט פייערען און געשטאַלטען האָבען זיך בעוועגט.

— איך וועל אָפּוואַרטען! — האָט דער אַקטיאָר בעשלאָסען.

עס איז געוועזען פינסטער און קאַלט. ווי דורך א זיפּ, האָט גערעג־נעט א מיאוסער, יעסין־רעגענדעל...

פּאָדזשאַראָוו האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן א פּאַנאַר־סלופּ און זיך אין גאַנצען אָפּגעגעבען זיינע אונרוהיגע געפיהלען.

ער איז דורכגענעצט און אויסגעמאטערט געווארען.

ארום צוויי נאך האלבער נאכט האבען פון זיבאיעוו'ס הויז גע־נומען ארויסגעהן די געסט. צולעצט האט זיך בעוויזען אין די טהירען דער טולער גוטס־בעזיצער. ער האט ארויסגעלאזט א זיפץ אויף דער גאנצער גאס און גענומען סקראבען מיט זיינע שווערע קאלאשען אי־בער'ן טראטואר.

— זייט אזוי גוט! — האט איהם אנגעיאגט דער ערשטער ליעבהאבער — בלויז אויף איין מינוט.

קלימאוו האט זיך אפגעשטעלט. דער אקטיאר האט א שמייכעל געטהאן, א קנייטש געטהאן זיך און אנגעהויבען צו שטאמלען:

— איך... איך... בין זיך מודה... אז איך האב געזאגט א ליגען...

— ניין, איהר זייט אזוי גוט, און זייט זיך מודה עפענטליך — האט געזאגט קלימאוו און איז ווידער רויט געווארען, ווי פייער: — איך וויל די דאזיגע געשיכטע אזוי נישט איבערלאזען.

— אבער איך ענטשולדיג זיך דאך! איך בעט אייך... איהר פערשטעהט? ... איך בעט אייך, ווייל, איהר מוזט עס אויך צוגעבען, דער דועל וועט ארויסרופען פערשיעדענע ריידערייען, און איך בין אויף א שטעלע... ביי מיר זיינען פאראן חברים, קענען מיינען גאט וויים וואס...

דער ערשטער ליעבהאבער האט זיך געסטארעט צו שמייכלען, וויי־זען א גלייכגילטיגע מינע, האלטען זיך רוהיג, גלייך, ער האט עס אבער נישט געקענט. זיין קול האט געציטערט, די אויגען האבען שולדיג געפינטעלט און דעם קאפ האט געצויגען ארונטער, ארונטער... לאנג־לאנג האט ער עפעס געשטאמעלט.

קלימאוו האט איהם אויסגעהערט, א קלעהר געטהאן און ארויס־געלאזט א טיעפען זיפץ.

— מילא, זאל בלייבען אזוי! — האט ער געזאגט — גאט וועט שוין אייך מוחל זיין. נור א צווייטען מאל זאלט איהר ניט לייגען, יונגערמאן. קיין זאך ערנידריגט נישט אזוי א מענשען, ווי לייגען... יא־א! איהר זייט יונג, האט בילדונג געקראגען...

דער טולער גוטס־בעזיצער האט איהם מיט א פאטערליכען טאן אויסגעמוסר'ט, און דער ערשטער ליעבהאבער האט זיך צוגעהערט

און פריינדליך געשמייכעלט... אַז יענער האָט געענדיגט, האָט ער אויסגעשצירעט די צייהן, פערנייגט זיך און מיט אַ פערשולדיגטען גאַנג, קאָרטשענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער, איז ער אַוועק צו זיך אין האָטעל.

און אין אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט ער זיך שוין געפיהלט אויסער געפאַהר און איז ווידער געווען גוט אויפגעלייגט.

רוהיג און צופריעדען, וואָס ער האָט גוט אָפּגעשניטען פון דער דאָזיגער געשיכטע, האָט ער זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע און איז באַלד איינגעשלאָפען און האָט געשמאַק געשלאָפען ביז אויף מאָרגען צעהן אין דער פריה.

די פּאַסירונג.

גאַנץ אין דער־פריה, דורך די אייז־קוואַיטען, וואָס בעדעקען די שויבען פון די פענסטער, שלאָגט זיך דורך אין קינדער־שטוב אריין א העלער שיין פון דער זונן.

וואַניא, אַ אינגעל, אַ יאָהר זעקס אַלט, אַן אָפּגעשאָרענער, מיט א נאָז, וואָס איז עהנליך צו א קנעפּעל, און זיין שוועסטער נינאַ, א פיער־יאָהריגע מיידעלע, מיט א געקרויזטען קאָפּ, א פולינקע, א קליינגעוויקסיגע, כאַפּען זיך אויף און קוקען בייז איינער אויף'ן אנ־דערען דורך די שטאַכעטען פון זייערע בעטלאַך.

— אָו־אָו־אָו, אונפערשעהמטע! — בורטשעט די ניאַנקע — אנשטענדיגע מענשען האָבען שוין לאַנג טהעע אָפּגעטרונקען, און איהר קענט נאָך אַלץ די אויגען נישט אויפרייסען...

די שטראַהלען פון דער זונן שפּיעלען זיך פרעהלאָך אויף'ן טע־פּיך, אויף די ווענד, אויף'ן שוים ביי דער ניאַנקע און אקוראַט ווי זיי וואָלטען זיך שפּיעלען גערופען מיט זיי, אָבער די קינדער בעמערקען זיי נישט. זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט אויפ'ן „לינקען זייט". נינאַ שטעלט אָן די ליפּען, מאַכט א זויערע מינע און ציהט:

— טהע־ע־ע! ניאַנקע, טהע־ע־ע!

וואַניא קנייטשעט דעם שטערען און טראַכט: צו־וואָס זיך עפּעס צוטשעפּען, אום ער זאָל זיך קענען צושרייען. ער האָט שוין גענומען פּינטלען מיט די אויגען, דעם מויל שוין געהאַט געעפענט, נור אין דיעזער צייט דערהערט זיך פונ'ם גאַסט־צימער דער מאַמע'ס קול:

— ניט פערגעסט צו געבען היינט מילך דער קאַץ, זי האָט זיך געקעצעלט!

וואַניא און נינאַ ציהען אויס די פּנים'לאַך און קוקען אָן איינער דעם אַנדערען פערוואונדערט, דערנאָך שרייען זיי אויס ביידע אויף

איינמאָל, שפּרינגען ארוים פון די בעטלאך און מיט א קוויטשעריי און געפּילדער לאָזען זיי זיך לויפען באָרוועסע אין איינע העמדעלאך אין קיך אריין.

— די קאַץ האָט זיך געקעצעלט! — שרייען זיי — די קאַץ האָט זיך געקעצעלט!

אין דער קיך אונטער דער באנק שטעהט א קאסטען, דער זעל־בער, אין וועלכען סטעפּאַן שלעפּט קוילען, בעת ער הייצט די אויוועו. פונ'ם קאסטען קוקט ארוים די קאַץ. איהר גרויע פּרצוף דריקט אוים א מורא'דיגע מיעדקייט, די גרינע אויגען מיט שמאָלע שוואַרץ־אַפּעלס קוקען סענטימענטאַל... נאָך דעם פּרצוף איהרען קען מען זעהן, אַז צו איהר פולען גליק פעהלט בלויז אינ'ם קאסטען די אָנוועזענהייט פון „איהם", דעם טאטען פון איהרע קינדער, וועמען זי האָט זיך אַזוי אין גאַנצען אָפּגעגעבען! עס ווילט זיך איהר א מיאוקע טהאָן, עפענט פונאנדער ברייט דעם מויל, אָבער פון איהר האַלז רייסט זיך נור ארוים א העשען, א סאָפּען... עס הערט זיך דאָס פּישצען פון די קעצעלאך.

די קינדער זעצען זיך אנידער ארום קאסטען און, נישט א ריהר טהאָנדיג מיט קיין אבר, קוקען זיי אויף דער קאַץ און האַלטען איין דעם אָטהעם... זיי זיינען פערוואונדערט, איבערראַשט און הערען גאָר ניט, ווי עס בורטשעט די ניאַנקע, וואָס איז זיי נאָכגעלאָפען. אין די אויגען פון ביידע קינדער לייכטעט און שטראַהלט די אויפריכטיגסטע פרייד.

אין דער ערציהונג און אינ'ם לעבען פון קינדער שפּיעלען הויז־חיות א ניצליכע, וואויל־טהוענדע ראָלע. ווער פון אונז געדענקט נישט די שטאַרקע, אָבער גרויסמוטהיגע הינט, די פויגלען, וואָס שטאַרבען אין צוואַנג, די דומע, אָבער שטאָלצע ענדיקעס, די פריינדליכע אַלטע־קעץ, וואָס פלעגען אונז מוחל זיין פאַר די גרויסע יסורים, וואָס מיר — פלעגען זיי פערשאַפען ווענען ארויפטרעטען אויפ'ן עק. מיר דאַכט זיך זאָגאַר אמאָל, אַז די געדולד, די איבערגעבענהייט און די פריינדליכ־קייט פון אונזערע הויז־חיות ווירקען פיעל שטאַרקער און וואוילטהו־ענדער אויף דעם פערשטאַנד פונ'ם קינד, איידער די אַלע לאַנגע בע־לערענדע רעדעס פון דעם טרוקענעם און בלייכען גובערנאַנט, אָדער די געבעלדיגע רייד פון דער גובערנאַנטין, וועלכע סטאַרעט זיך צו

ערקלעהרען די קינדער, אַז וואסער איז צונויפגעשטעלט פון זויער־שטאָף און וואסער־שטאָף.

— וואָס פאר אַ פּיטשינקע! — מאכט נינא, גלאָצט אויס די אויגען און צולאכט זיך פרעהליך: — עהנליך צו מייזעלאך.

— איינס, צוויי, דריי — צעהלט וואניא — דריי קעצעלאך. מיר איינס, דיר איינס און נאָך פאר עמיצען איינס.

— מוררם... מוררם... — מיאוקעט די קינדפעטאָרין, גע־שמייכעלט פון דער אויפמערקזאמקייט, וואָס מען שענקט איהר: — מוררם.

זאט אָנגעקוקט זיך אויף די קעצעלאך, נעהמען זיי די קינדער ארויס פון אונטער דער קאַץ און קאָרטשען זיי אין די הענד, דערנאָך, נישט בעפריעדיגט פון דעם, לייגען זיי אריין די קעצעלאך אין די פּאַ־לעס פון די העמדער און לאָזען זיך לויפען איבער די צימערען.

— מאמאַ, די קאַץ האָט זיך געקעצעלט! — שרייען זיי.

די מאמע זיצט דעמאָלט אין'ם גאסט־צימער מיט עפּעס אַן אונבעקאַנטען הערר. דערזעהן די קינדער, ניט ארומגעוואשענע, ניט אָנגעטאָנענע, מיט פעררריסענע העמדלאך, פערשעהמט זי זיך און מאכט שטרענגע אויגען.

— לאָזט ארונטער די העמדער, אונפערשעהמטע איהר! — זאָגט זי — און געהט גלייך ארויס, אַ ניט וועל איך אייך בעשטראָ־פען.

אָבער די קינדער בעמערקען נישט דער מאמע'ס סטראשונקעס און נישט די אָנוועזענהייט פון אַ פרעמדען מענשען. זיי לאָזען אַרונ־טער די קעצעלאך אויפ'ן טעפּיך און קוויטשען, און ליארמען. נעבען זיי געהט ארום די קינדפעטאָרין און מיאוקעט רחמנות'דיג.

און אין אַ ווייל ארום, אַז מען שלעפּט אוועק די קינדער צו זיי אין צימער, מען טהוט זיי אָן, מען שטעלט זיי אוועק גאָט בעטען און מען דערלאַנגט זיי טהעע, זיינען זיי די גאַנצע צייט פול מיט איין גע־דאנק, מיט איין פערלאַנג, וואָס גיכער צו בעפרייען זיך פון די דאָזיגע פּראָזאאישע פּפליכטען און ווידער לויפען אין די קיך אריין.

די געוועהנליכע בעשעפטיגונגען און שפּיעלערייען טרעטען אָפּ אין הינטער גרונד.

די קעצעלאך מיט זייער קומען אויף דער וועלט פערדונקלען

אַלעס, זיינען אַ לעבעדיג שטיק נייעס, אַ טאָגעס־פראַגע. אז מען זאָל וואַניאַ'ן אָדער נינאַ'ן פאַרלייגען פאַר יעדעס קעצעלע צו פּוד קאָנ־פעקטען, אָדער צו טויזענד צעהן־קאָפּיקענע, וואָלטען זיי זיכער אויף אַזאַ מסחור נישט אַנגעגאַנגען. ביז'ן סאַמע וואַרמעס, נישט קוקענדיג אויף דעם בייזערען זיך פון דער ניאַנקע און דער קעכין, זיצען זיי אין דער קיך נעבען דעם קאַסטען און זיינען פאַרנומען מיט די קעצעלאַך, זייערע פּנים'ער זיינען ערנסט, פאַרטהאָן און פאַרזאָרגט. נישט בלויז וועגען די געגענוואַרט אַליין פון די קעצעלאַך זאָרגען זיי זיך, נור וועגען זייער צוקונפט אויך. זיי האָבען בעשלאָסען, אַז איין קעצעלע וועט בלייבען אין דער־היים נעבען דער אַלטער קאַץ, אום צו זיין איהר טרייסט אויף די עלטערע יאָהרען. אַ צווייטע וועט פאָהרען אויף דער זומער־וואָהנונג און די דריטע וועט לעבען אינ'ם קעלער, וואו עס זיינען פאַראַן אַ סך שצורעס.

— אָבער וואָרום קוקען זיי נים? — וואונדערט זיך נינאַ — זיי האָבען בלינדע אויגען, ווי בעטלערס.

און וואַניאַ איז שטאַרק אונרוהיג פון דער דאָזיגער פראַגע. ער פּרובט עפענען אַ קעצעלע די אויגען, מאַטערט זיך לאַנג און סאָפּעט, אָבער די אָפּעראַציאָן געלינגט איהם נישט. נישט ווייניג בעאונרוהיגט איהם נאָך דאָס, וואָס די קעצעלאַך ריהרען זיך נישט צו נישט צו דעם מילך און נישט צו דעם פלייש, וואָס ער שטעלט פאַר זיי. אַלעס, וואָס ער לייגט אַוועק פאַר זייערע מאָרדעטשקעס, עסט אויף די גרויע מאַמע.

— לאָמיר אויסבויען הייזלאַך פאַר די קעצלאַך — לייגט פאָר וואַניאַ — זיי וועלען וואוינען אין בעזונדערע הייזלאַך און די קעץ וועט צו זיי געהן צו גאַסט...

אין יעדען ווינקעל פון דער קיך ווערען אַוועקגעשטעלט קערב־לאַך פון הימ. מען בעזעצט אין זיי די קעצעלאַך. אָבער עס ווייזט זיך ארויס, אז עס איז נאָך צו פריה אַזאַ צוטהיילען פון דער פאַמיליע: די קאַץ מיט אַן אויסדרוק פון געבעט אויף איהר פּרצוף געהט אַרום די אַלע קערבלאַך און שלעפּט צוריק איהרע קינדער אויפ'ן פריהערדיגען פּלאַץ.

— די קאַץ איז זייער מוטער — באַמערקט וואַניאַ — און ווער איז דער פאָטער?

— יאָ, ווער איז דער פאָטער? — זאָגט איהם נאָך נינא.

— זיי טאָרען ניט זיין אָהן אַ פאָטער.

וואניא און נינא טראַכטען לאַנג, ווער עס זאָל זיין דער פאָטער פון די קעצעלאָך און סוף כל סוף בלייבט ביי זיי ביידען, אַז דער פאָטער זאָל זיין אַ גרויסער, דונקעל־רויטער פערד, מיט אַן אָפּגעריסענעם עק, וואָס וואַלגערט זיך אין דער קלייט אונטער די טרעפּ צווישען אנדערן בראָך. מען ברענגט איהם צושלעפּען פון דער קלייט און מען שטעלט איהם אוועק נעבען דעם קעסטעל.

— זעה־זשע סטראַשען זיי איהם — שטעה דאָ און גיעב אכטונג, אַז די קעצעלאָך זאָלען זיך אויפפיהרען ארטיג.

דאָס אַלעס ווערט גערעדט און געטהאָן מיט זעהר ערנסטע מינעם. אויסער דעם קעסטעל מיט די קעצעלאָך עקזיסטירט מעהר גאָר נישט אויף דער וועלט פאר וואניא'ן און נינאַ'ן. זייער פרייד איז אָהן אַ ברעג, אָהן אַ גרענעץ. אָבער זיי מוזען, נעביך, איבערלעבען יסורים אויך.

אַ קורצע צייט פאר ווארימעס זיצט וואניא ביי פּאָפּאַ'ן אינ'ם קאַבינעט און קוקט פערטרוימט אויפ'ן טיש. נעבען דער לאָמפּ אויפ'ן הערבאָוועט פּאַפּיר צאַפּעלט זיך אַ קעצעלע. וואניא קוקט, ווי זי צאַפּעלט זיך און פּורקעט איהר אין מאָרדעטשקע דאָ מיט אַ בלייפעדער און דאָ מיט אַ שוועבעלע... פּלוצים וואַקסט ארויס, ווי פון דער ערד, דער פּאָפּאַ.

— וואָס איז דאָס? — הערט וואניא זיין בייזען קול.

— דאָס איז... דאָס איז אַ קעצעלע, פּאָפּאַ...

— איך וועל דיר באַלד ווייזען אַ קעצעלע! זעה, וואָס דו האָסט געטהאָן, דו טויגעניכטס! דו האָסט מיר דאָס גאַנצע פּאַפּיער פערשמוצט!

און צו וואניא'ס גרויס וואונדער, פרעהט זיך גאָר ניט פּאָפּאַ מיט די קעצעלאָך און, אַנשטאָדט דעם, רייסט ער נאָך אָן וואניא'ן פאר'ן אויער און שרייט:

— סטעפּאַן, נעהם צו פון דאַנען די דאָזיגע שוויינערייִ!.

ביים ווארמעס איז ווידער אַ סקאַנדאַל... ביים צווייטען געריכט

דערהערען אַלע ביים טיש פּלוצים אַ פּיסקעריי. קוקען זיי זיך אַרום, זוכען, וואָס פּיסקעט עס, און געפינען ביי נינאַ'ן אונטער'ן שירצעל אַ קעצעלע.

— נינאַ, גלייך אוועק פון'ם טיש! — בייזערט זיך דער פאָטער — און גלייך אריינגעוואָרפען די קעצעלאך אין צעבער! די דאָזיגע שוויינעריי זאָל אינ'ם שטוב נישט זיין!...

וואניא און נינאַ זיינען מורא'דיג צושראָקען, דער טויט אינ'ם צעבער מיט'ן שמוציגען וואסער, אויסער וואָס אזאַ טויט איז שרעקליך, וועט אוועקרויבען ביי דער קאַץ און ביי דעם הילצערנעם פערד זייערע קינדער, וועט איבערלאָזען אַ ליידיג קעסטעל און וועט חרוב מאכען אַלע פּלענער פון דער צוקונפט, פון יענער שעהנער צוקונפט, ווען איין קעצעלע וועט זיין די טרייסט פון איהר אַלטער מאמע'ן, די צווייטע וועט וואוינען אויף דער זומער־וואוינונג. און די דריטע וועט כאַפּען שצורעס אינ'ם קעלער...

די קינדער הויבען אָן צו וויינען און בעטען פאַר דאָס לעבען פון די קעצעלאך. דער פאָטער ווערט מרוצה, אָבער נור מיט דער בעדינגונג, אז די קינדער זאָלען זיך נישט דערוועגען צו געהן מעהר אין קיך אריין צו די קעצעלאך.

נאָך וואָרעמעס בלאָנקען ארום וואניא און נינאַ איבער אַלע צימערען און קענען זיך קיין אָרט נישט געפינען. דער פערבאָט צו געהן אין קיך אריין האָט זיי אין אַן אומעט אריינגעוואָרפען. זיי זאָגען זיך אָפּ פון נאַשערייען, זיינען נערוועז און ענטפערען גראָב דער מוטער.

פארנאכט, בעת עס קומט דער פעטער פעטרושאַ, פיהרען זיי איהם אָפּ אָן אַ זייט און קלאָגען זיך פאַר איהם אויף זייער פאָטער, וואָס האָט געוואָלט די קעצעלאך דערטרינקען אינ'ם צעבער.

— פעטער־פעטרושאַ — בעטען זיי זיך ביי איהם — זאָג מאמאַ'ן, אז זי זאָל דאָס קעסטעלע מיט די קעצעלאך אוועקשטעלען אין קינדער־שטוב. זאָ־אָג!

— שוין גוט, שוין גוט! — וועהרט זיך אָפּ פון זיי דער פעטער — איך'ל שוין זאָגען.

דער פעטער פעטרושאַ קומט געוועהנליך ניט אליין. צוזאמען

מיט איהם קומט נערא אויך, א גרויסער, שווארצער הונד פון דענישער אָפּשטאַמונג, מיט ארונטערגעלאָזטע אויערען און מיט אַן עק, וואָס איז הארט, ווי א שטאָק.

דער דאָזיגער הונד איז א שוויינענדיגער, א שטרענגער און פול מיט אייגענער גדלות. אויף די קינדער קוקט ער זיך נישט אום און, פערבייגענדיג זיי, קלאַפּט ער זיי מיט זיין האַרטען עק, ווי איבער די שטוהלען. די קינדער האסען איהם, קענען איהם ממש נישט אָנ־זעהן, אָבער דאָס מאָל, צוליעב פּראקטישע נוצען, דערשטיקען זיי אין זיך דעם האַס צו איהם.

— ווייסט וואָס, נינאַ? — מאַכט וואַניא, אָנשטעלענדיג אויף איהר גרויסע אויגען: — אָנשטאָדט דעם פערד זאָל נערא זיין זייער פּאַטער! דער פערד איז א גע'פּגר'טער און ער איז דאָך א לעבעדע־דיגער.

דעם גאַנצען אבענד וואַרטען זיי אויף יענער מינוט, ווען דער פּאַפּאַ וועט זיך אַנידערזעצען שפּיעלען אין קאָרטען, דעמאָלט וועט מען נערא'ן קענען אריינפיהרען אין קיך אונבעמערקטערהייט...

צום סוף האָבען זיי זיך דערוואַרט: דער פּאַפּאַ האָט זיך געזעצט שפּיעלען אין קאָרטען, די מאַמאַ איז געווען פערנומען מיט'ן סאַמאָוואַר שטעלען און האָט ארויסגעלאָזט די קינדער פון דער אויג... דער גליק־ליכער מאָמענט איז געקומען.

— קום! — שעפּצעט וואַניא צו זיין שוועסטער.

אָבער אין דיעזער צייט קומט אריין סטעפּאַן מיט א געלעכטער און זאָגט:

— פּריציטע, נערא האָט די קעצעלאַך אויפגעפרעסען!

נינאַ און וואַניא ווערען בלייך און קוקען מיט שרעק אויף סטע־פּאַן'ען.

— ווי גאָט לעבט... — לאַכט דער לאַקעי — איז צוגעגאַנגען צום קאַסטען און אויפגעפרעסען.

די קינדער ווייזט זיך אויס, אַז אַלע, אַלע, ווער עס איז נור פאַ־ראַן אינ'ם הויז, וועלען אויפגערייצט ווערען און זיך ארויפוואַרפען אויף דעם מערדער נערא'ן. אָבער זיי אַלע בלייבען זיצען רוהיג אויף

זייערע ערטער, וואונדערען זיך נור איבער דעם אפּעטיט פונ'ם גרויסען הונד.

פּאַפּאַ און מאַמאַ לאַכען... נעראָ געהט אַרום טיש, דרעהט מיט'ן עק און בעלעקט זיך מיט אַ צופריעדענער מינע...

די קאַץ בלויז אַליין איז אונרוהיג. מיט אַן אויסגעצויגענעם עק געהט זי איבער די צימערען, קוקט פערדעכטיג אויף די מענשען און מיאוקעט רחמנות'דיג.

— קינדער, עס איז שוין צעהן דער זייגער! שוין צייט צו שלאָפען! — שרייט די מאַמאַ.

וואַניאַ און נינאַ לייגען זיך שלאָפען, וויינען און לאַנג, לאַנג טראַכטען זיי וועגען דער בעולה'טער קאַץ און וועגען דעם שלעכטען און פרעכען נעראָ'ן, וועלכען מען האָט אפילו נישט בעשטראָפט.

דער פאסאזשיר פון דעם ערשטען קלאס

דער פאסאזשיר פונ'ם ערשטען קלאס, וועלכער האט נור וואס אפגעגעסען מיטאג אויפ'ן וואקזאל און איז געווען אביסעלע בגלופין, האט זיך צונעשפארט אויף דער סאמעטענער זאפע, זיעס זיך א ציה געטהאן און גענומען דרימלען.

געדרימעלט האט ער ניט מעהר ווי א פינף מינוט, דערנאך האט ער זיך א כאפ געטהאן, אנגעקוקט זיין שכן, וואס איז געזעסען איהם נעגענאיבער, מיט פוטערדיגע אויגען, האט א שמייכעל געטהאן און געזאגט:

— מיין זעליגער פאטער, זכר לברכה, האט ליעב געהאט, באלד נאך וואַרעמעס זאלען איהם ווייבער די פיאטעס קראצען. איך בין אין איהם געראטען, מיט דעם אונטערשייד נור, וואס אנשטאט די פיאטעס האב איך נאך ווארעמעס ליעב צו קראצען די צונג און די געהירען. איך, זינדיגער מענש, האב ליעב צו פלוידערען אויף א זאטען מאגען. וועט איהר מיר ערלויבען אביסעלע א פלוידער צו טהאן מיט אייך?

— מיט פערגעניגען — האט געענטפערט דער שכן.

— נאך א גוטען מיטאג איז פאר מיר גענוג די מינדעסטע געלעגענהייט, אום אין מיין מוח זאלען אנהויבען צו קריכען די טיעפסטע געדאנקען. צום ביישפיעל, אט האבען מיר מיט אייך ערשט געזעהןביים בופעט צוויי יונגע לייט און איהר האט געהערט, ווי איינער פון זיי האט גראטולירט דעם צווייטען מיט פאפולאריטעט. „איך גראטוליר אייך — זאגט ער — איהר זייט שוין א פאפולערע פערזענליכקייט, איהר פאנגט שוין אן צו ערווערבען פאר זיך רוהם".

הפנים זיי זיינען אקטיארען, אדער צייטונגס־שרייבערלאך. אבער ניט זיי אינטערעסירען מיך. וואס מיך אינטערעסירט איז די

פראגע: וואָס אייגענטליך דאַרף מען פערשטעהן אונטער דעם וואָרט ר ו ה ם אָדער פ אָ פ ו ל א ר י ט ע ט? וואָס איז אייער מיי־נונג? לויט פּושקין'ען איז רוהם א העלע לאַטע אויף א בגד א שמאַ־טע, מיר אַלע קוקען אזוי אויף דעם, ווי פּושקין, דאָס הייסט מעהר אָדער וועניגער סוביעקטיוו, אָבער ביז אהער האָט נאָך קיינער ניט געגעבען קיין קלאָרע, לאָגישע דעפינאַציאָן פאַר דעם דאָזיגען וואָרט. איך וואָלט א סך געגעבען, ווען עמיצער זאָל מיר קלאָהר ערקלעהרען, וואָס רוהם איז.

— וואָס געהט עס אייך אזוי אָן?

— פערשטעהט איהר מיך, ווען מיר זאָלען קלאָהר וויסען, וואָס אזוינס רוהם איז, קען זיין, אז מיר וואָלטען דאן אויך געוואוסט, ווי מען קומט צו דעם — האָט געענטפערט דער פּאסאזשיר פונ׳ם ערשטען קלאַס נאָך א קורצען טראַכטען — איך מוז אייך באַמערקען, מיין הערר, אז ווען איך בין געווען אינגער, האָב איך מיט אַלע סטרונעס פון מיין נשמה זיך געריסען צו רוהם. ערשטענס, בין איך פון פּראָפע־סיאָן אן אינזשיניער. האָב שוין אויסגעבויט אין רוסלאַנד א פּאָאַר צעהנדליג פּראַכטפולע בריקען, האָב אין דריי שטעדט דורכגעפיהרט וואַסער־לייטונגען, געאַרבייט אין רוסלאַנד, אין ענגלאַנד, אין בעלגיען.. צווייטענס, האָב איך א סך ספּעציעלע אָבהאַנדלונגען געשריעבען וועגען דעם, וואָס האָט א שייכות מיט מיין פּראָפעסיאָן. דריטענס, מיין הערר, האָב איך פון קינדהייט אָן געהאַט א שוואַכקייט צו כעמיע; פערנעה־מענדיג זיך אין מיין פרייער צייט מיט דער דאָזיגער וויסענשאַפט, האָב איך אויסגעפונען מיטלען, ווי אזוי אַרויסצוקריגען מאַנכע אָרגאַ־נישע זויער־שטאָפען, און דערפאַר קענט איהר מיין נאָמען טרעפען אין אַלע אויסלענדישע לעהר־ביכער איבער כעמיע. איך וועל אייך ניט נעהמען אויסרעכענען די אַלע פערדיענסטען מיינע, די גאַנצע אַר־בייט, וואָס איך האָב אויפגעטהאָן, איך וועל אייך בלויז זאָגען, אז איך האָב א סך מעהר אויפגעטהאָן, ווי מאַנכע בעריהמטהייטען. און דער רעזולטאַט? אָט, ווי איהר זעהט, איך בין שוין אַלט, קלייב זיך צו פגר׳ן, און בעוואוסט בין איך פונקט אזוי פיעל, ווי אָן יענער שוואַרצער הונד, וואָס לויפט דאָרט איבער דעם אייזענ־באַהן־וועג.

— וואָס קענט איהר וויסען? אפשר זייט איהר יאָ בעריהמט?

— הם!... אַט מיר וועלען טאַקי באַלד זעהן... זאָגט מיר, האָט איהר שוין אַמאָל געהערט די פאַמיליע קריקונאָוו?

דער שכן האָט פערריסען די אויגען צום סופיט, א טראַכט גע־טהאָן און זיך צולאַכט.

— ניין, ניט געהערט... — האָט ער געזאָגט.

— דאָס איז מיין פאַמיליע. איהר זייט אַ מענש אַן אינטעליגענ־טער און אַן עלטערער, און איהר האָט קיינמאָל ניט געהערט וועגען מיר — איז עס ניט אַ קלאָהרער בעוויז! הפנים, יאָגענדיג זיך נאָך רוהם, שטרעבענדיג צו ווערען בעוואוסט, פּאָפּולער, האָב איך נישט געטהאָן דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט. איך האָב נישט אָנגעווענדעט די ריכטיגע מיטלען און, וועלענדיג אַנכאַפּען דעם רוהם פאַר׳ן עק, ביז איך צו איהם צוגעגאַנגען ניט פון דעם ריכטיגען זייט...

— וואָס פאַר אַ ריכטיגע מיטלען מיינט איהר?

— וויים זיי דער רוח! איהר וועט זאָגען: טאַלענט? זשעניאַ־ליטעט? ניט געוועהנליכע פעהיגקייטען? אַ טעות, מיין הערר... אין איין צייט מיט מיר האָבען געלעבט און קאַריערעס געמאַכט מענשען אין פערגלייך צו מיר אונפעהיגע, נישטיגע און זאָגאַר פּאַסקודניקעס. ניט געקראָכען, האָבען מיט זייערע טאַלענטען ניט געבלישצעט און נאָך רוהם זיך נישט געיאָגט, און קוק זיי אָן! זייערע נעמען ווערען אָפט דערמאָנט אין די צייטונגען און אין די געשפּרעכען! אויב אייך האָט ניט דערעסען צו הערען, וועל איך עס אייך ערקלעהרען מיט אַ ביישפּיעל.

— פאַר עטליכע יאָהרען האָב איך געבויט אַ בריק אין דער שטאָדט ק. איך דאַרף אייך זאָגען, אַז קיין מעהר טויטע שטאָדט ווי די דאָזיגע, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. ווען ניט די ווייבער און די קאָרטען, וואָלט איך אפשר פון זינען דאָרט ארונטער. מילא, דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס איז פערביי. אויס לאַנגווייליגקייט האָב איך זיך דאָרט נאָהענט בעפריינדעט מיט אַ זינגערין. דער רוח וויים זי, אַלע זיינען פון איהר נתפעל געווען, פון דער דאָזיגער זינגערין, און נאָך מיין מיינונג איז זי געווען — ווי זאָל איך אייך זאָגען? — אַ גאַנץ געוועהנליכע, דורכשניטליכע מיידעל, וואָס אַזוינע זיינען פאַראַן אי־בערגענוג. אַ פּוסטע מיידעל, אַ קאַפּריזנע, אַ גייציגע און דערצו נאָך אַ נאַר. זי האָט אַ סך געגעסען, אַ סך געטרונקען, געשלאָפען ביז פינף

פאַרנאַכט און מעהר, דאַכט זיך, גאָר נישט. מען האָט זי געהאַלטען פאַר אַן אויסגעלאַסענע — דאָס איז געווען איהר פּראָפעסיאָן — אָבער אַז מען האָט געוואָלט זיך אויסדריקען וועגען איהר ליטעראַריש, האָט מען געזאָגט: די אַקטריסע, די זינגערין. פריהער בין איך געווען אַ פערברענטער טהעאַטראַל, דערפאַר פלעג איך שטאַרק אויפגעבראַכט ווערען, אַז איך פלעג דערהערען, אַז מען רופט זי אַקטריסע. צו רופען זיך אַקטריסע אָדער אפילו זינגערין האָט זי קיין שום רעכט ניט געהאַט. דאָס איז געווען אַ בעשעפעניש אָהן אַ פונק פון טאַלענט, אָהן אַ ברעקעל פון געפיהל, מען קען זאָגען, אַ שטיק רחמנות'דיגער גאָר נישט.

אויף ווי ווייט איך פערשטעה געזאַנג, האָט זי געזונגען מורא'דיג שלעכט, פּשוט חלוש'עדיג, איהר גאַנצע „קונסט" איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט געדריגעוועט, ווען מען האָט געדאַרפט, מיט'ן פוס און זיך ניט געשעהמט אריינצולאָזען מענער צו איהר אין גאַרדעראָבע־צימער.

וואָדעווילען, האָט זי, געוועהנליך, אויסגעוועהלט איבערזעצטע, פעפערדיגע, מיט געזאַנג און אַזוינע, אין וועלכע זי האָט געקענט ערשיינען פאַר'ן פובליקום אין אַ מענערשען אנצוג. מיט איין וואָרט, אַ שטיק חלשות! אָבער הערט ווייטער. איך געדענק עס, ווי היינט וואָלט עס געווען. מען האָט געדאַרפט דעם בריק עפענען פאַר'ן פובליקום. מען האָט איהם געעפענט פייערליך. מען האָט אָפּגעהאַלטען אַ גאָטעסדיענסט, רעדעס זיינען געווען, טעלעגראַמען און אַזוי ווייטער. איך אליין האָב זיך אַלץ ארומגעדרעהט ארום מיין קינד, ארום מיין ווערק, און האָב אַלץ מורא געהאַט, דאָס הארץ זאָל ביי מיר נישט פּלאַצען פאַר אויפרעגונג. דאָס איז געווען מיין ווערק! שוין אַן אַלטע געשיכטע און איך קען זיך ערלויבען צו זיין ניט אַזוי בעשיידען, און דערפאַר וועל איך אייך זאָגען, אַז דער בריק איז ביי מיר ארויסגעקומען אַ קונסט־שטיק! נישט קיין בריק, נור אַ בילד, איין שטיק בעגייסטערונג! היינט זייט נישט אויפגערעגט, ווען די גאַנצע שטאָדט איז אויף דער ערעפענונג.

— נו, — האָב איך געטראַכט — איצט וועט דאָס גאַנצע פובליקום אויף מיר קוקען, אַלע אויגען וועלען מיך זוכען, וואו בעהאַלט מען זיך?

אָבער, מיין הערר, אומזיסט בין איך אַזוי אומרוהיג געווען. אויסער

די אָפיציעלע פּערזענליכקייטען, האָט קיינער זיך אפילו אויף מיר נישט אומגעקוקט. האָבען זיך פערקליעבען אויפ'ן ברעג, קוקען, ווי גולם'ס אויפ'ן בריק און וועגען יענעם, וואָס האָט בעשאַפען דעם בריק, טהוען זיי אפילו נישט א טראַכט. און זייט דעמאָלט, כאָפּט זיי דער טייפעל, האָב איך אָנגעהויבען צו האסען אונזער געעהרטעם פּובליקום. אָבער הערט ווייטער. פּלוצים איז געוואָרען א גערודער צווישען דעם פּובליקום: שור־שור־שו... פּנים'ער האָבען גענומען שטראַהלען, אַקסלען — בעוועגען...

— הפּנים, מען האָט מיך בעמערקט — האָב איך א טראַכט געטהאָן. אָבער ווייס איך וואָס! איך זעה, דורכ'ן עולם קוועטשט זיך דורך מיין זינגערין און נאָך איהר א גאַנצע מחנה שאַרלאַטאַנעס. און די אויגען פונ'ם גאַנצען עולם זיינען געווענדעט אהין, און טויזענדער ליפּען שעפּצען: „דאָס איז די און די... רייצענד! געטליך־שעהן!”

דאָ האָט מען מיך אויך בעמערקט... עפּעס צוויי קונדסים, הפּנים דאַרטיגע ליעבהאָבער פון דער קונסט אויף דער ביהנע, האָבען בעמערקענדיג מיך, זיך איבערגעקוקט און גענומען שעפּצען:

— דאָס איז איהר געליעבטער!

ווי געפעהלט עס אייך? איינער א מאַן אין א צילינדער־הוט און מיט א לאַנג־ניט־געגאָלטער מאָרדע האָט א לאַנגע צייט, שטעהענדיג נעבען מיר, געהויבען דאָ איין פוס, דאָ דעם אַנדער'ן דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט די ווערטער:

— ווייסט איהר, ווער יענע דאַמע איז, וואָס געהט דאָרט אויפ'ן ברעג? דאָס איז די און די... איהר שטימע איז ניעדריגער פון וועלכער ניט איז קריטיק, דערפאַר אָבער ווייס זי אויסגעצייכענט, ווי די שטימע צו געברויכען!

— קענט איהר מיר ניט זאָגען — האָב איך א פרעג געטהאָן ביי דעם מאַן אין צילינדער־הוט — ווער האָט אויסגעבויט דעם דאָזיגען בריק?

— כ'לעבען, איך ווייס ניט! — האָט געענטפערט די צילינדערהוט — עפּעס אַן אינזשיניער!

— און ווער — פרעג איך — האָט ביי אייך דאָ דעם קלויסטער אויפגעבויט?

— און דאָס קען איך אייך אויך נישט זאָגען.

ווייטער האָב איך ביי דער צילינדער־הוט געפרעגט, וועמען האַלט מען אין דער שטאָדט ק. פאר דעם בעסטען פעדאגאָג, וועמען פאר דעם בעסטען ארכיטעקט, און אויף אַלע די דאָזיגע פראַגען האָב איך פון דער צילינדער־הוט געקראָגען איין ענטפער:

— איך ווייס נישט. קען אייך נישט זאָגען.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך — האָב איך צום סוף געפרעגט — און מיט וועמען לעבט די דאָזיגע זינגערין?

— מיט עפּעס אַן אינזשיניער קריקונאָוו'ן — האָט די צילינדער־הוט באלד געענטפערט.

נו, ווי געפעהלט עס אייך, מיין הערר?... אָבער הערט ווייטער... אויף מאָרגען נאָך דער ערעפענונג פון'ם בריק כאפּ איך זיך צו דער שטאָדטישער צייטונג און זוך עפּעס וועגען זיך, וועגען דעם, וועלכער האָט אויפגעבויט דעם בריק. אַ לאַנגע צייט טראָגען זיך מיינע אויגען איבער די אַלע פיער זייטען פון דער צייטונג און ענדליך — געפונען! הוררא! איך הויב אַן צו לעזען: „נעכטען ביי אַ שעהנעם וועטער, אין דער אַנוועזענהייט פון זיין עקסעלענץ דעם גובערנאַטאָר און אַנדערע רעגיערונגס־בעאַמטע, האָט אַ גרויסער שטאָדטישער עולם געפייערט די ערעפענונג פון דעם נייעם בריק און אַזוי ווייטער". דאָס דאָזיגע שטיקעל נייעס האָט זיך אַזוי געענדיגט: „צווישען אַנדערע איז אויף דער ערעפענונג געווען אויך אונזער בעליעבטע און טאַלאַנטפאַלע ארטיסטין פריילין זאַ און זאַ. פערשטעהט זיך, אַז איהר ערשיינען האָט געמאַכט אַ פוראָר. די קינסטלערין, איז געווען אַנגעטאָן און אַזוי ווייטער". וועגען מיר אליין קיין וואָרט נישט, קיין האַלב וואָרט! ווי נישט וויכטיג דאָס איז, אָבער אין יענער מינוט האָט עס מיך אַזוי געקרענקט, אַז איך האָב זיך צו־וויינט!

בערוהיגט האָב איך זיך מיט דעם, אַז די פּראָווינץ איז דום, ניט אימשטאַנד אָפּצושעצען, דעריבער איז נאַריש צו פערלאַנגען פון איהר אַנערקענונג; אַז בערירהמט קען מען ווערען נור אין די אינטעלעקטועלע צענטרס, אין די הויפּט שטעדט. אגב איז אין יענער צייט געלעגען אין פּעטערסבורג איינע פון מיינע ארבייטען, וואָס איך האָב אריינגעשיקט אויף אַ קאָנקורס. עס האָט זיך דערנעהערט דער בעשטימטער טאָג פון'ם קאָנקורס.

— איך האָב זיך אָבגעזעגענט מיט דער שטאָדט ק. און בין אוועק־געפאָהרען אין פעטערסבורג. פון ק. ביז פעטערבורג איז אַ היבשער וועג און, אום אַז מיר זאָל נישט זיין אומעטיג, האָב איך גענומען אַ בעזונדער קופּע און אויך... די זינגערין. מיר זיינען געפאָהרען און אויפ'ן גאַנצען וועג האָבען מיר געגעסען, שאַמפּאַניער געטרונקען און, טראַלאַ־לאַ! געלעבט אַ גוטען טאָג... און אָט זיינען מיר שוין אין פעטערסבורג, אין דעם אינטעלעקטועלען צענטר. אָנגעקומען אַהין בין איך אין דעם טאָג פון'ם קאָנקורס און האָב דאָס פערגעניגען גע־האַט, מיין הערר, צו פייערען אַ זיעג: מיין אַרבייט איז בעעהרט גע־וואָרען מיט דער ערשטער פּרעמיאום. הוררא!

אויף מאָרגען געה איך אויף נעווסקי פּראָספּעקט און גיעב מיר אוים גאַנצע זיעבציג קאָפּיקעס אויף ציימונגען. איך קום צו זיך אין האָטעל, לייג זיך מיר אַוועק אויף דער זאָפע און טהו זיך מיר אַ נעהם צו די ציימונגען, און בעת דעם ציטער איך פאַר אויפרעגונג.

קוק איך דורך איין ציימונג — גאָר נישט! אַ צווייטע — קיין וואָרט נישט! צום סוף, אין דער פערטער ציימונג שטוים איך זיך אָן אויף אַזאַ מעלדונג:

„נעכטען איז אָנגעקומען קיין פעטערסבורג מיט'ן שנעל־צוג די בעוואוסטע פּראָווינציאָנעלע ארטיסטין פריילין זאַ און זאַ. מיט פער־גניגען מעלדען מיר, אַז דער זיד־קלימאַט האָט זעהר גוט געווירקט אויף אונזער בעקאַנטע; איהר פּראַכטפאָלער ארטיסטישער אויסזעה־ען...” וואָס ווייטער געדענק איך נישט! פיעל ניעדריגער אונ־טער דער דאָזיגער מעלדונג מיט קליינצינקען פּעטיט איז אָפּגעדרוקט געוועזען: „נעכטען אויף אַזאַ און אַזאַ קאָנקורס האָט דער אינזשיניער הער זאַ און זאַ בעקומען די ערשטע פּרעמיאום”. און דאָס אַלעס! אויסער דעם, האָט מען נאָך מיין פאַמיליע אין דער דאָזיגער מעלדונג פערדרעהט: אַנשטאָט קריקונאָוו האָט מען אָנגעגעבען קירקונאָוו. אָט איז אייך דער אינטעלעקטועלער צענטר. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלעס...

אין אַ מאָנאַט אַרום, בעת איך האָב פערלאָזען פעטערסבורג, האָבען אַלע ציימונגען שוין געהאַט געצימבעלט אָהן אויפהער וועגען „אונזער געטליכער, הויך־טאַלענטירטער” און מיין געליעבטע האָט מען אין די ציימונגען געעהרט ווי טאַקי עפּעס גאָר רעכטס...

עטליכע יאָהר שפּעטער בין איך געווען אין מאָסקווע. דער אבערהויפּט פון דער מאָסקוועד דומע האָט מיך אהין איינגעלאַדען דורך א פּערזענליכען בריעף וועגען אזא ענין, וואָס מיט דעם אינטערעסירען זיך אַלע צייטונגען און גאַנץ מאָסקווע שוין העכער הונדערט יאָהר.

צווישען אַנדערים האָב איך פאַרגעלעזען אין איינעם פון די מו־זייאומס פינף עפּענטליכע לעקציעס פאַר א וואָהלטהעטיגען צוועק. דאָס, דאַכט זיך, איז גענוג, אז מען זאָל בעוואוסט ווערען דער שטאָדט כאָטש אויף דריי טעג, ניט אמת? אָבער, א נעבעכיגער טאָג! קיין מאָסקוועד צייטונג האָט וועגען מיר נישט דערמאָנט אפילו מיט איין וואָרט! וועגען שרפות, וועגען דער אָפּערעטקע, וועגען שיכור'ע הענדלער — וועגען אַלעם שרייבען זיי, אָבער וועגען מיין ענין, וועגען מיין פּראָיעקט, וועגען מיינע לעקציעם — קיין אות ניט...

פאָהר איך אויפ'ן טראַמוואַי... דאָרט איז געפּאַקט: אי דאַ־מען זיינען דאָרט, אי אָפיציערען, אי סטודענטען, אי סטודענטקעס — צו פּאָאַר פון יעדען מין.

— מען זאָגט, אז די דומע האָט איינגעלאַדען אַן אינזשיניער וועגען אזא און אזא ענין! — ווענד איך זיך צו מיין שכן אומיסטנע הויך, כדי אַלע זאָלען מיך הערען: — איהר ווייסט ניט, ווי דער אינ־זשיניער הייסט?

דער שכן האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ: ניין. די איבריגע אינ'ם טראַמוואַי האָבען מיך אָנגעקוקט און אין זייערע אַלעמענס בליקען האָב איך איבערגעלעזען: „איך ווייס ניט".

— מען זאָגט, אז עמיצער לעזט פאַר לעקציעס אין דעם און דעם מוזייאום — שטעה איך צו צו אַנדערע. וועלענדיג פערבינדען א געשפּרעך: — מען זאָגט, אז די לעקציעס זיינען זעהר אינטערע־סאַנט!

קיינער האָט מיט'ן קאָפּ נישט א מאַך געטהאָן. הפּנים, נישט אַלע האָבען געהערט וועגען די דאָזיגע לעקציעס, און די דאַמען האָבען אפילו נישט געוואוסט, אז עס איז פאַראַן אזא מוזייאום. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. שטעלט זיך פאַר, מיין הערר, דער גאַנצער עולם אינ'ם טראַמוואַי שפּרינגט אויף פּלוצים פון די ערטער און טהוט זיך א וואָרף צו די פענסטער. וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט?

—זעהט, זעהט!—האָט מיך אָנגעהויבען צו פּורקען מיין שכן—

איהר זעהט יענעם ברונעט, וואָס זעצט זיך אויף דער דראָזשקע? דאָס איז דער בעוואוסטער לויפער קינג!

און דער גאַנצער עולם האָט גענומען ריידען מיט בעגייסטערונג וועגען די לויפערס, וואָס האָבען צו יענער צייט אינטערעסירט די מוחות אין מאָסקווע.

איך האָב אייך געקענט ברענגען נאָך אַ סך ביישפּיעלען, איך רעכען אָבער, אַז די דאָזיגע זיינען אויך גענוג.

איצט וועל איך פּרובען צוגעבען, אַז וועגען זיך האָב איך אַ טעות, אַז איך אליין בין נור אַ בעריהמער, אָהן אַ פונק טאַלענט, אָבער איך וואָלט אייך געקענט אָנווייזען אויף אַ סך מענשען אין מיין צייט, אויף מערקווירדיגע מענשען לויט זייערע טאַלענטען און לויט זייער ליבע צו דער ארבייט, וועלכע זיינען געשטאָרבען אונאַנערקענטע. די אַלע רוסישע ים־רייזענדע, כעמיקער, פיזיקער, מעכאַניקער, לאַנד־ארבייטער — ווער קען זיי ביי אונז? זיינען אונזערע אינטעליגענטע מאַסען בעקאַנט די רוסישע מאַהלערס. די סקולפּטאָרען, די ליטעראַ־טען? מאַנכער אַלטער ליטעראַרישער כלב מיט טאַלענט שלאָגט אָפּ די שוועלען פון רעדאַקציאָנען אין פערלויף פון גאַנצע דריי און דרייסיג יאָהר, שרייבט אָן גאַנצע בערג פּאַפּיער, איז אַ צוואַנציג מאָל פער־קלאָגט פאַר רכילות, און דאָך קען ער נישט מאַכען איין טראָט ווייטער פון זיין מוראַווייניק! רופט מיר אָן כאָטש איין קאָריפעי פון דער רוסי־שער ליטעראַטור, וואָס זאָל ווערען בעוואוסט פריהער, איידער עס האָט ניט אפּגעקלונגען איבער דער וועלט, אַז ער איז דער'הרג'עט גע־וואָרען אויף אַ דועל, צו אַז ער איז פון מוח אַרונטער, צו אַז ער איז פערשיקט געוואָרען אויף קאַטאָרגע, צו גאָר אַז ער שפּיעלט ניט עהרליך אין קאָרטען.

דער פּאַסאַזשיר פון'ם ערשטען קלאַס האָט זיך אַזוי הינגעריי־סען, אַז ער האָט ארויסגעלאָזט פון'ם מויל דעם סיגאַר און ער האָט זיך אויפגעהויבען.

— יאַ — האָט ער גערעדט ווייטער צורייצט — און אין פּאַראַ־לעל אַזוינע מענשען וועל איך אייך אָנווייזען אויף הונדערטע פער־שיעדענע קליינינקע זינגערינס, אַקראָבאַטען און אַנדערע לצים, וואָס פון זיי האָבען געהערט אפילו עופהלאך אין די וויגען, יאַ־אָ!

די טהיר האָט אַ סקריפּע געטהאָן, אַ ווינד־צונג האָט זיך אריינ־

גערוסען, און אין וואַגאָן איז אריין אַ נייע פערזאָן מיט אַ בייזען אויסזעהען, אין אַ פעלערינע, אין אַ צילינדערהוט און אין בלויע ברי־לען. די פערזאָן האָט זיך אומגעקוקט אויף די פלעצער, אָנגעכמורעט זיך און איז אוועק ווייטער.

— ווייסט איהר, ווער דאָס איז? — האָט זיך דער דערהערט אַ ניט־דרייסטער שעפּצען פון אַ ווייטען ווינקעל פונ'ם וואַגאָן — דאָס איז נ. נ., דער בעריהמטער טולער שולער, וועלכער איז אָנגעקלאָגט פון א'ער באַנק.

— אָט האָט איהר עס! — האָט זיך צולאַכט דער פּאַסאַזשיר פונ'ם ערשטען קלאַס — דעם טולער שולער קען ער, און טהוט איהם אַקאַרשט אַ פרעג, אויב ער קען סעמיראַדסקי'ן, טשאַיקאָווסקי'ן, אָדער דעם פילאָזאָף סאָלאָוויאָוו'ן, וועט ער אייך מיט זיין גראָבען קאָפּ אַ שאָקעל טהאָן... שווייגעריי!

אַ קורצער שווייגען.

—ערלויבט מיר צו שטעלען אייך אויך אַ פראַגע — האָט ניט דרייסט אַ הוסט געטהאָן זיין שכן, וואָס איז געזעסען געגען איהם — איז אייך בעוואוסט דער נאָמען פּושקאָוו?

— פּושקאָוו? הם!... פּושקאָוו... ניין, איך האָב קיינמאָל פון אַזאַ נאָמען נישט געהערט!

— דאָס איז מיין נאָמען... — האָט דער שכן ארויסגערעדט פערשעהמט — הייסט עס, איהר האָט נישט געהערט? און איך בין שוין זייט פינף און דרייסיג יאָהר פּראָפעסאָר אין איינעם פון די רוסי־שע אוניווערסיטעטען... אַ מיטגליעד פון דער אַקאַדעמיע פון וויסענ־שאַפט... ניט איינמאָל געדרוקט מיינע אָפּהאַנדלונגען...

דער פּאַסאַזשיר פונ'ם ערשטען קלאַס און זיין שכן האָבען זיך איבערגעקוקט און גענומען לאַכען אויפ'ן קול.

אונפאַרזיכטיגקייט

פעטער פעטראָוויטש סטריזשין, דער זעלבער, ביי וועמען מען האָט פאַר־א־יאָהרען גע'גנב'עט א פּאָאָר קאַלאָשען, האָט צוויי אוהר נאָך האַלבער נאַכט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים פון א מזל טוב.

אום נישט אויפצואוועקען די שטוביגע, האָט ער זיך שטיל פונאַנ־דערגעטאָן אינ'ם פאָר־צימער און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם, טרעטענדיג אויף די שפּיץ־פינגער, האָט ער זיך אריינגע'גנב'עט צו זיך אין שלאָף־צימער, און נישט אָנצינדענדיג קיין ליכט, האָט ער זיך גענומען פאַרבערייטען צום שלאָף.

סטריזשין איז א מענש מיט א תמ'עוואַטען פּנים. פיהרט א ניכ־טערען און נאָרמאַלען לעבען, לעזט נור פרומע מוסר־ביכלאָך, נור אויפ'ן מזל טוב פאַר שמחה, וואָס ליובאָוו ספּירדאָנאָווּנאַ האָט בשלום איהר קינד געבאָרען, האָט ער זיך ערלויבט אויסצוטרינקען פיער גלעז־לאָך שנאַפּס און א גלאָז ווייַן, וואָס האָט געהאַט א טעם פון און ריצענ־אייל. די הייסע משקאות זיינען ווי ים־וואַסער אָדער רוהם: וואָס מעהר מען טרינקט, אַלץ שטאַרקער דורשט זיך...

און איצט פונאַנדערטהאָנדיג זיך, האָט זיך סטריזשין'ען שטאַרק פערוואָלט אויסטרינקען.

— ביי דאשענקאַ'ן אינ'ם אַלמער שטעהט דאַכט זיך, א פלאַש בראָנפען — האָט ער א טראַכט געטהאָן — דאָרט, אינ'ם ווינקעל, דאַכט זיך.... אז איך וועל אויסטרינקען איין גלעזעלע, וועט זי נישט בעמערקען.

נאָך א קורצען ישוב הדעת האָט ער גובר געווען זיין מורא און איז צוגעגאַנגען צום אַלמער.

נעעפענט פּאַמעליכעל די טהיר פונ'ם אַלמער, האָט ער אָנגעטאַפּט אינ'ם ווינקעל רעכטס א פלאַש און א גלעזעלע אָנגעגאָסען, אוועקגע־

שטעלט די פלאַש אויפ'ן אָרט, דערנאָך האָט ער זיך איבערגע'צלמ'ט און אויסגעטרונקען.

און דאָס האָט געטראָפען עטוואָס וואונדערליכעס: אַ מורא'דיגע קראַפט, אַזוי ווי אַ באָמבע, האָט סטריזשינ'ען אַ שליי־דער געטהאָן פונ'ם אַלמער צום קופערט. פאַר די אויגען האָט איהם אַ פינקעל געטהאָן, עס האָט איהם גענומען שטיקען און איבער'ן קער־פער איז ביי איהם דורכגעלאָפען אַזאַ שווידער, אַזוי ווי ער וואָלט אריינגעפאַלען אין אַ זומפּף, פול מיט פּיאַווקעס. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז אַנשטאָדט שנאַפּס האָט ער אַרונטערגעשלונגען אַ שטיקעל דינאַמיט, וואָס האָט אויפגעריסען זיין קערפּער, די הויז און דאָס גאַנצע געסעל... קאָפּ, הענד, פיס — אַלעס האָט זיך אָפּגעריסען און איז אוועקגעלאָפען העט ערגעץ צום טייפעל, אין דער לופ־טען....

אַ מינוט דריי איז ער געלעגען אויפ'ן קופערט אונבעוועגליך מיט אַ פערשטאַרבענעם אָטהעם, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און ביי זיך געפרעגט:

— וואו בין איך?

אַז ער איז צו זיך געקומען, האָט ער די ערשטע זאַך דערפיהלט אַ שטאַרקען גערוך פון קעראָסין.

— טאַטעלאַך מיינע, אַנשטאָדט שנאַפּס האָב איך קעראָסין אויס־געטרונקען! — איז ער פערציטערט געוואָרען.

פון דעם געדאַנק, אַז ער האָט זיך פערגיפטעט, האָט איהם גע־נומען וואַרפען אין קעלט און אין היטץ. אַז ער איז פערגיפטעט איז איהם קלאָהר געוואָרען אויסער פון דעם גערוך אינ'ם צימער, נאָך פון דעם ברענען אינ'ם מויל, פון די פונקען פאַר די אויגען, פון דעם גלעקער־קלאַנג אין די אויערען און פון דעם שטעכען אינ'ם בויך.

פיהלענדיג, אַז ער שטאַרבט, און ניט וועלענדיג זיך טרייסטען מיט אומזיסטע האָפנונגען, האָט ער געוואָלט זיך אָפּזעגענען מיט זיינע נאָהענטע און איז אוועק צו דאַשענקאַ'ן אין שלאָף־צימער. (ער איז געוועזען אַן אַלמן און אַלס ווירטהין פאַר זיין הויז האָט ער געהאַלטען זיין קרובה דאַשענקאַ, אַן אַלטע מויד).

— דאַשענקאַ — האָט ער געזאָגט מיט אַ וויינענדיגען קול, ווען

ער איז אריין צו איהר אין שלאָף־צימער: — טהייערע דאשענ־קאַ!

עפּעס האָט זיך דאָרט גענומען קעהרען אין דער־פינסטערניש און ארויסגעלאָזט א טיעפען זיפץ.

— דאשענקא!

— הא? וואָס? — האָט שנעל זיך אָנגערופען א פרויען־קול — איהר זייט עס, פּעטער פּעטראָוויטש? שוין צוריקגעקעהרט זיך? נו, וואָס? ווי האָט מען דער מיידעלע א נאָמען געגעבען? ווער איז געווען די קוואַטערקע?

— די קוואטערקע איז געווען נאטאליא אנדרעיעוונא, און דער קוואטער איז געווען פּאַוועל איוואַניטש... איך... איך... דא־שענקא, איך שטארב, דאכט זיך. און דער עופה'לע האָט מען א נאָמען געגעבען אלימפּיאדע, א נאָמען נאָך זייער וואָהלטהעטערין... איך... איך, דאשענקא, האָב אויסגעטרונקען קעראָסין.

— וואָס הייסט? מען האָט דען דאָרט דערלאנגט קעראָסין?

— איך וועל אייך דעם אמת זאָגען, איך האָב געוואָלט, נישט אָנפּרעגענדיג זיך ביי אייך, אויסטרינקען א גלעזעלע שנאפּס, און... האָט מיך גאָט דערפאר בעשטראָפט: נישט ווילענדיג האָב איך אין דער־פינסטער אויסגעטרונקען קעראָסין... וואָס טהוט מען?

דערהערט, אז מען האָט אָהן איהר ערלויבניש געעפענט דעם אַלמער, האָט זי זיך א צאַפּעל געטהאָן. זי האָט שנעל אָנגעצונדען א ליכט, ארונטערגעשפּרונגען פון דער בעט און אין איין העמד, א דאַרע, א געשפּרינקעלטע, האָט זי אוועקגעשליאָפּעט מיט באָרפיסע פיס צום אַלמער.

— ווער האָט עס אייך ערלויבט? — האָט זי געפרעגט שטרענג, א קוק טהאָנדיג אינ'ם אַלמער: — האָט מען די שנאַפּס דען אוועקגע־שטעלט פאר אייך?

— איך... איך, דאשענקא, האָב געטרונקען נישט קיין שנאַפּס, נור קעראָסין... — האָט ארויסגעמורמעלט סטריזשין, אָפּווישענדיג א קאַלטען שוויים.

— און וואָס קריכט איהר עפּעס צום קעראָסין? איז עס אייער זאך? איז עס פאר אייך אוועקגעשטעלט? הא? ווייסט איהר באָטש ווי בראַנד־טהייער איז היינט קעראָסין? ווייסט איהר, הא?

— טהייערע דאשענקא — האָט ער ארויסגעקרעכצט — דאָ איז אַ פראַגע פון לעבען און טויט, און איהר רעדט גאָר וועגען געלד!

— האָט זיך אָנגעשיכור'ט און רוקט זיין נאָז איז אלמער! — האָט דאשענקא אַ געשריי געטהאָן און מיט כעם פערקלאַפּט די טהיר־לאַך פונ'ם אלמער: — אהה, באַנדיטען, פּייניגער! ווי איך קום אָפּ, קיין מינוט רוה סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט! גזלנים, הרג, נפשות, עס זאָל אייך אזוי גרינג זיין צו לעבען אויף יענער וועלט! מאָרגען פאָהר איך אוועק פון דאַנען! איך בין אַ מיידעל און איך ערלויב אייך נישט צו שטעהן פאַר מיר אין איין אונטערוועש! און וואגט נישט צו קו־קען אויף מיר, בעת איך בין נישט אָנגעטאָן!

און זי האָט צולאָזט איהר צינגעלע, צולאָזט און צולאָזט...

וויסענדיג, אַז די איינגע'רוגז'טע דאשענקא'ן קען מען נישט איינגעהמען נישט מיט גוטען און נישט מיט בייזען, נישט מיט שבועות און אפילו נישט מיט שיסען פון פושקעס, האָט סטריזשין אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האַנד, אָנגעטהאָן זיך און איז אוועק זוכען אַ דאָקטאָר. אָבער אַ דאָקטאָר געפינט מען נור דאַן לייכט, ווען מען דאַרף איהם נישט. דורכגעלאָפען אַ דריי גאַסען, אָנגעקלונגען אַ פינף מאָל ביי איין דאָקטאָר, אַ זיעבען מאָל ביי אַ צווייטען איז סטריזשין אוועקגעלאָפען אין אַפּטהעק: אפשר וועט דער אַפּטהעקער העל־פען.

נאָך אַ לאַנגען ווארטען איז ארויסגעגאַנגען צו איהם אַ קליינ־צינקער, דונקעלער אַפּטהעקער מיט אַ געקרויזטען קאָפּ, אַ פערשלאָ־פענער, אין אַ שלאָף־ראָק און מיט אזא ערנסטען און קלוגען פנים, אַז עס האָט אָנגענומען אַ מורא.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — האָט ער געפרעגט מיט אזא טאָן, מיט וועלכע עס קענען נור ריידען קלוגע און סאָלידע אַפּטהעקערם פונ'ם אידישען גלויבען.

— אום גאָטעס ווילען... איך בעט אייך! — האָט סטריזשין ארויסגערעדט אָהן אָן אָטהעם — גיעט מיר וואָס ניט־איז... איך האָב צופעליג איצט אויסגעטרונקען קעראָסין! איך שטאַרב!

— איך בעט אייך נישט אויפצורעגען זיך און ענטפערען מיר אויף די פראַגען, וואָס איך וועל אייך שטעלען. דער פאַקט, וואָס איהר

זייט אויפגערעגט, גיט מיר ניט מעגליכקייט אייך צו פערשטעהן. איהר האָט אויסגעטרונקען קעראָסין? יאָ־אָ?

— יאָ, קעראָסין! ראַטעוועט, איך בעט אייך!

דער אַפּטהייקער איז מיט אַן ערנסטער מינע צוגעגאַנגען צום פערקויף־טיש, האָט געעפענט אַ בוך און זיך פערטיעפט אין לעזען. איבערגעלעזען אַ צוויי בלעטער, האָט ער אַ דריק געטהאָן מיט איין אַקסעל, מיט'ן צווייטען, געמאַכט אַ קרומע מינע און, אַ טראַכט גע־טאָן, איז ער ארוים אין הינטערשטען חדר. דער זייגער האָט אין דיעזער צייט געשלאָגען פיער. און פּונקט אַ פערטעל צו פינף האָט זיך דער אַפּטהייקער צוריקגעקעהרט פון'ם הינטערשטען חדר מיט אַ צווייטען בוך און זיך ווידער פערטיעפט אין לעזען.

— הם! — האָט ער געזאָגט, ווי פערוואונדערט: — דער פאַקט אליין, וואָס איהר פיהלט זיך שלעכט, בעווייזט, אַז איהר דאַרפט זיך ווענדען צו אַ דאָקטאָר און נישט צו אַן אַפּטהעקער.

— אָבער איך בין שוין געווען ביי דאָקטוירים! האָב געקלונגען און געקלונגען, קיינער האָט אָבער נישט געענטפערט.

— הם!... אונז, די אַפּטהעקערס האַלט איהר הפנים נישט פאַר מענשען, רייסט אונז אויף פון'ם שלאָף אפילו אום פיער ביי־נאַכט. יעדער הונד, יעדע קאַץ האָט רוה... איהר ווילט נישט פער־שטעהן, איהר מיינט, אַז מיר זיינען ניט מענשען, אַז אונזערע נער־ווען זיינען פון שטריק.

סטריזשין האָט איהם אויסגעהערט, אַ זיפץ געטהאָן און איז אוועק אַהיים.

— הפנים, אַז עס איז מיר באַשערט צו שטאַרבען! — האָט ער געטראַכט.

און אינ'ם מויל ביי איהם האָט געברענט און געשמעקט מיט קע־ראָסין, אינ'ם בויך האָט געשניטען און אין די אויערען האָט געהילכט: בום! בום! בום! יעדע מינוט האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער שטאַרבט שוין, אָט אַז זיין האַרץ קלאַפּט שוין נישט מעהר...

אַהיים געקומען, האָט ער אויף גיך אָנגעשריעבען: „איך בעט ניט צו בעשולדיגען קיינעם אין מיין טויט", דערנאָך האָט ער גע־זאָגט אַ גאָטעס־געבעט, זיך געלייגט אין זיין בעט און זיך איבער־געדעקט איבער'ן קאָפּ.

ביז אין דער־פריה האָט ער נישט געשלאָפען און געוואַרט אויפ׳ן טויט און די גאַנצע צייט האָט זיך איהם געדאכט, ווי זיין קבר ווערט בעדעקט מיט יונגען גרינס און ווי איבער איהם זינגען פייגעלאך...

און אין דער פריה איז ער געזעסען אויף דער בעט און גערעדט צו דאַשענקאַ׳ן:

—ווער עס פיהרט אַ נאָרמאַלען און אנשטענדיגען לעבען, שוועס־טערקע, יענעם וועט אפילו קיין גיעפּט אויך נישט נעהמען. נעהם מיך אלס ביישפּיעל. געשטאַנען שוין מיט ביידע פיס אויף יענער וועלט, געשטאָרבען, געליטען יסורים, און איצט גאָר נישט. אינ׳ם מויל איז נור אביסעלע צוברענט און אין האַלז שטיקט אביסעלע, אָבער דער גאַנצער גוף, אַ דאַנק דעם אויבערשטען... און ווארום? ווייל איך פיהר אַן אנשטענדיגען, ריכטיגען לעבען.

— ניין, דאָס בעווייזט נור, אַז דער קעראָסין טויג אויף כפרות! — האָט אַ זיפץ געטהאָן דאַשענקאַ, טראַכטענדיג וועגען די הוצאות און קוקענדיג אין איין פונקט: — דאָס בעווייזט, אַז דער קרעמער האָט מיר געגעבען ניט דעם בעסטען קעראָסין, נור יענעם, וואָס קאָסט אָנדערטהאַלבען קאָפּיקעס אַ פונט! אוי, וואָס איך לייד זיך אוים! גזלנים, הרג, נפשות, אַזוי גרינג זאָל זיך אייך לעבען אויף יע־נער וועלט, בלוטזייגער!...

און איהר צינגעלע האָט זיך צולאָזט, ווי אויף פּאַרע...

דער קלוגער וועכטער

אין מיטען קיך איז געשטאַנען דער הויף־וועכטער פיליפּ און גע'דרשה'נט פאַר אַן עולם. דער עולם איז בעשטאַנען פון לאַקעען, אַ קוטשער, צוויי קאַמער־מעדכענס, אַ קאָך, אַ קעכין און פון צוויי אינגלאַך, וואָס האָבען ארויסגעהאָלפען דעם קאָך, דעם וועכטער'ס אייגענע קינדער. יעדען אין דער־פריה האָט ער וועגען עפּעס גע'דרשה'נט, היינט איז זיין דרשה געוועזען וועגען בילדונג.

— און איהר לעבט אַלע ווי עפּעס אַ חזר'שע פאָלק — האָט ער גערעדט, האַלטענדיג אין די הענד. אַ היטעל מיט אַ בלעכעל: — איהר זיצט דאָ צוזעצטערהייט און חוץ עם הארצות קען מען ביי אייך נישט זעהן קיין אנדערע ציוויליזאציאָן. מישקא שפּיעלט אין דאַמקעס, מאַטרענאַ קנאַקט נים, ניקיפאָר שצירעט די צייהן. איז דען דאָס אַ חכמה? דאָס איז נישט קיין חכמה, נור אַ נאַרישקייט. נישטאָ ביי אייך קיין האָאָר פון גייסטיגע פעהיגקייטען! און וואָרום?

— אמת, אמת, פיליפּ ניקאַנדריטש — האָט איהם צוגעגעבען דער קאָך — אודאי, ווי קומט צו אונז חכמה? מיר זיינען פּויערים. מיר פערשטעהען דען נישט?

— און וואָרום זיינען ביי אייך אַזוינע גראָבע קעפּ? — האָט דער הויף־וועכטער גערעדט ווייטער — ווייל ביי אייערען אַ מענשען איז נישטאָ דער ריכטיגער פּונקט. ניט ביכער לעזט איהר, ניט איהר קאָנט שרייבען. איהר וואָלט אמאָל אַ בוך אין האנד גענומען, אוועקגע־זעצט זיך און געלעזען. נישקשה, לעזען קענט איהר, איהר וואָלט זיך ווי עס־איז ארויסגעקאַרבקעט פון די געדרוקטע ווערטער. אָט דו, מישאַ, וואָלסט גענומען אַ ביכעלע און פאַרגעלעזען פאַר זיי. דו וואָלסט נוצען געהאַט און אנדערע וואָלטען הנאה געהאַט. און אין די ביכלאַך איז וועגען אַלעם פאַראַן. דאָרט איז אי וועגען דער

טבע, אי וועגען דער גאָטהייט, אי וועגען פערשיעדענע לענדער פון דער ערד. וואָס פון וואָס ווערט געמאַכט, ווי איז יעדעס פאָלק אויף אַלע שפּראַכען. און וועגען געצעגנ־דינערייי אויך. וועגען אַלעס וועסטו געפינען אין די ביכלאַך, האָב נור חשק. דו זיצסט אַלץ נעבען אויווען, פרעסט און זויפסט אמת'ע חזרים! פע!

— שוין צייט איך צו געהן אויף דער וואך! — האָט איהם איבערגעשלאָגען די קעכין.

— איך ווייס. ניט דיין עסק מיר דאָס צו זאָגען. למשל, נעהמט כאָטש מיך. מיט וואָס בעשעפטיג איך זיך אויף מיינע עלטערע יאָהרען? מיט וואָס דערקוויק איך מיין נשמה? נישטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי אַ ביכעל אָדער אַ צייטונג. אָט געה איך גלייך אויף דער וואַך. איך וועל דאַרפען זיצען נעבען טויער אַ שעה דריי. מיינט איהר, אַז איך וועל, חלילה, גענעצען, אָדער איך וועל מיט די ווייבער ריידען דברים בטלים? ניין, ניט אי־ד־ך! איך וועל מיט זיך נעהמען אַ בי־בעלע, זיך אוועקזעצען און וועל לעזען מיט גרויסער הנאה. יאָ אָ!

פיליפּ האָט ארויסגעשלעפּט פון אַן אַלמער אַ צוריסען ביכעלע און פעררוקט אונטער'ן בוזים.

— אָט מיט וואָס איך פערנעהם זיך. פון קליינוויז אָן צו דעם געוועהנט. לערנען איז, ליכט, נישט לערנען איז פינסטערניש, איהר האָט דאָך מסתמא פון דעם געהערט? איך מיין דאָך...

פיליפּ האָט אָנגעטאָן זיין היטעל, אַ הוקע געטהאָן און איז בור־טשענדיג ארויסגעגאַנגען פון דער קיך. ער איז צוגעגאַנגען צום טויער, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק און זיך אָנגעכמורעט, ווי אַ וואָלקען.

— דאָס זיינען גאָר נישט קיין מענשען, נור עפּעס חזיר'שע כע־מיקערס!—האָט ער ארויסגעמורמעלט, טראַכטענדיג וועגען דעם עולם אין דער קיך.

אַז ער איז רוהיגער געוואָרען, האָט ער ארויסגעשלעפּט דאָס בי־כעל, מעשה סטאַטיק אַ זיפץ געטהאָן און זיך אַ נעהם געטהאָן צום לעזען.

— געשריעבען אַזוי, אַז בעסער דאַרף מען גאָר ניט — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, בעת ער האָט איבערגעלייענט דאָס ערשטע בלע־

טעל, און ער האָט אַ דרעה געטהאָן מיט׳ן קאָפּ: — אַז גאָט וויל, שענקט ער שכל!

דאָס ביכעל איז געווען אַ גוטס און עס האָט געטראָגען אַ דאָ־פּעלטען נאָמען: „ווי אַזוי צו פערזייהען וואַרצעל־פּרוכטען, דאַרפען מיר האָבען הריזשינקאַ״.

איבערגעלעזען די ערשטע צוויי בלעטלאַך, האָט דער הויף־וועכטער מיט אַ טיעפזיניגער מינע אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און אַ הוסט געטהאָן.

— ריכטיג אָנגעשריעבען!

אַז ער האָט איבערגעלעזען דאָס דריטע בלעטעל, האָט פּיליפּ זיך פערטראַכט. איהם האָט זיך געוואָלט טראַכטען וועגען בילדונג און עפּעס וועגען די פּראָנצויזען. דער קאָפּ האָט זיך ביי איהם אַרונטער־געלאָזט אויף דער ברוסט, די עלענבויגענס האָבען זיך אָנגעשפּאַרט אָן די קניע. די אויגען האָבען זיך פערזשמורעט.

און פּיליפּ האָט געזעהן אַ חלום. אַלעס, האָט ער געזעהען, האָט זיך געענדערט: די ערד איז פערבליבען די זעלבע, די הייזער — די זעלבע, די טויערען די פריהערדיגע, אָבער די מענשען זיינען געוואָרען גאָר אַנדערע. זיי אַלע זיינען קלוג געוואָרען, קיין איין נאַר נייטאָ אפילו אויף אַ רפואה און איבער די גאַסען געהען אַרום אַלץ פּראָגנצוי־זען און פּראַנצויזען. אפילו דער וואַסער־פיהרער, ער אפילו, ערקלערט אויך: „איך, דעם אמת געזאָגט, בין מיט׳ן קלימאַט גאָר נישט צו־פריעדען און מוז אַ קוק טהאָן אויפ׳ן גראַדוסניק״. און האַלט בשעת דעם אַ דיקען בוך אין די הענד.

— און דו בעסער טהו אַ קוק אין קאַלענדאַר — מאַכט צו איהם פּיליפּ.

די קעכין איז אַ נאַר, אָבער זי מישט זיך אויך אריין אין די קלוגע געשפּרעכען און זאָגט איהר מיינונג.

פּיליפּ געהט אין פּאָליציי־צירקעל, אום צו פערשרייבען די שכנים — און מאָדנע, אפילו דאָרט רעדט מען אויך בלויז וועגען קלוגע זאַכען און אויף אַלע טישען ליעגען דאָרט ביכלאַך. און אָט געהט עמי־צער צו צום לאָקעי מישאַ׳ן, טרייסעלט איהם ביים אַקסעל און שרייט:

— דו שלאָפסט? איך פרעג דיך: דו שלאָפסט?

— דו שלאָפסט גאָר אויף דער וואַך, גולם ? — הערט פיליפ עמיצענ'ס דונער־שטימע — שלאָפסט, גאָר דו טויגעניכטס, דו לומפ ?

פיליפ איז אויפגעשפרונגען און האָט זיך אויסגעריבען די אויגען: פאַר איהם איז געשטאַנען דער געהילף פונ'ם פאָליציי־קאַפּיטאַן.

— הא ? דו שלאָפסט ? דו וועסט שוין ביי מיר בעצאָהלען שטראָף, דו בעסטיע ! איך וועל דיר שוין ווייזען, ווי צו שלאָפען אויף דער וואַך !

אין צוויי שעה ארום האָט מען דעם הויף־וועכטער געפאָדערט אין פאָליציי־צירקל. פון דאָרט איז ער ווידער געקומען צוריק אין קיך. אין דער קיך, אונטער דעם איינדרוק פון זיין אין דער־פריהערדיגער דרשה. איז מען געזעסען ארום טיש און זיך צוגעהערט צו מישא'ן, וועלכער האָט מיט מאַטערניש פאַרגעלעזען עפּעס פון א בוך.

פיליפ, א פערכמורעטער, א רויטער, איז צוגעגאַנגען צו מישא'ן האָט א קלאַפּ געטהאָן מיט דער הענדשיקע איבער'ן בוך און מרה־שחורה'דיג געזאָגט:

— וואַרף דאָס !...

די שטיוועל

דער קלאַוויר־שטימער מורקין, א געגאָלטער מאַן מיט א געלען פּנים, מיט א נאָז פול טאַבאַק און מיט וואַטע אין די אויערען, איז ארויסגעגאַנגען פון זיין נאָמער אין קאָרידאָר אריין און האָט מיט א טרייסלענדיגער שטימע אויסגעשריען:

— סעמיאָן! קאָרידאָר־שטעהער!

און קוקענדיג אויף זיין צושראָקענעם פּנים, האָט מען געקענט מיינען, אז אויף איהם איז איינגעפאַלען די שקאַטורקע פון די וואַנד אין זיין נאָמער, אָדער, לכל הפּחות, אז ער האָט דאָרט געזעהען א רוח.

— איך בעט דיך, סעמיאָן! — האָט ער גענומען שרייען, בעת דער קאָרידאָר־שטעהער איז געקומען צו לויפען אויף זיין געשריי: — וואָס טהוט זיך דאָ? איך בין א מענש א קראַנקער, לייד אויף רהומאַ־טיזם, און דו צווינגסט מיך ארומצוגעהן באָרוועס! וואָרום האָסטו ביז איצט מיר נישט דערלאַנגט די שטיוועל? וואו זיינען זיי?

סעמיאָן איז אריין צו מורקין'ען אין נאָמער, האָט א קוק גע־טהאָן אויף יענעם אָרט, וואו ער פלעגט געוועהנליך אוועקשטעלען די אויסגעפּוצטע שטיוועל, און א קראַץ געטהאָן די פּאַטילניצע: די שטי־וועל זיינען נישט געווען.

— וואו זיינען זיי, די פערפלוכטע? — האָט ארויסגעמורמעלט סעמיאָן — פאַרנאַכט האָב איך זיי דאַכט זיך, אויסגעפּוצט און דאָ אוועקגעשטעלט... הפּנים, איך האָב זיי אין אַנאַנדער נאָמער אוועקגע־שטעלט. דעם אמת געזאָגט, נעכטען בין איך געוועזן שיכור'לאך... יאָ, טאַקי, אפאנאסי גריגאָריטש, אין אַנאַנדער נאָמער! שטיוועל זיינען דאָ א סך און שיכורערהייט וועט דער מייפעל אליין נישט געדענקען, וואו און צו וועמען עס געהערען די אָדער יענע שטיוועל. מסתמא האָב

איך זיי ארייננעשטעלט ביי דער פּריצ'טע אין נאָמער, ביי אייער שכנה... ביי דער, אקטריסע...

— א שעהנע געשיכטע! איצט דאַרף איך צוליעב דיר געהן בעאונרוהיגען די פּריצ'טע! צוליעב אַזא קלייניגקייט וועקען אן אנ־שטענדיגע פרוי!

זיפצענדיג און הוסטענדיג, איז מורקין צוגעגאנגען צו דער טהיר פון דעם שכנישען נאָמער און האָט פּאָרזיכטיג אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז דאָרט? — האָט זיך אין א ווײַלע ארום דערהערט א פרויען־קול.

— איך בין דאָס — האָט געענטפערט מיט א רחמנות'דיגען קול מורקין, אוועקשטעלענדיג זיך אין דער פּאָזע פון א קאַוואַליער, וואָס רעדט מיט א דאַמע פון די הויכע פענסטער: — ענטשולדיגט, וואָס איך בעאונרוהיג אייך, מאַדאַם, אָבער איך בין א מענש א קראַנקער, לייד אויף רהומאַטיזם... דער דאָקטאָר, מאַדאַם, האָט מיר פּערזאָגט, איך זאָל האַלטען די פיס אין דער וואַרימקייט... אויסער דעם, מוז איך גלייך געהן צו דער גענעראַלשע שעוועליצינע, אָנטאָנען איהר קלאַוויר... איהר וועט דאָך פערשטעהן, האָף איך, אַז איך קען צו איהר ניט געהן א באָרפוסער!...

— וואָס פּערלאַנגט איהר? וואָס פאַר א קלאַוויר?

— ניט קיין קלאַוויר, מאַדאַם, נור מיינע שטיוועל! דער גראָ־בער יונגאַטש סעמיאָן האָט אויסגעפּוצט מיינע שטיוועל און על פּי טעות זיי ארייננעשטעלט ביי אייך אין נאָמער. זייט, מאַדאַם, אזוי פיעל אמת פריינדליך און גיט מיר אָפּ מיינע שטיוועל!

עס האָט זיך דערהערט א שאָרקען, א שפּרונג פון א בעט ארונ־טער און א שליאָפּען פון טופליעס, דערנאָך האָט זיך די טהיר עטוואָס געעפענט, און א פּוכקע פרויען־האַנד האָט ארויסגעוואָרפען א פּאָאר שטיוועל מורקין'ען צו די פיס.

מורקין האָט בעדאַנקט און איז אוועק צו זיך אין נאָמער.

— מאָדנע... — האָט ער געמורמעלט, אָנטאָנדיג די שטיוועל: — דאַכט זיך עס מיר, צי ניט, אַז דאָס איז ניט דער רעכטער שטי־וועל! ביידע לינקע! הער נור, סעמיאָן, דאָס זיינען דאָך ניט מיינע שטיוועל! מיינע זיינען מיט רויטע אויערלאַך און אָהן לאַטעס! און די דאָזיגע זיינען עפּעס טראַנטעס, שמאַטעס, אָהן אויערלאַך!

סעמיאָן האָט אויפגעהויבען די שטיוועל, עטליכע מאָל זיי ארומ־געקוקט און זיך אָנגעבלאָזען.

— פּאַוועל אַלעקסאַנדראָוויטשע'ס שטיוועל — האָט ער ארויס־געבורטשעט, קוקענדיק קרום.

די לינקע אויג איז ביי איהם געווען א קרומע.

— וועלכען פּאַוועל אַלעקסאַנדראָוויטשע'ס?

— דעם אַקטיאָר'ס... ער קומט אהער יעדען דיענסטאָג... הפּנים, ער האָט עס אָנגעטאָן אייערע אַנשטאָדט זיינע... איך האָב ביי איהר אין נאָמער אריינגעשטעלט, זיינען דאָרט געווען צוויי פּאָאָר: זיינע און אייערע. אזא מעשה!

— טאָ געה און בייט אום!

— גוט מאָרגען אייך! — האָט סעמיאָן א לאַך געטהאָן — א שעהנע מעשה! געה און בייט אום... און וואו זאָל איך איהם איצט געהן זוכען? שוין א שעה אודאי, אז ער איז אוועק... געה, זוך דעם ווינד אויפ'ן פעלד!

— וואו וואָהנט ער?

— ווער ווייס איהם! קומט אהער יעדען דיענסטאָג און וואו ער וואָהנט — ווייסען מיר ניט. קומט, נעכטיגט איבער און ווייזט זיך ניט ביז דעם דיענסטאָג איבעראכטאָג...

— זעהסטו, חזיר, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט! נו, וואָס זאָל איך איצט טהאָן! איך מוז גלייך געהן צו דער גענעראַלשע, טייפעל דו איינער! איך האָב די פיס אָפּגעפראָרען!

— איהר וועט שוין אומבייטען די שטיוועל. טהוט זיי אָן דער־ווייל, טראָגט זיי ביז פארנאַכט, און פארנאַכט געהט אריבער אין טהעאַטער... פרעגט דאָרט אויפ'ן אַקטיאָר בליסטאַנאָוו.... — אויב איהר ווילט ניט געהן אין טהעאַטער, וועט איהר מוזען וואַרטען ביז איבער אכטאָג דיענסטאָג... יעדען דיענסטאָג קומט ער אהער...

— אָבער וואָרום עפּעס זיינען דאָ צוויי לינקע שטיוועל? — האָט דער קלאַוויר־שטימער געפרעגט, און גענומען שלעפּען אויף זיך מיט אן אויסדרוק פון עקעל די שטיוועל.

— וואָס פאַר א שטיוועל ער האָט, אזוינע טראָגט ער... צוליעב אָרימקייט... וואו זאָל אַן אַקטיאָר נעהמען בעסערע? איך האָב איהם שוין אויך אמאָל געזאָגט: „אייערע שטיוועל, פּאַוועל אַלעקסאַנדריטש

— האָב איך איהם אמאָל געזאָגט — זיינען אָן אמת'ע חרפה!" האָט ער מיר אויף דעם געענטפערט: „רעספעקט פאר מיינע שטיוועל! אין זיי האָב איך געשפּיעלט גראַפען און פירסטען!" א מאָדנע פאָלק! מיט איין וואָרט, אַן ארטיסט! ווען איך זאָל זיין א גובערנאַטאָר, אָדער אַנאַנדערער מיט מאַכט, וואָלט איך אלע די דאָזיגע אַקטיאָרען גענומען — און אין טיורמע.

קרעכצענדיג און קרימענדיג זיך, האָט מורקין אַרויפגעשלעפּט די שטיוועל אויף די פיס און, אונטערהינקענדיג, איז ער אַוועק צו דער גענעראַלשע שעוועליצינאַ. א גאַנצען טאָג האָט ער זיך אַרומגע־שלעפּט איבער דער שטאָדט און אַנגעשטימט קלאַווירען און די גאַנצע צייט האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט קוקט אויף זיינע פיס און זעהט די לאַטעס אויף די שטיוועל, די אויסגעקרימטע אָפּזאַ־צען! אויסער שאַנדע, האָט ער געליטען נאָך פיזישע וועהטאָגען אויך, ווייל ער האָט זיך אָנגעריבען א היהנער־אויג.

פאַרנאַכט איז ער אַוועק אין טהעאַטער. מען האָט געשפּיעלט די „בלויע באָרד". ערשט פאַר'ן לעצטען אקט, און דאָס אויך צוליעב דער פּראָטעקציאָן פון א בעקאַנטען פלייטענ־שפּיעלער, האָט מען איהם אַריינגעלאָזט הינטער די קוליסען.

אַריינגעקומען צו די מענער אין גאַרדעראָבע־צימער, האָט ער דאָרט געטראָפען דעם גאַנצען מענער־פּערסאָנאַל. מאַנכע פון זיי האָבען זיך איבערגעטאָן, אַנדערע האָבען זיך גרימירט און ווידער אַנדערע האָבען געראַוכערט. די „בלויע באָרד" איז געשטאַנען מיט'ן קעניג באַ־בעש און איהם געוויזען א פּיסטאָלעט.

— קויף — האָט איהם איינגערעדט די בלויע באָרד — מיר האָט זיך געמאַכט עס צו קויפען אין קורסק א מציאה פאר אכט רובעל, דיר וועל איך אָפּלאָזען פאר זעקס... א מערקווירדיגער קנאַקער!

— פּאַרזיכטיג... ער איז דאָך אָנגעלאָדען!

— קען איך זעהן הערר בליסטאַנאָוו'ן? — האָט געפרעגט דער קלאַוויר־שטימער, אַריינקומענדיג.

— איך בין עס אַליין! — האָט זיך צו איהם א קעהר געטהאָן די בלויע באָרד — וואָס פערלאַנגט איהר?

— ענטשולדיגט, וואָס איך בעאונרוהיג אייך — האָט דער קלאַ־וויר־שטימער אָנגעהויבען מיט א בעטענדיגען קול — אָבער, גלויבט

מיר, איך בין א מענש א קראנקער, לייד אויף רהומאטיזם... דער דאקטאר האט מיר פערזאגט, איך זאל, למען השם, האלטען די פיס אין דער ווארימקייט...

— אלזא, וואס, אייגענטליך, פערלאנגט איהר?

— פערשטעהט איהר מיך... — האט דער קלאוויר־שטימער אנגעהויבען ווידער, ווענדענדיג זיך צו דער בלויער באָרד:— איך מיין דאס... די נאכט האט איהר פערבראכט ביי בוכטעיעוו'ן אין די מעבלירטע צימערען... אין נאמער 64...

— וואס דרעהט ער דארט א ספאדיק! — האט זיך אריינגעמישט קעניג באבעש מיט א שמייכעל — אינ'ם נאמער 64 וואהנט גאר מיין ווייב!

— אייער ווייב? זעהר אנגענעהם... — האט מורקין א שמייכעל געטהאן — זיי טאקי אליין, אייער ווייב, הייסט עס, האט דאך מיר דערלאנגט זייערע שטיוועל... ווען זיי — מורקין האט אנגעוויזען אויף בליסטאנאוו'ן — זיינען אוועק פון זיי, האב איך זיך גלייך געכאפט, אז מיינע שטיוועל זיינען נישטא... רוף איך דעם קארידאר־שטעהער, קומט ער צו לויפען און זאגט מיר, אז די שטיוועל האט ער אריינגעשטעלט אין דעם צווייטען נאמער... ער איז געווען שיכור, פערשטעהט איהר, האט ער על פי טעות אוועקגעשטעלט אין נאמער 64 מיינע שטיוועל און אייערע — האט ער זיך א קעהר געטהאן ווי־דער צו בליסטאנאוו'ן — און איהר, בעת איהר זייט אוועק פון זייער פרוי, האט איהר אנגעטאן מיינע...

בליסטאנאוו האט זיך אנגעבלאזען.

— הערט נור — האט ער זיך אנגערופען — איהר זייט געקו־מען אהער פלאטקעס מאכען? הא?

— בשום אופן נישט! וואס רעדט איהר? זאל גאט אויסהיטען! איהר האט מיך נישט פערשטאנען... איך בין בלויז געקומען אייך זאגען, אז איהר האט פערביטען מיינע שטיוועל! איהר האט דאך גענעכטיגט אין דעם נאמער 64?

— ווען?

— אט די נאכט.

— איהר האט מיך דען דארט געזעהן?

— געזעהען האב איך אייך ניט — האט מורקין געענטפערט

שטאַרק צומישט, אַוועקגעזעצט זיך און שנעל פון זיך אַרונטערגע־שלעפּט די שטיוועל: — געזעהען האָב איך אייך נישט, אָבער אייערע שטיוועל האָט מיר אַרויסגעוואָרפען אַט זייער ווייב... אַט דאָ האָט איהר אייערע און גיעט מיר מיינע.

— וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר, מיין הערר, צו בעהויפּטען אַזוינע זאַכען? איך רייד שוין ניט פון מיר אַליין, אָבער איהר בע־לײדיגט אַ פרוי און נאָך אין דער געגענוואַרט פון איהר מאַן!

הינטער די קוליסען האָט זיך אויפגעהויבען אַ געוואַלדיגער טומעל. דער קעניג באָבעש, דער בעליידיגטער מאַן, האָט זיך אָנגעצונדען פלאַם־פייער און געגעבען אַזאַ קלאַפּ מיט'ן פויסט אָן טיש, אַז אין דעם וויבערשען גאַרדעראָבע־צימער, האָבען צוויי אַקטריסעס גענומען פיה־לען שלעכט פאַר שרעק.

— און דו גלויבסט? — האָט געשריען די בלויע באָרד צום קע־ניג באָבעש, צום בעליידיגטען מאַן — דו גלויבסט אַט דעם לומפּ? אַה־אַ! ווילסט, וועל איך איהם דערשיסען ווי אַ הונד? ווילסט? וועל איך פון איהם מאַכען אַ ביפשטייק! איך וועל איהם צורייבען אויף אַש!

און אַלע, וואָס האָבען אין יענעם אָבענד געשפּאַצירט אינ'ם גאָר־טען, נעבען זומער־טהעאַטער, דערצעהלען היינט, אַז פאַר דעם פער־טען אַקט האָבען זיי געזעהען, ווי פון טהעאַטער איז אַרויסגעשפּרונ־גען אַ באָרוועסער מאַן מיט אַ געלען פּנים און מיט ווילד־צושראָקענע אויגען. און נאָך איהם האָט זיך געיאָגט אַ מאַן אין דעם גרים פון דער בלויער באָרד און מיט אַ פּיסטאָלעט אין דער האַנד.

וואָס ווייטער איז געוועזן — האָט קיינער ניט געזעהען. מען ווייס נור, אַז מורקין נאָך דער דאָזיגער בעקאַנטשאַפט זיינער מיט בלים־טאַנאַוו'ן, איז אַ צוויי וואָכען צייט אָבגעלעגען צו־בעט און צו די ווערטער: „איך בין אַ מענש אַ קראַנקער, אויף רהומאַטיזם", האָט ער אָנגעהויבען צוצולייגען: „איך בין אַ מענש אַ פערוואונדע־טער"...